STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11650

DER TSARISHER KURYER, MIKHAIL STROGOV

Jules Verne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Samuel Zacher

זשול ווערן

דער צאַרישער קוריער

מיכאיל סטראָגאָוו פון מאָסקווע ביז אירקוצק

ראָמאַן

יידיש: א. בלום

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

ערשטער טייל

דער באַל אין נייעם פּאַלאַץ

„מאַיעסטעט, שוין ווידער אַ טעלעגראַמע".

„פונוואַנעט?"

„פון טאָמסק".

„און ווייטער, נאָך טאָמסק, איז דער טעלעגראַף איבער געריסן?"

„יאָ, פון נעכטן אָן".

„זאָל מען מיר טעלעגראַפירן פון טאָמסק אַלע שעה".

„צום באַפעל!" — האָט זיך אַ נייג געטון גענעראַל קיסאָווי.

דערדאָזיקער שמועס האָט זיך געפירט אין דער זעלבערצייט, ווען אין נייעם פּאַלאַץ האָט דער באַל דערגרייכט צו זיין גרעסטער פּראַכט. ס'איז געווען צוויי אַ זייגער פאַרטאָג. ס'האָבן געשפּילט די אָרקעסטערס פון פרעאָבראַשענסקי און פּאַוולאָווסקי פּולקן. ס'האָבן זיך געהערט די קלאַנגען פון מאַזורעס, פּאָלקעס, וואַלסן... אָן אָן אויפהער האָבן פאַרבייגעשוועבט טאַנצעדיקע פּאָרלעך. דער הויף-מאַרשאַל האָט מיט גרויס קענטעניש אָרגאַניזירט דעמדאָזיקן באַל, אין וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען גרויספירשטן מיט זייערע פרויען,

שאמבעלאנען, הויף־דאַמען. די גרויספירשטנס, בלישטשעדיקע מיט זייערע ברילאַנטן, און די דאַמען פון דער קייזערלעכע סוויטע, אויסגעפוצטע אין גאלא־קליידער, האָבן צוגעגעבן חשק צו טאנצן די ווייבער פון די העכערע מיליטערישע און ציווילע באאמטע. אַט האָט מען געגעבן אַ סיגנאל, אז עס הייבט זיך אָן אַ פּאָלאָנעז. אין פייערלעכן מאַרש פון די עלעגאנטע פּאַרלעך האָבן פארבלענדט די אויגן דאָס פארשידנפארביקע צירונג, מיט וועלכן ס'זענען געווען באהאָנגען די לאַנגע קליידער מיט שלעפּעס ארומגענייטע מיט שפּיצן און די טייערסטע האפטן, שאפנדיק אין בלענענדיקן ליכט פון די פיל זשיראַנדאָלן אַ ווונדערלעך פארכישופדיקט בילד... ארום און ארום האָבן געשמערירט די מארמאָרענע פילאַרן, ס'האָבן געפינקלט די פאַרגילדונגען פון די הויכע געוועלבן און ס'האָבן געפלאַמט די פּורפּורענע פאָרטיערן ביי די פענסטער און טירן.

דורך די ברייטע פענסטער האָט דאָס ליכט ארויסגעשטראַמט פון די זאלן אין דער שווארצער נאכט אריין, וואָס האָט פארהילט דעם פּאַלאַץ. די געסט, וואָס האָבן נישט געטאנצט, נאָר געשטאנען אין די נישעס פון די ווענט, האָבן געקאָנט אָבסערווירן דורך די שויבן די אין שאָטנס געהילטע ריזיקע סילועטן פון די גלאָקנטורעמס. זיי האָבן געזען די גרויסע צאָל באוואָפנטע וועכטער, וואָס זענען ארומגעגאנגען מיט געמאָסטענע טריט הארט ביי די געשניצטע באַלקאָנען. פון צייט צו צייט האָט זיך אהער דערטראָגן אַ שאַל פון אַ וועכטעריש טרומייטל, אריינרייסנדיק זיך אין ריטם פון אָרקעסטער־מוזיק אויפן באל. ווייטער אביסל האָבן זיך ארויסגעזען ביים שיין פון די שטראַלן, וואָס זענען געפאלן קווער פון פּאַלאַץ, אומבאוועגלעכע שיפלעך ביים ברעג פון אַ שמאָל טייכעלע.

דער, וואָס האָט געמאַכט דעם דאזיקן באַל און וועמען גענעראַל קיסאָוו האָט אנגערופן מיטן העכסטן טיטל, האָט גע־טראָגן אַ פשוטן אוניפאָרם פון אַ אָפיציר פון שיסער־פולק. דאס איז ניִשט געווען פון אים אַ פּאָזע פון עניוותדיקייט, נאָר אַ געוווינהייט פון א מענטש, וואס לייגט נישט צופיל אכט אויפן אויסערלעכן אויסזען. דערדאָזיקער קאָנטראסט האָט זיך אָבער זייער שטארק געלאָזט מערקן, ווען דער הויכער באַלעבאָס האָט זיך באוויזן פון צייט צו צייט צווישן זיין סוויטע קאזאקן און לעזגינען אין זייערע פרעכטיקע קאווקאזער אוניפאָרמען.

הויכגעוויקסיק, מיט העפלעכע באוועגונגען, דאָס געזיכט רויק — כאָטש מיט צייטנווייזע קנייטשן פון דאגה אויפן שטערן — איז ער אומגעגאַנגען פון איין גרופּע צו דער צווייטער. ער האָט אָבער ווייניק גערעדט, און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואלט אַ גאַנץ קליינעם אכט געלייגט אויף די פריילעכע קולות פון דער טאנצעדיקער יוגנט, און אפילו אויך אויף די ערנסטע רייד פון די הויכגעשטעלטע באאמטע און מיטגלידער פון דיפּלאָמאטן־קאָרפּוס, ביי וועלכן ס'זענען געווען פּאַרטרעטן די גרעסטע מלוכות פון אייראָפּע. צוויי דריי פּאָליטיקער—מבינים פיזיאָנאָמען — האָבן באמערקט אויפן געזיכט פון באַלעבאָס סימנים פון אומרויקייט, זיי האָבן אָבער נישט געהאט די דרייסטקייט צו פרעגן זיך וועגן דער סיבה דערפון. דער „גוואַרדיע־אָפיציר" אַליין האָט אָן שום ספק געזאָרגט דערפאַר, אַז זיינע דאגות זאָלן נישט פאַרשטערן די שמחה פון זיינע געסט. און אַזויווי ער האָט דאָך געהערט צו די מאָנאַרכן פון דער וועלט, וועמענס מחשבה, אפילו ווען זי ווערט ניִשט אויסגעדריקט מיט אַ וואָרט, איז אַ באַפעל — איז טאקי די שמחה פון באַל נישט איבערגעריסן געוואָרן אויף קיין איין מינוט.

איבערלייענדיק די טעלעגראַמע האָט זיך אַ וואָלקנדל

פון טרויער פארצויגן אויף זיין געזיכט. נישטווילנדיק האָט זיך זיין האנט געלייגט אויפן הענטל פון שווערד,־ מיט דער אַנדערער האָט ער פאַרשטעלט די אויגן.

צי דאָס ליכט האָט אים געררייצט, אָדער ער האָט געוואָלט פארבאהאלטן זיין אויפרעגונג? ער האָט זיך צוזאמען מיטן גע־נעראַל אריינגעריקט אין שאָטן פון דער נישע.

„הייסט עס, אַז פון נעכט אָן האָבן מיר נישט קיין קאָמו־ניקאציע מיט מיין ברודער דעם גרויספירשט?" — האָט ער ווידער אָנגעהויבן דעם איבערגעריסענעם שמועס.

„ליידער איז אַזוי! די טעלעגראמעס וועלן זיך שוין מער נישט אַדורכקריגן דעם סיבירישן פראָנט".

„אָבער צי האָבן שוין די מיליטער־אָפטיילונגען פון אַמור, יאַקוט אין יענער זייט בייקאַל אוועקגעמארשירט אויף איר־קוצק?

„דאָס איז געווען דער לעצטער טעלעגראַמישער באפעל, וועלכן ס'האָט זיך אונז איינגעגעבן אריבערצושיקן איבער יענער זייט בייקאל".

„זייט ס'האט זיך אָנגעהויבן דער אָנפאַל זענען מיר אין שטענדיקן קאָנטאקט מיט די גובערנאטארן פון יעניסייסק, אָמסק, סעמיפאלאטינסק און טאָבאָלסק — נישט אמת?"

„ריכטיק, מאיעסטעט! און מיר זענען זיכער, אַז די טאַ־טארן *) האבן זיך נישט דערנענטערט ביז די טייכן אירטיש און אָב."

„און וועגן דעם פאַררעטער איוואן אָגארעוו זענען עפעס פאַראן ידיעות?"

„קיין שום נייס. דער פאָליציי־שעף ווייסט נישט, צי ער

*) דא רעדט זיך וועגן די שטאמען, וועלכע באוווינען מיטל־אזיע.

איז אריבערגעגאנגען אויף יענער זייט פון אונדזער פראָנט״.

„מען דאַרף שיקן וועגן דעם אַ מעלדונג קיין ניזשני־נאָוואָגראָד, יעקאטערינבורג, קאַסימאָוו, טיומען אישי, אָמסק, עלאמסק, קאָליוואן, און טאמסק — איבערהויפּט צו אלע טע־לעגראפישע סטאציעס, מיט וועלכע די פאַרבינדונג איז נאָך ביז איצט נישט איבערגעריסן״.

„דער באפעל פון אייער קייזערלעכן מאיעסטעט וועט באלד די מינוט אויסגעפירט ווערן״.

„און וועגן דעם אלעם שווייגן!״

דער גענעראל האט זיך אויסגעמישט מיטן עולם און איז אומבאמערקט פארשוואונדן פון זאל. דער באפעלער האט זיך ווידער דערנענטערט צו די גרופּעס מיליטערלייט און דיפּלאָ־מאטן. זיין געזיכט האט אנגענומען דעם פריערדיקן רויקן אויסדריק.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס דער אויבן באשריבענער שמועס האט זיך געפירט אין דער שטיל, איז ער פונדעסטוועגן נישט אינגאנצן פארבליבן א געהיימניש. ס׳האבן זיך געפונען פערזאָגען פון העכערן ראַנג און פון דיפּלאָמאטישן שטאַנד, וועלכע האָבן עפּעס־וואָס געוווסט וועגן די געשעענישן הינטערן פראָנט, נאָר זיי האָבן פארשטאַנען אָבצוהיטן זייער פליכט צו שווייגן. דאָך האָבן צוויי פון די געסט, אָן מונדורן און אָן שום אויסצייכענונגען, גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל וועגן דאזיקן ענין. ס׳האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטן האבן גאנץ גענויע אינפארמאציעס פון דעם אלעם וואס ס׳טוט זיך אפּ אין געהיים.

און כאטש זיי זענען געווען געוויינלעכע בשר־ודם׳ס נישט באשאָנקענע מיט דער פעיקייט פון העלזען, האבן זיי פונדעסט־וועגן אויפן גרוגט פון זייער פאך, וואס ׳ייגט אויף זיי ארויף

די פליכט אדורכצודרינגען די טיפסטע געהיימנישן און באקו־מען נייעסן פאר אנדערע — האבן זיי דעריבער געקענט אַדורכדרינגען מיטן חוש־הריח, מיטן געהער און מיטן בליק די גרענעצן, וואָס זענען אָנגעצייכנט פאַר יעדען אַנדערן.

בקיצור — דאָס זענען געווען זשורנאַליסטן!

איינער איז געווען אַ ענגלענדער, דער צווייטער — אַ פראַנצויז. ביידע זענען געווען הויך און דאַר. דער פראַנ־צויז אַ ברונעט, ווי געוויינלעך די דרומדיקע באַוווינער פון פּראָוואַנס; דער ענגלענדער — אַ געלער, ווי אַ דזשענטעל־מאַן פון לאַנקעשייר. דער אַנגלאָ-נאָרמאַנדער, איז געווען איינ־געהאַלטן אין ווערטער און באַוועגונגען, קאַלטבלוטיק און פלעג־מאַטיש, האט גערעדט מיט הפסקות, סטערעאָטיפּיש, נאָר דעמאָלט ווען ס׳האבן אים גענייט דערצו וויכטיקע ענינים. דער גאַלאָ־ראָמאַנער, פאַרקערט, איז געווען רירעוודיק און באַרעדעוודיק מיט די אויגן, מיט די הענט, מיט ווערטער; אויף פיל אופנים האָט ער אויסגעדריקט זיין יעדן געדאַנק. דער פראַנצויז איז געווען אינגאַנצן א ו י ג, דער ענגלענדער — אינגאַנצן א ו י ע ר.

דער „דיילי טעלעגראַף" האָט הויך אָפּגעשאַצט דעם אויס־געצייכנטן חוש־השמיעה פון זיין קאָרעספּאָנדענט. וואָס געהער זיך אָן צום פראַנצויז — האָט זיין ראיה געמוזט זיין ווי געהע־ריק אָפּגעשאַצט... נאָר דורך וועלכע צייטונג — האָט מען נישט געקאָנט דערגיין. ער אליין פלעגט זאָגן, אַז ער קאָרעספּאָנדירט מיט זיין „קוזינע מאַגדאַלענאַ". ס׳איז אָבער כדאי צו באַמערקן, דאָס נישט קוקנדיק אויף זיין פלומרשטער אָפּנהערציקייט, האָט דאָך דערדאזיקער סובטעלער פראַנצויז איבערגעיאָגט מיט זיין באַהאַלטנקייט זיין ענגלישן קאָלעגע. אפילו דאָס באַרעדעוו־דיקייט זיינס האט אים אין אַ געוויסער מאָס געדינט בעסער אויס־צובאַהאַלטן זיינע געדאַנקען.

ביידע האָבן זיי זיך געפונען אויפן באַל אין ניי עם פּאַלאַץ אין דער נאַכט פון 15-טן אויפן 16-טן יולי *) אַלס זשור־נאַליסטן און פאַרן נוצן פון זייערע לעזער. ביידע האָבן ליב געהאַט זייער פאַך און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ הייליקער מיסיע. קאַלטבלוטיקע זענען זיי געגאַנגען אין שליחות פון זייער דאַזיקן פאַך, גרייט אַדורכצוברעכן מויערן, אַריבערצושווימען טייכן אין געיעג נאָך נייעסן, און ווי יענער אַטעלעטישער שנעל־לויפער זענען זיי גרייט געווען צו פאַלן אָן אָטעם, אַבי צו זיין די ערשטע ביים ברענגען אַ וויכטיקע בייס. די רעדאַקציעס האָבן זיי נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, כדי צו געבן זיי די מעגלעכקייט אַדורכצובאַקומען זיך אומעטום ווו ס'איז נייטיק. צום שבח פון די ביידע זשורנאַליסטן דאַרפן מיר דאָ באַמערקן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין חשק אַריינצוקוקן אין פּריוואַטע געהיימנישן, נאָר האָבן זיך פאַרנומען זייט פיל יאָרן בלויז מיט צושטעלן פּאָליטישע און מיליטערישע ידיעות.

אַלסיד זשאָליווע און האַררי בלאָונט האָבן זיך גע־טראָפן אויף יענעם באַל צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן. צוליב זייערע פאַרשידנאַרטיקע נאַטורן, זייענדיק דאַבײַ קאָנ־קורענטן פון איין פאַך, האָבן זיי זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געקענט פילן קיין סימפּאַטיע איינער צום אַנדערן. דאָך האָבן ביידע געזוכט אַ דערנענטערונג אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן. דאָס אויג פון דעם איינעם האָט געקאָנט צונויף קומען דעם אויער פון צווייטן — און פאַרקערט.

ביידע האָבן זיי עפּעס דערשנאַפּט אין דער לופט פון דאַזיקן אָוונט. ס'זאָל זיך נאָר אַמאָל נישט אויסלאָזן מיט אַ

*) דער אויטאָר גיט דאָ נישט אויף דאָס יאָר, וואַרשיינלעך האָט די געשיכטע פּאַסירט אַרום 1864 יאָר.

צייטונגס-קאַטשקע, וואָס איז נישט כדאי די טרחה.

„דאָס איז אַ פּרעכטיקער באַל!“ האָט זשאָליווע אָנגעהויבן דעם געשפּרעך מיט אַן אמת פראַנצייזישן מאַניער.

„כ׳האָב שוין טעלעגראַפירט: „ספּלענדיד!“ האָט אָפּגע-ענטפערט פלעגמאַטיש בלאונט, אַקצענטירנדיק דאָסדאָזיקע וואָרט, וואָס באַדייט ביי די ענגלענדער אַנטציקונג.

„און איך... צו מיין קוזינע מאַגדאַלענע“.

„צו דער קוזינע מאַגדאַלענע?“ האָט זיך בלאונט פאַרוואונדערט.

„יאָ, דאָס אינטערעסירט זי. כ׳האָב אפילו איר געמוזט מודיע זיין וועגן דעם, אַז אַ לייכט וואָלקנדל האָט, דאַכט זיך, פאַרצויגן דאָס געזיכט פון הויכן גאַלעבאָס“...

„און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס שטראַלט“ האָט געזאָגט בלאונט, ווייזט אויס, כדי צו פאַרהוילן פון יענעם, אַז אויך ער האָט טאַקי דאָס זעלבע באַמערקט.

„און איר האָט עס געהייסן שטראַלן אויף די שפּאַלטן פון דיילי-טעלעגראַף!“...

„פאַרשטייט זיך!“

„צי געדענקט איר דעם באַל פון יאָר 1812 ?“

„ווי כ׳וואָלט דאָרט אַליין געווען“ האָט אַדורכגעזופּט די ווערטער מיט אַ שמייכל דער ענגלענדער.

„ווייסט איר דאָך הייסט עס“ האָט פאַרענדיגט זשאָליווע, „אַז בשעתן באַל, וואָס איז געגעבן געוואָרן לכבוד דעם קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, האָט מען געבראַנגט די ידיעה, אַז נאַ-פּאָליאָן איז אַריבער דעם ניעמען מיט אַן אַוואַנגאַרד פראַנצייזיש מיליטער. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אַזאַ ידיעה האָט גע-קאָנט זיין דער אָנזאָג פון פאַרלירן דאָס קייזערטום, האָט דער קייזער נישט דערלויבט פונדעסטוועגן, אַז די אומ-רויקייט זאָל פאַרשטערן דעם באַל“..

„נאטירלעך מיינט איר נישט מיט דעם אנצווינקען אויף דער נייס פון גענעראל קיסאָוו, אז ס'זענען געוואָרן איבער-געריסן די טעלעגראף-דראָטן צווישן פראָנט און דער גובערניע-שטאָט אירקוצק?"

„אָ! אויך איר ווייסט שוין וועגן דעם?!"

„א ביסל..."

„איך אויך. איך מוז עס וויסן. מיין לעצטע טעלעגראַמע איז דערגאַנגען נאָר ביז אודינסק" האָט געזאָגט מיט צופרידנקייט זשאָליווע.

„מיינע נאָר ביז קראַסנאָיאַרסק" האָט באַמערקט נישט ווייניקער צופרידן בלאונט.

„ווייסט איר אַלזאָ אויך וועגן באַפעל אַרויסצושיקן מי-ליטער פון ניקאָלאיעווסק?"

„און אויך וועגן טעלעגראַפישן באַפעל צו קאָנצענטרירן די קאָזאַקן אין טאָבאָלסק".

„דאָס אַלץ איז אמת, און גלייבט מיר. הער בלאונט, אז מיין ליבע קוזינע וועט שוין מאָרגן וועגן די אַלע פּאַראָ-דענונגען עפּעס וויסן".

„פּונקט ווי די לעזער פון דיילי-טעלעגראַף, הער זשאָליווע!"

„אָט דאָס הייסט זעען אַלץ וואָס עס טוט זיך!"

„און הערן אַלץ וואָס מען רעדט!"

„ס'איז אינטערעסאַנט נאָכצופאָרשן די דאָזיקע קאַמפּאַניע, הער בלאונט".

„פאָרש איך טאַקע נאָך, הער זשאָליווע".

„וועלן מיר זיך אלזא נאָך אפילו טרעפן אויף אַ ווייני-קער זיכערן געביט, ווי דער פּאַרקעט פון דאָזיקן זאַל?"

„ווייניקער זיכערן, אָבער..."

„אָבער אויך ווייניקער גליטשיקן!‟ האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל זשאָליווע, אינטערהאַלטנדיק זיין קאָלעגע אין דער רגע ווען יענער האָט זיך אַ וואַקל געטון.

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך געעפנט די טירן פון דאַבייאַיקן זאַל.

פאַר די אויגן האָבן זיך באַוויזן אַ סך לאַנגע טישן, הערלעך געדעקט. דער הויפּט-טיש, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די גרויספירשטן און מיטגלידער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, האָט פאַרבלענדט מיטן פּראַכט פון גאָלדענע כלים פון לאָנדאָן און פון פאָרצעלייענע קונסטזאַכן פון סעווער.

די געסט האָבן זיך געזעצט צום מאָלצייט.

פלוצלינג האָט זיך גענעראַל קיסאָוו דערגענטערט צום „גוואַרדיע־אָפיציר‟. ער האָט געשעפּטשעט:

„די טעלעגראַמעס דערגייען שוין נישט אויך ביז טאָמסק.‟

„שוין רופן אַ קוריער!‟

דער אָפיציר האָט פאַרלאָזט דעם גרויסן זאַל און איז אַריין אין אַ דאַבייאַיקן צימער. דאָס איז געווען אַ גאַנץ געוויינטלעך אויסגעמעבלירטער קאַבינעט, וואָס האָט זיך געפונען אין ווינקל־עק פון פּאַלאַץ. איבערן דעמבענעם שרייבטיש האָבן געהאָנגען עטלעכע בילדער.

דער „אָפיציר‟ האָט שנעל געעפנט ס׳פענסטער, דערנאָך איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן און האט מיט אַ ברייט־געעפנט מויל אַריינגעשעפּט לופט, אַזוי ווי ער וואָלט אים אויסגעפּעלט אין די לונגען.

פאַר זיינע אויגן האָט זיך בעצויגן באַשייַנט פון לבנה־ליכט, אַ פעסטונג־מויער, וואָס האָט אַרומגערינגלט צוויי קאַטעדראַלעס, דריי פּאַלאַצן, און אַרסענאַל. הינטער דער מויער האָבן זיך אַרויסגעצייכנט די קאָנטורן פון דריי באַזונדערע שטעט:

קיטאַיגאָראָד, ביעלאָיגאָראָד, זעמלאַנאָיגאָראָד; ריזיקע קוואַר־טאַלן: איראָפּעישע, טאַטאַרישע, כינעזישע, קלאָקן טורעמס, מאָ־נאַסטירן, קופּאָלן פון דריי הונדערט צערקוועס, אַ לאַבירינט פון פּאַנאַנדערגעוואָרפענע אויף באַרגפּלאַכן נידריקע הייזלעך און הויכע געביידעס מיט גרינע דעכער און רויטע ווענט — אַ פאַנטאַסטישע מאָזאַיק, וואָס שיינט אַפ ווי פאַרכישופט אין בלאַסן ליכט פון דער לבנה, און וואָס ציט זיך אויף אַ שטח פון עטלעכע וויאָרסט, אַדורכגעפלאָכטן מיט גערטנער, אַדורכ־געשניטן דאָ און דאָרט מיט אַ שטעגלדיקע לענטע פון אַ טײַ־כעלע.

דערדאָזיקער טײַך איז מאָסקווע, אויך די שטאָט הייסט מאָסקווע — און די דאָזיקע פעסטונג־מויער איז דער קרעמל. און דערדאָזיקער גוואַרדיע־אָפיציר, וועלכער האָט זיך איינ־געהערט פאַרטראַכטערהייט און מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט צום גערויש, וואָס שטראָמט אַרויס פון נייעם פּאַ־לאַץ אויף דער אוראַלטער שטאָט — איז געווען צאַר אַלעק־סאַנדער דער צווייטער.

די רוסן און די טאַטאַרן

דעם צאַרס דאגה איז געווען אַ באַרעכטיקטע. אויף דער אַנ־דערער זייט גרענעץ פון אוראַל זענען פאָרגעקומען זיי־ער וויכטיקע געשעענישן. דער שרעקלעכער טאַטאַרישער אָנפאַל האָט געקענט ברענגען צום אַרויסרייסן פון אונטער דער רוסישער הערשאַפט די סיבירישע געגנטן.

אַזיאַטיש־רוסלאַנד, אָדער סיביר, שטעלט מיט זיך פאָר דעם גרעסטן שטח פלאַכלאַנד פון דער אַלטער וועלט. צוועלף מיט אַ האַלבן מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, דאָס איז איין דריטל פון גאַנץ אַזיע. דער דאָזיקער שטח ציט זיך פון די אוראַלער בערג, וועלכע טיילן אים אָפּ פון אייראָפּע, צו מזרח־זייט — ביז די ברעגעס פון שטילן אָקעאַן. אויף דרום־זייט גרענעצט זיך מיט סיביר טורקעסטאַן און די כינעזישע מלוכה; אויף צפון — דער אייז־אָקעאַן און דער קאַרישער ים ביזן בערינגער ים־אויסגוס. סיביר טיילט זיך אויף די פאָלגנ־

דיקע גובערניעס: יעניסייסק, אירקוצק, טאָבאָלסק, טאָמסק, און אויף די: אמורער, טראנסבייקאַלער, יאקוצקער און ברעגלאנד קאנטן, צורעכענענדיק די צו רוסלאנד אנגעהעריקע לענדער פון די קירגיזן און די טשוקטשן, ווי אויך דאס האַלב-אינדזל קאמ-טשאַטקאַ. דאָסדאזיקע ריזיקע לאנד איז געווען אַ געביט, אויף וועלכן מען האט פארשיקט קרימינעלע און פאליטישע פארברע-כער. אין דער צייט ווען ס'האט פאסירט דידאזיקע געשיכ-טע, האבן צוויי גענעראל-גובערנאטאָרן רעגירט אין נאמען פון צאַר איבער דעמדאזיקן וויסטן לאנד. קיין אייזנבאן איז נאך דעמאלט נישט אדורכגעגאנגען דורך דידאזיקע ריזיקע לאנד-פלאַכן, וועלכע זענען אין געוויסע ערטער אויסערגעוויינלעך פרוכטבאר. די מאדערנע עקבויערס האבן נאך דעמאלט נישט אדורכגעבויערט טיף אין דער שויס פון דערדאזיקער ערד, וואס אנטהאלט אין זיך געוואלטיקע אוצרות פון פארשידענע מינעראלן. דא פלעגט מען פאָרן אין טאראנטאַסן און אויף פורן, ווינטער אויף שליטנס. אבער פון אוראל אן איז שוין דא אדורכגעלאפן אַ דראט, אייגאייגציקער, אויף אַ לענג פון איבער אכט טויזנט ווירסט. דערדאזיקער דראט האט איבער-געטראגן טעלעגראַמעס פאַרן פרייז מער ווי זעקס רובל פאַר יעדן ווארט. פון אירקוצק, דורך דער מאנגאלישער גרענעץ, האט די פאַטשט געקענט איבערפירן די טעלעגראמע קיין פע-קין אין פאַרלויף פון צוויי וואכן.

אט דערדזעלבער טעלעגראפישער דראט, וואָס איז געווען געצויגן צווישן יעקאטערינבורג און ניקאָלאַיעווסק, איז געוואָרן איבערגעריסן צום ערשט נאָך טאָמסק, אין עטלעכע שעה שפּע-טער – צווישן טאָמסק און קאָליוואן. און איצט האט דער צאר געקלערט וועגן דער נויטיקייט ארויסצושיקן אַ קוריער צו די ערטער, פון וועלכע ס'זענען שוין נישט אנגעקומען קיין שום ידיעות.

דער צאַר האָט זיך אומגעקערט פון באַלקאָן אין קאַבי־נעט אריין, ווען אויפן שוועל האָט זיך באוויזן דער פּאָליציי־שעף. דער צאַר האט אים צוגעוואָרפן אַ פראַגע:

„וואָס ווייסט איר, הער גענעראַל, וועגן איוואַן אָגארעוון?"

„דאס איז א זייער געפערלעכער מענטש."

„אין דער ראַנגע פון אַ פּולקאָווניק?"

„יאָ."

„אַ אינטעליגענטער?"

„זייער. אָבער וואָס קאָן זיך נישט באַהערשן... שרעקלעך אַמביציעז... ער האָט זיך פרי אַריינגעלאָזט אין אינטריגעס. דערפאַר האָט אים מיט צוויי יאָר צוריק דער גרויספירשט דע־גראַדירט און פאַרשיקט קיין סיביר. מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט אים באַגנעדיקט. ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד"...

„און איצט?"

„איז ער צוריק אַוועק קיין סיביר... מיטן אייגענעם ווילן! דערפאַר וואָס — — ס'איצט אַזאַ צייט ווען מען קאָן שוין צוריק קומען פון סיביר..."

אין דערדאָזיקער באַמערקונג איז געלעגן באַהאַלטן אַ שטילער פאָרוואורף. דער צאַר האָט עס דערפילט און שטאָלץ געזאָגט:

„ביי מיין לעבן איז סיביר געווען און וועט זיין אַ לאנד, פון וועלכן מען קומט צוריק!"

דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז די רוסישע גערעכטיקייט האָט זיך אויסגעלערנט מוחל זיין — אַ זאך מיט וועלכער דער פּאָליציי־שעף האָט נישט געקאָנט מסכים זיין. אָבער די רייד פון צאַר האָט ער געמוזט פאַרשווייגן. דער קייזער האָט ווי־טער זיך נאָכגעפרעגט:

„צי האָט זיך אָגאַרעוו נישט אומגעקערט קיין רוסלאַנד צום צווייטן מאָל ?“

„יאָ... נאָך אַ געהיימניספולע רייזע איבער די סיבירער קאַנטן.

„און דעמאָלט האָט די פּאָליציי אים אויפגעהערט נאָכצושפּירן ?“

„ניין! — די פאַרמישפּטע ווערן געפּערלעך נאָכדעם ווי זיי ווערן באַגנאַדיקט“.

דער צאַר האָט געקנייטשט די ברעמען. דער פּאָליציישעף האָט זיך שוין געהאַט דערשראָקן, טאָמער האָט ער אַריַ ברגעכאַפּט די מאָס. אָבער דער קייזער האָט קיין חשק געהאַט צו מאַכן פאָרוורפן; סאיז איצט נישט געווען קיין צייט דערויף.

„ווו איז ער לעצטנס געווען?“

„אין פּערם... אָבער דאָרט האָט מען אין זיין אויפפירונג נישט באמערקט קיין שום פאַרדעכטיקע זאַך. אין דער העלפט פון חודש מאַרץ איז ער פון דאָרט פאַרשוווּנדן געוואָרן... ער איז אוועקגעפאָרן“.

„וווהין? און וואס האט ער געטון?“

„צום באַדויערן ווייסן מיר נישט“.

„אָבער איך ווייס“, האָט מיט אַ פעסטן טאָן אָפּגעענטפערט דער קייזער. „איך האָב דערהאַלטן אַנאָנימע בריוו, וועלכע האָבן אויסגעמיטן די פּאָליציי... און לויט די איצטיקע געשעענישן זע איך טאַקי, אַז זיי האָבן מיר מיטגעטיילט גענויע פאַקטן.“

„צי מיינט דערמיט אייער קייזערלעכער מאַיעסטעט, אַז איוואַן אָגאַרעוו האָט אַ שייכות צו דער טאַטאַרישער אינוואַזיע?“ האָט כמעט אויסגעשריגן דער פּאָליציי־שעף.

„אָט אַזוי איז עס. איך וועל אייך באַקאַנט מאַכן ווענן

דעם וואָס איר ווייסט נישט. אַגאַרעוו פאַרלאָזנדיק פערם, איז אַוועק הינטער אוראַל. אין די קירגיזער סטעפּעס האָט ער גע־בונטעוועט די דאָרטיקע באַפעלקערונג — און האָט געהאַט ער־פאָלג! דערנאָך האָט ער זיך געפונען ווייטער — אויף דרום — אין פרייען טורקעסטאַן, אין די כאַנאַטן פון בוכאַרע, קאָקאַנד, און קונדוז. דאָרט האָט ער געפונען אָנפירער, וועלכע זענען געוועזן גאַנץ גערן צו וואַרפן אויף אונדז זייערע מחנות און אַרויסצורופן אַ בונט אין אַלע סיבירער קאַנטן. און היינט איז צייטיק געוואָרן די פרוכט פון זיין דאָזיקע טעטיקייט"...

רעדנדיק האָט דער קייזער אויפגערעגט געשפּרייזט אי־בערן צימער. דער פּאָליציי־שעף האָט געקלערט נאָר וועגן איין זאַך: וועגן דעם, אַז ווען די צאַרן האָבן נישט געשאָנקען קיין חסד די פאַרשיקטע, האָבן אַזעלכע פּלענער ווי אָגאַרעווס נישט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן. פאַלגנדיק אין פאָטעל האָט דער צאַר מיט פאַרביטערטקייט אים אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף, אַז דער גורל פון די טעלעגראַמעס, וואָס דאַרפן באַוועגן די סיבירישע מיליטער־אָפּטיילונגען, איז נישט באַוואוסט, און די, וועלכע זענען געוואָרן אַרויסגעשיקט פון פערם און פון ניזשני־נאָוואָגראָד, ווי אויך די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען, וועלן ערשט קוים אין עטלעכע וואָכן אַרום דערגיין צום שונאס ליניע.

„פונדעסטוועגן האָט דאָך דער גרויספירשט געמוזט דער־האַלטען אַ ידיעה, אַז ער וועט באַקומען הילפס־קרעפטן פון אירקוצק", האָט בעמערקט טרייסטנדיק דער גענעראַל.

„וועגן דעם ווייסט ער, אָבער ער ווייסט נישט, אַז איוואַן אַגאַרעוו, זיין פערזענלעכער פיינט, שפּילט די ראָלע פון אַ פאַררעטער. ער ווייסט נישט וועגן דעם, אַז דערדאָזיקער מענטש, וואָס איז אים אומבאַקאַנט, גרייט זיך אונטער אַ פרעמדן נאָמען אים פאַרצולייגן זיין מיטהילף, אַזוי־אַרום צו

באַקומען פון אים צוטרוי צו זיך, כּדי צו פאַרנעמען מיט דער הילף פון די טאַטאַרן אירקוצק און נוקם צו זיין זיך אָן אים פאַר דער שטראָף, וואָס ער האָט אַמאָל פון אים באַקומען. אָט דאָס אַלץ ווייס איך פון די ראַפּאָרטן – וועגן וועלכע מיין ברודער האָט נישט דעם מינדסטן באַגריף!"

„מאַיעסטעט! פונדעסטוועגן אַ אינטעליגענטער און דרייס־טער קוריער..."

„אַזעלכן זוך איך טאַקי."

„ער וואָלט געמוזט אַדורכלויפן דעם געביט, וואָס איז זייער גינסטיק פאַר אַ בונט."

„וואָס הייסט?... איר מיינט או דאַי, געגעראַל, אַז אונדזערע כּאַליטישע פאַרשיקטע וועלן דערלאַנגען אַ האַנט די שונאים", האָט אויסגערופן דער צאַר, „איך רעכן, אַז זיי פאַרמאָגן אין זיך מער פאַטריאָטיזם ווי..."

דער פּאָליציי־שעף איז צוטומלט געוואָרן און האָט אַרויס־געשטאַמלט:

„יאָ... אָבער... צווייטנס געפינען זיך דאָרט אויך אנדערע פאַרשיקטע."

„די קרימינאַליסטן?! אָך, זיי שענק איך דיר אַוועק. דאָס איז דער אָפּפאַל, וואָס האָט נישט קיין פאָטערלאַנד. אָבער אַלע פילן, אַז דערדאָזיקער אָנפאַל דראָט נישט מיר, נאָר דעם לאַנד, וועלכעס זיי האָפן נאָך צו זעען... וועלכעס זיי וועלן זעען! קיינמאָל וועט אַ רוס נישט פאַרייניקן זיך מיטן שונא, כּדי צוצעברעכן די רוסישע מאַכט."

דער קייזער־רעפּאָרמאַטאָר, וואָס האָט אין די געריכטן אריינגעפירט צוזאמען מיט דער גערעכטיקייט אויך גענאָד, האָט געהאַט אַ ריכטיקן פּרינציפּ אָנצוגעטרויען דעם פאַטריאָטיזם פון די פאַרשיקטע. דאָך האָט די איגוואַזיע געקאָנט באַקומען

א פעסטערע הילף — פון די קירגיזישע באפעלקערונג.

די קירגיזן צעטיילט אויף דריי מחנות, האָבן געציילט אין זייערע פיר הונדערט טויזנט געצעלטן קרוב צו צוויי מיליאָן נפשות. צווישן זיי זענען געווען פרייע שטאַמען; ס'זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון רוסלאַנד, און אַנדערע, וואָס זענען געווען אונטער דער השפּעה פון טורקעסטאַן. א טייל פון זיי האָבן געפירט אַ וואַנדערלעבן בײַ די ברעגן פון אירטיש, אַנדערע ווידער זענען דערגאַנגען ביז קיין אָמסק און טאָבאָלסק. זייער פאַרייניקן זיך מיטן שונא האָט געדראָט, אַז סיביר זאָל אָפּגעשניטן ווערן פון רוסלאַנד. אמת טאַקי די קירגיזן זענען נישט קיין גרויסע קענער פון דער מלחמה־קונסט, זיי זענען גיכער נאַכט־רויבער און קאַראַוואַן־באַפאַלער, איידער רעגולערע זעלנער. אַ פּירעק פון רייטער וועט צוטרעטן אַ צענפאַך גרעסערע מאַסע קירגיזן, און איין האַרמאַטן־שאָס וועט זייערע מחנות צעטרייבן. אָבער ווען וועלן די האַרמאַטן און די קאַוואַלעריע אָהינדערגרייכן פון אַ מרחק פון צוויי צי דריי טויזנט ווערסט דורך זומפּן און ווּיסטענישן ?!

זייענדיק איבערהויפּט נאָמאַדן־וואַנדערער האָבן זיי מיט אומצופרידנקייט בעקוקט אויף די רוסישע מיליטערישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיי געוואָלט באהערשן, און דערפאַר האָט מען זיך געקאָנט ריכטן, אַז דאָס אָנרעדן פון די סולטאַנען פון טורקעסטאַן און די כאַנען פון בוכאַרע, קאָקאַנד — מאַכמעדאַנער פּונקט ווי זיי — האָט געווירקט אויף זיי זיי זאָלן זיך באַשליסן אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די פּראַוואָסלאַוונע.

די טאַטאַרן, וועלכע האָבן אין דאָזיקן פאַל נעדראָט דער רוסישער אימפּעריע, געהערן איבערהויפּט צו דער קאַוקאַזער ראַסע, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע, וואָס פאַררעכענען זיך צו דער מאָנ-

גאָלישער ראַסע. זיי האָבן פאַרנומען די ווייטע שטחים ערד פון טורקעסטאַן, וואָס איז געווען צוטיילט אויף אַ רייע כאַנאַטן. דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז געווען בוכאַרע. דער הערשער פון בוכאַרע, פּעאָפּאַר־כאַן, האָט געפירט די פּאָליטיק פון זיינע פאָרגענגער, וועלכע האבן שוין נישט איין מאל געפירט מלחמה מיט רוסלאנד צוליב דער הערשאפט איבער די קירגיזן.

דידאזיקע מלוכה, האבנדיק אַ באפעלקערונג פון צוויי און אַ האלבן מיליאָן איינוווינער, פארמאגט אַ זעכציק־טויזנט־קעפּיקע ארמיי, וואס קאָן אין אַ מלחמה־צייט אויסוואקסן ביז דרייפאַך, און דרייסיק טויזנט פערד. דאס לאנד איז רייך פון דער נאטור און מעכטיק דורכן פארנעמען שכנותדיקע געביטן. עס פארמאגט ניינצן גרעסערע שטעט, און איז ארומגערינגלט מיט א מויער, וואס איז לאנג אכט טויזנט ענגלישע מייל. בוכארע איז באַרימט אלס צענטער פון דער מאכמעדאנישער וויסנשאפט. די שטעט זענען באַרימט מיט זייערע היסטארישע בנינים און הויכע טורעמס, ווי אויך מיט פעסטונגס־מויערן; א חוץ דעם זענען זיי באשיצט דורך בערג אָדער דורך זייער איזאָלירטקייט צווישן די אָאַזיסן.

האט דערדאָזיקער גייציקער און ווילדער כאַן פון בוכארע געשטיצט פון אנדערע כאַנען, געשטעלט זיך אין שפּיץ פון מיטל־אזיאטישע מחנות און אריינגעדרונגען אין סיביר. און די נשמה פון דערדאזיקער אינוואזיע איז געווען איוואן אָגארעוו.

דער פאררעטער האָט דורך זיין שנאה און גייציקייט אויסגעארבעט אַ פּלאַן פון אַ מעכטיקער אָפענסיווע אויף רוסלאַנד, איבערשניידנדיק דעם גרויסן סיבירער וועג.

דער עמיר — אזוי איז געווען דער טיטל פון בוכאַרער כאַן — האט געווארפן זיינע מחנות דורך דער רוסישער גרענעץ. ער האָט פארנומען סעמיפּאלאַטינער גובערניע, אָפּשטויסנדיק די קליינע

צאַל קאָזאַקן-פּאַטרולן, און האט מארשירט ווייטער, מיטציענדיק מיט זיך די קירגיזן. אויפן גאנצן וועג האט ער מיט זיך מיטגעפירט די לאַגערס מיט זייערע ווייבער און קנעכט פון שטאָט צו שטאָט. אומעטום האָט ער געראַבירט, געמאָרדעט, אַריינגעזעצט אין תפיסה, נעמענדיק זיך פאר אַ ביישפּיל דעם גרויזאַמען טשינגיס-כאַן, וועמענס נאָמען ס'איז פאַרשריבן מיט בלוט אין דער געשיכטע.

ווו געפינען זיי זיך איצט? — ביז וואַנען האָבן זיך צוריקגעצויגן די רוסישע מיליטער-אָפּטיילונגען? — וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביי דער רוסישער מאַכט? — אויף קיין איינע פון די אַלע פראַגן האָט מען נישט געקענט באַקומען קיין ענטפער. דער שליח, וואָס שרעקט זיך פאַר קיין זאַך נישט: נישט פאַר היצן זומער און נישט פאַר פרעסט ווינטער, אָן יעדן פאַרלאַנג און באַדערפעניש, וואָס איז שנעל ווי א בליץ — אָט דער שליח אין געשטאַלט פון אַ אומזעבאַרן עלעקטרישן פונק — האָט זיך מער נישט געקענט אַדורכרייסן דורך די סיבירער סטעפּעס. דער דראָט צווישן קאָליוואַן און טאָמסק איז געוואָרן איבערגעשניטן.

דער קוריער, וואָס האָט געזאָלט פאַרטרעטן דעם עלעקטרישן פונק און וואָרגען דעם גרויספירשט פאַרן שרעקלעכן פאַראַט, אַ מענטש, האָט געמוזט פאַרשווענדן זייער פיל צייט אויף אַדורכצולויפן די 5,523 קילאָמעטער, וואָס האָבן אָפּגעטיילט מאָסקווע פון אירקוצק, און האָט געמוזט באַזיצן אינטעליגענץ און אַ איבערמענטשלעכן מוט, כדי אַדורכצורייסן זיך צום ציל דורך טויזנטער סכנות.

„צי וועל איך געפינען אַזאַ איינעם?" האָט געפרעגט דער צאַר...

מכאיל סטראגאוו.

דער שווייצאַר פון קייזערלעכן קאַבינעט האָט געמאָלדן דעם גענעראַל קיסאָוו. דער צאַר האָט שנעל געפרעגט דעם אַריינקומענדיקן:

„אייער קוריער?"

„דאָ איז ער — ער וואַרט".

„אַ פּאָסיקער מענטש?"

„כ'בין ערב פאַר אים מיט מיין קאָפּ."

„פון די פּאַלאַץ-דינער?"

„יאָ, מאַיעסטעט".

„קאָנסט אים פערזענלעך?"

„ער האָט דערפילט מיינע שווערסטע באַפעלן."

„אין אויסלאַנד?"

„ניין, אין סיביר."

„פונוואַנען שטאַמט ער?"

„פון אָמסק, אַ סיביריאַק."

„ער איז קאַלטבלוטיק? פאַרמאָגט אינטעליגענץ, מוט?"

„אַלץ, אום צו דערגרייכן ערפאָלג דאָרט, ווו אַנדערע וואָלטן פאַרלוירן געגאַנגען."

„אַ דויערהאַפטיקער?"

„ביז גאָר — אויף קעלט, הונגער, דורשט, שלאָפלאָזיקייט."

„ער האָט אַ אייזערנעם קערפּער?"

„יאָ, מאיעסטעט!"

„און אַ הארץ?"

„פון גאָלד."

„ער הייסט?"

„מיכאַיל סטראָגאָוו."

„גרייט אין וועג אריין?"

„ער וואַרט אויף די באַפעלן פון אייער קייזערלעכן מאַיעסטעט."

„זאָל ער אריינגיין."

אין אַ רגע ארום איז אַריינגעקומען דער גערופענער אין קאַבינעט. מיכאַיל סטראָגאָוו איז געווען איינער פון די שענסטע טיפּן פון דער קאַווקאַזער ראַסע. אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטער ברוסט און געזונטע מוסקולן, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק, ווען ער איז געשטאַנען אויף אַן אָרט, ווי ער וואָלט אריינגעוואַקסן אין דער ערד. זיינע געדיכטע שוואַרצע האָר זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבערן שיינעם אינטעליגענטן שטערן. דאָס געזיכט זיינס, געוויינלעך בלאַס, האָט זיך גערייטלט איצט, ווען ס'האַרץ פולסירט מיט שטאַרקער אויפרעגונג. זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ קלאָרן בליק פון העלדישן מוט. זיינע באַזלעכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי ביי אַ ראַסאָוון רייטפערד.

ער האָט גישט פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט פאַרבערפּן די הענט אין פאַרצווייפלונג, אָדער קראַצן זיך אין קאָפּ אין פאַרלעגנהייט. ער איז געווען אַ אָנטשלאָסענער, קאַרג אין ווער־טער און אין באַוועגונגען. ער האָט גיכער מאַרשירט איידער געגאַנגען, ענלעך צו אַ גוט אויסגעפּרוּווטן זעלנער, וואָס גייט טראָגן דעם שונאס אָקאָפּעס. ער האָט געטראָגן אַ עלעגאַנטן שיסער־אוניפאָרם, באַצירט מיט אַ אויסצייכענונג־קרייץ און מיט אַ סך מעדאַלן. ער האָט אָנגעהערט צו דער רייע ספּעציעלע קייזערלעכע קוריערן, צווישן וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער פּינקטלעכקייט אין אויספירן באַפעלן — אַ מעלה וואָס איז זייער שטאַרק געשעצט געוואָרן אין דער מאָסקווער אימ־פּעריע. ער איז געווען פּונקט ווי באַשאַפן צו אַ שליחות, וואָס איז פאַרבונדן מיט סכנות, איבערהויפּט אויף דער סיבירער ערד, וועמענס מנהגים און דיאַלעקטן ער האָט געקאָנט אויסגעצייכנט.

זיין פאָטער, פּיאָטר סטראָגאָוו, וואָס איז געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק, האָט געוווינט אין אָמסק; געווען איז ער פון פאַך אַ יעגער. ער פלעגט אַדורכלויפן די סטעפּעס, אין די גרעסטע היצן, ווי אין די גרעסטע פרעסט, וואָס פלעגן טיילמאָל דערגרייכן 50 גראַד אונטערן זעראָ, יאַגנדיק זיך מיט אַ ביקס נאָך קליינע חיות, און מיט אַ ווידלע אָדער אַ מעסער נאָך גרויסע. ווען ער האָט שוין געהאַט דערהרגעט אין זיין לעבן ניין און דרייסיק בערן, האָט ער אַוועקגעלייגט ס׳געווער און גענומען זיך צו ערד־אַרבעט, גלויבנדיק אין דעם פאָרורטייל, אַז ווען מען דערהרגעט דעם פערציקסטן בער פאַרלירט מען ס׳לעבן.

זייט יענער צייט פלעגט זיין זון מיכאַיל אים צוהעלפן אין דער אַרבעט. אַלטזייענדיק פערצן יאָר האָט ער צום ערש־טן מאָל דערהרגעט אַ בער, וועלכן ער האָט אַליין צעטרייבערט

און זיין גיגאַנטישע פעל געשלעפּט עטלעכע מייל ביז צו דער היים. ביי אַזאַ שטייגער לעבן האָט ער זיך דערוואָרבן אַן אייזערן געזונט, אַזויווי ס׳רוב איינוווינער פון צפון, די יאַקוטן. ער האָט געקאָנט אויסקומען אַ מעת-לעת אָן עסן און אָן טרונקען. נישט שלאָפן צען נעכט כסדר. ער האָט געקאָנט זיך אויסגעפינען א באַהעלטעניש אין פרייען סטעפּ, דאָרט ווו אַ אַנדערער וואָלט געמוזט פאַרשפּילן ס׳לעבן. ער האָט פאָרויסגעזען דעם פונווייטנס אָנקומענדיקן אָרקאַן לויט צייכנס, וואָס זענען פאַר אַנדערע געווען אומבאַקאַנט, און האָט געטראָפן דעם וועג אין דער פינסטערניש פון דער לאַנגער פּאָלאַר-נאַכט. מיט דער הילף פון זיינע פאַרשאַרפטע חושים האָט ער דערוואָרבן, לויטן שטייגער פון פאָטער, אַלע געהיימנישן פון די סטעפּעס. א מינדסט וואָלקנדל, א גרעזל, די צעוויקלונג פון די צווייגן אויף א בוים, ווייט גערויש, דער פלי פון א פויגל, די ריכטונג פון די שנייעלעך, שפּורן פון א חיה—דאָס אַלץ האָט אים גענוצט פאַר זיכערע אָנווייזונגען. ער האָט מיט שווייגן, ווי אַ אינדיאַנער, זיך אויסגעשמועסט מיט דער אַרומיקער נאַטור.

זיין איינציקע לײדנשאַפט איז געווען די ליבע צו דער אַלטער מוטער, וועלכע האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם מאַגס הייזל, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג פון אירטיש. דער איבערגעגעבענער זון האָט צוגעזאָגט צו באַזוכן די מוטער ביי יעדע געלעגנהייט, און דעמדאָזיקן פליכט האָט ער דערפילט מיט א רעליגיעזן יראת-הכבוד. אַרויסווייזנדיק טייערע מעלות: דרייסטקייט, געשיקטקייט, קאַלטבלוטיקייט, שכל — בשעת די רייזעס אויף קאַווקאַז מיט שווערע באַפעלן און אין שווערע קאַמפן, און דערנאָך בשעת די עקספּעדיציעס צום סאַמע ראַנד פון אַזיאַטיש-רוסלאַנד, קיין קאַמטשאַטקע — האָט ער דערגרייכט דעם כבוד אַפּגעשיקט צו ווערן אויפן קייזערלעכן הויף. פון דאַנען

האָט ער די גרעסטע טייל פון זיין קליינע פענסיע רעגולער איבערגעשיקט זיין מוטער; און ווען ס'איז אים אויסגעקומען אוועק-צופאָרן אין ווייטע לענדער און נישט צו זעען זיך מיט איר דריי יאָר — האָט לויט זיין פארלאנג מארטע סטראָגאָוו רעגולער דערהאלטן דעם חודשדיקן זשאָלד, וואָס קומט איר זון פון דער הויף-קאסע.

איצט איז ער געשטאנען פארן צאַר, נישט וויסנדיג גאר צו וואס מען האט אים גערופן. אומבאוועגלעך, אויסגעצויגן, האט ער אויסגעהאלטן זיין לאנגן דורכדרינגעדיקן בליק. ווייזט אויס, אז דער קייזער איז געווען צופרידן פון דער אָבסערוואציע, ווייל ער האט געגעבן א צייכן דעם פאָליציי-שעף אוועקצוזעצן זיך לעבן שרייבטיש. ער האָט אים דיקטירט מיט א נידריקע שטים א קורצן בריוו, דערנאָך האט ער אויף אים אוועקגעלייגט זיין אונטערשריפט צוגעבנדיק דעם געהיימען שפרוך: „פיט פאָ סיעמו".

ענדלעך האָט ער צוגערופן סטראָגאָוון, און מיט א פעסטע שטים האָט ער אים געשטעלט א רייע פראַגן:

„דיין נאָמען?"

„מיכאיל סטראָגאָוו, מאַיעסטעט".

„די ראַנגע?"

„קאַפּיטאַן פון קאָרפּוס פון די קייזערלעכע קוריערן".

„קענסט סיביר?"

„כ'בין א סיביריאַק".

„געבוירן...?"

„אין אָמסק".

„האָסט דאָרט עלטערן?"

„אַן אַלטע מוטער".

דער קייזער האָט א רגע געשוויגן. דערנאָך האָט ער אים איבערגעגעבן דעם בריוו:

„דעמדאָזיקן בריוו דאַרף מען אָפּגעבן דעם גרויספירשט
ווייטער קיינעם נישט".

„כ'וועל אָפּגעבן, מאַיעסטעט".

„דער גרויספירשט איז אין אירקוצק".

„כ'וועל אַוועק קיין אירקוצק".

„מען דאַרף זיך אָבער אַדורכקריגן דורך אַ צעבונטעוועט
לאַנד, צווישן מחנות, וואָס וועלן דיר וועלן דעם בריוו אַרויס-
רייסן".

„כ'וועל זיך אַדורכקריגן".

„געטרוי זיך נישט אָן דעם פאַררעטער איוואַן אָגאַרעוו,
וועלכן דו וועסט אפשר באַגעגענען אויף דיין וועג".

„כ'וועל זיך אים נישט אָנגעטרויען."

„וועסט פאָרן דורך אָמסק."

„דאָס איז מיין וועג."

„אויב וועסט זיך זעען מיט דער מוטער קאָנסטו דערמיט
ריזיקירן, אַז מען וועט דיך דערקענען. דו טאָרסט זיך מיט
איר נישט זעען."

איין אויגנבליק פון אינערלעכן קאַמף! דערנאָך פעסט:

„כ'וועל זיך נישט זעען."

„שווער, אַז קיינער וועט זיך פון דיר נישט דערוויסן
ווער דו ביסט און מיט וואָס דו פאָרסט."

„איך שווער".

„די דערלייזונג פון סיביר און דאָס לעבן פון גרויס-
פירשט הענגען אָפּ פונם דערפילן דיין שליחות".

„כ'וועל עס דערפילן."

„הייסט עס, אַז דו וועסט זיך אַדורכקריגן צום ציל?"

„כ'וועל זיך אַדורכקריגן, אָדער מען וועט מיך טייטן."

„ס'איז נייטיק דאָס דו זאָלסט לעבן."

„כ'וועל לעבן, מאַיעסטעט!"

„מיכאַיל סטראָגאָוו, פאָר אין גאטס נאָמען!"

דער שליח האָט מיליטעריש סאַלוטירט. אין דער זעלבער רגע האָט ער פארלאָזט דעם פּאַלאַץ.

„האָסט א מולדיקע האנט" — האָט געזאָגט דער קייזער, „דאָס איז שוין איינמאָל אַ יונג!"

פון מאָסקווע קיין ניזשני-נאָווגראָד

דער שנעלסטער קייזערלעכער קוריער וואָלט געקענט אין יענער צייט אַדורכמאַכן דעם וועג פון מאָסקווע ביז איר-קוצק — זעקסטהאַלבן טויזנט קילאָמעטער — אין אַ משך פון אַכצן טעג. פונדעסטוועגן איז עס געווען נאָר אַ אויסנאַמפּאַל; געוויינלעכע שליחים האָבן באַדאַרפט צום דאָזיקן צוועק פון פיר ביז פינף וואָכן.

אַזאַ מענטש ווי סטראָגאָוו וואָלט בעסער געוואָלט פאָרן אין ווינטער בשעת די גרויסע פרעסט, ווען דער וואנדערער ווערט דורך זיי געהאַרטעוועט. דעמאָלט זענען די וואַסערן פאַרפרוירן; אומעטום שפרייט זיך אויס אַ גלאַטער טעפּיך פון שניי, איבער וועלכן ס'גליטשן זיך לייכט די שליטנס. אמת טאַקי בעפלען פאַרשטעלן דעם וועג; ווינטן אויסגעמישט מיט פאַר-שלעפּטע זיילן שניי פאַרשיטן גאנצע קאַראַוואַנען, סטאַדעס הונגעריקע וועלף צעבייסן די וואנדערער. פאַר דאָס אָבער זיצן

די מחנות פון באפאלענעם שונא אין זייערע לאגערן, רויבער־באנדעס שלעפן זיך נישט איבער די סטעפעס און מען קאָן לייכט אויסמיידן געפאַרן פאַר אזא וויכטיקע שליחות ווי סטראָגאָווס, אָבער נישט אָן קוריער האָט זיך געווענדט אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ פאַסיקע צייט; ס'איז נייטיק געווען שוין גלייך צו פאַרן און אונטערצוואַרפן זיך די שווערסטע באַדינגונגען.

אין פאַרנומענעם סיביר האָט געווימלט מיט שפּיאָנען. דערפאַר האָט סטראָגאָוו נישט געקאָנט געניסן פון די פּריווילעגיעס, פון וועלכע ס'געניסט אַ צאַרישער קוריער, און וועלכע האָבן דעם צוועק צו פאַרשנעלערן די רייזע, ווייל ער וואָלט דערמיט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פאַרדעכטיקע פּערזאָנען. ער האָט דערינבער די האַלטן פון גענעראַל קיסאָוון אַ דאָקומענט, וואָס ווערט אָנגערופן „פּאָדאָראָזשנע", אויפן נאָמען פון קופּ־עץ ניקאָלאַי קאָרפּאַנאָוו, וועלכער קערט זיך כלומרשט אום אין זיין געבורטשטאָט אירקוצק. צוזאַמען מיטן דאָקומענט האָט ער אויך באַקומען אַ געהעריקע סומע געלט אויף צו לעבן. ער האָט געקאָנט זיך באַנוצן מיט פערד פון דער פּאָטשט, מיט דער באַגלייטונג פון דינער, מיט אַ שמירה פון עטלעכע באַוואָפנטע חעכטער, יעדענפאַלס אָן דער ריזיקע דערקאָנט צו ווערן, דאָס הייסט: אָן באַקוועמלעכקייטן, פון וועלכע ס'געניסט געוויינלעך אַ צאַרישער קוריער.

מיט לאַנגע יאָרן צוריק האָט אַ חשובער מענטש נישט געקענט אַרויספאָרן אין טיף סיביר אָן: אַ עסקאָרט פון צוויי מאות קאָזאַקן, אָן ערך אַזויפיל זעלנער, 25 באַשקירן־רייטער, דריי הונדערט קעמלען, 25 וועגנס, צוויי אינערמראַגבאַרע דאַמפּער, צוויי הארמאטן. מיכאַיל סטראָגאָוו האָט געהאַט פאַר זיך נאָר אַ קאַרעטע מיט פערד; אין אַ נייטיקן פאַל וואָלט ער געמוזט גיין צופוס.

וואָס אַן אמת זענען אים אויף די ערשטע אַנדערהאַלבן טויזנט קילאָמעטער פון מאסקווע נישט פאָרגעשטאַנען קיין גרויסע שוועריקייטן; דאָ האָט מען זיך לייכט געקאָנט באַנוצן מיט די פאַרשידנסטע איבערפיר־מיטלען.

אַלזאָ באַלד אינדערפרי — דעם 16-טן יולי — איז מיכאַיל סטראָגאָוו אַוועק אויפן וואקזאל. ער האָט שוין נישט געטראָגן אויף זיך קיין מונדיר. אָנגעטון אין קליידער פון אַ רוסישן פויער — אַ אַרומגעגאַרטלטע בלוזע, ברייטע הויזן, לאַנגע שטיוול — האָט ער געשלעפט אויף די פּלייצעס אַ רייזע־זאַק. ער האָט נישט געטראָגן קיין געווער — יעדנפאַלס פון אויבן; אויף דער ברוסט אונטער דער בלוזע האָט ער געהאַלטן אַ רעוואָלווער, און אין דער קעשענע אַ יעגער-מעסער.

אויפן וואָקזאל איז געווען אַ באַוועגונג, און אין דער לופט איז געשטאַנען דאָס גערויש פון אַוועקפאָרנדיקע און באַגלייטער. פאַר טשיקאַווע מענטשן איז דאָס אָרט געווען אַ מין „נייס־בערזע". דאָ האָט מען געקענט אויסגאַפן ידיעות פון פעטערבורג, מיט וועלכן מאָסקווע איז געווען פאַרבינדן דורך אַ באַנליניע, וואָס איז פון דאַנען געווען אָפּגעצווייגט אויף מזרח ביז נישני־נאָווגאָראָד. פון דערדאָזיקער שטאָט אָן האָט סטראָגאָוו געהאַט בדעה צו דערגיין, טיילווייז מיטן דאַמפער אויף דער וואָלגע אַראָפּ מיטן שטראָם, טיילווייז אויף דער יבשה, ביז דער גרענעץ פון אייראָפּעישן רוסלאַנד — ביז די אוראַלער בערג.

ווי אַ פאַרמעגלעכער שטאָט-מענש, וואָס איז נישט צופיל באַשעפטיקט האָט ער, אַוועקזעצנדיק זיך אין אַ ווינקל פון וואַגאָן, אנגעהויבן דרימלען, אינדעראמתן איז ער, נישט זייענדיק אליין, געשלאָפן נאָר מיט איין אויג און געהערט מיט ביידע אויערן. דער אָפּקלאַנג פון דער טאַטאַרישער אינוואַזיע און

פון קירגיזישן אויפשטאנד האָט שוין דערגרייכט ביז מאָסקווע, און מען האָט הויך אַרומגערעדט די געשעענישן. אָבער פאָרזיכטיק און איינגעהאַלטן. די פאסאזשירן אין וואגאן זענען געווען צו־מייסטנס סוחרים, וואָס פאָרן קיין ניזשני אויפן גרויסן יאַריד. דאָס זענען געווען מענטשן פון פארשידענע נאציאָנאַליטעטן. יעדער מיט זיין באַזונדערער שפראַך: רוסן, יידן, טערקן, קאַ־זאקן, אַרמענער, קאַלמיקן א.א.וו. מען האָט צווישן זיך ארויס־געזאָגט וזעגן דער מעגלעכקייט, אז די מאַכט וועט צוליב די לעצטע געשעענישן זיין געצוווּנגען אָנצונעמען מיטלען, וואָס וועלן שטערן דעם מסחר אויף דער גרענעץ פון אַזיע. דען דידאָזיקע עגאָיסטן האָבן געקאנט אָפּשאַצן גרויסע פּאָליטישע געשעענישן אין דער מלוכה נאָר מיט דער מאָס פון זייערע סוחרישע אינטערעסן. ווען ס'זאָל זיך נאָר האָבן געפונען אין וואַגאָן איין מונדיר, וואָלט עס שוין געווען גענוג צו פאר־מאַכן אלע די מיילער. ס'האָט אָבער קיינער פון די פּאַסאזשירן נישט חושד געווען דעמדאָזיקן א י נ ק אָ ג נ י ט אָ רייזנדער, אז ער איז אַ מיליטערמאַן און נאָכדערצו — אַ צארישער קוריער. סטראָגאָוו האָט דערפאר געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוהערן צו זייער געשפּרעך.

אַ פּערס מיט אַ פעסטקע אויפן קאָפּ האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז טיי וועט טייערער ווערן. דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלי־שער ייד האט זיך ווידער מצער געווען איבער דער מעגלעכער פאַרהאַלטונג אין טראַנספּארטירן דיוואַנעס פון סאַמאַרקאַנד. מען האט פּאַרדאַגעט אויסגערעכנט די סחורות, וואס וועלן אפשר אויספעלן אויפן יאַריד צוליב דער געשטערטער קאַמוניקאַציע.

„טא איז וואס? וועט איר בעסער קענען הייבן די פרייזן אויף די זאַפּאַסן סחורות, וואס איר פּאַרמאַגט", האט זיך צע־לאַכט עמעס אייגער אַ רוס.

„בײ אײך איז עס אַ געלעכטער!“ האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער ייִד, „װײַזט אױס, אַז איר זענט נישט קײן סוחר“.

„איר האָט געטראָפן, אַבֿרהמס אײניקל, איך פֿאַרקױף נישט, נישט קײן האָפֿן, נישט קײן האָניק, נישט קײן װאַקס, נישט קײן האָלץ, נישט קײן געזאַלצן פֿלײש, נישט קײן קאַװיאַר, נישט קײן װאָל און נישט קײן פּוטער...“

„אָבער איר קױפֿט!“ האָט זיך אָנגערופֿן דער פּערס.

„אױף װיפֿל מעגלעך — װאָס װײניקער.“

„דאָס איז אַ קונצנמאַכער!“ האָט דער ייִד געזאָגט צום פּערס.

„אָדער אַ שפּיאָן!“ האָט יענער שטיל אָפּגעענטפֿערט. „לאָמיר זײַן פֿאָרזיכטיק. מען קאָן הײַנט נישט װיסן מיט װעמען מען פֿאָרט. און אונדזער פּאָליצײ... איר װײסט דאָך...“

אין אַנדערן װינקל פֿון װאַגאָן האָט מען װײניקער גערעדט װעגן סחורה, אָבער מער װעגן די פֿאָלגן פֿון דער מלחמה.

„מען דאַרף דערװאַרטן רעקװיזיציע פֿון סיבירער פֿערד...“

„באַ, צי איז אָבער זיכער, אַז די קירגיזן האָבן זיך פֿאַראײניקט מיט די טאַטאַרן?“

„װער קאָן זיך בײַ אונדז רימען, אַז ער װײסט עפּעס אױף זיכער?“

„די דאָנער קאָזאַקן זאָלן שױן האָבן אַרױסגעשיקט געװאָרן מיט רעכט װאָלגע אַנטקעגן די צעבונטעװעטע“...

„דער װעג קײן אירקוצק איז שױן נישט קײן זיכערער. מײַן דעפּעשע קײן קראַסנאָיאַרסק איז שױן נישט אָנגענומען געװאָרן...“

„נאָך דער רעקװיזיציע פֿון פֿערד װעט זיך אָנהײבן אַ רעקװיזיציע פֿון דאַמפֿ... װאַגאָנס, ... טראַנספּאָרט־מיטלען. דער־נאָך װעט מען ... ט... טאָרן ...עלן אָן אַ דער־

לויבניש", האט עמעצער געזיפצט. „דער יאַרמאַרק אין ביזשני וועט זיך נישט אַזוי שיין ענדיקן, ווי ער האט זיך אנגעהויבן".

„די זיכערקייט און גאַנצקייט פון דער מלוכעשער טערי־טאָריע — דאָס איז די וויכטיקסטע זאך!" האט זיך אָנגערופן דער רוס, וואָס האָט פארזיכערט, אז ער פארקויפט גאָרנישט און קויפט אויך כמעט גאָרנישט, „געשעפטן זענען סוף־כל־סוף נישט מער ווי געשעפטן".

אין אן אנדערן וואגאָן פון צוג איז געפארן א כאסאזשיר, וואס האט אויסגעזעען אַנדערש ווי אלע — ווייזט אויס א אויס־לענדער. ער האָט ברייט געעפנט די אויגן, צוגעשטעלט צו זיי א לאָרגנעטע. אין האט באווארפן די מיטפארער מיט פראגעס וועגן האנדל און פאַבריקאציע, וועגן די צאָל איינוווינער פון די פארשידנסטע שטעט א. אז. וו. דאָס איז געווען אלסיד זשאָ־ליווע, וואס האט געזאמלט אינפארמאציעס פאר זיין „קוזינע". פאַרשטייט זיך, אז זיין נייגיריקייט אין אזאַ אומרויקע צייט האט ארויסגערופן ביי די מענטשן אַ חשד, און פאַרן כלומרשטן „שפּיאָן" האָבן זיך פארמאַכט די מיילער. אין די קארגע ענט־פערס האָט מען אויסגעמיטן די געשעענישן פון טאָג.

ס'איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס ער האָט פאַר־שריבן אין זיין נאָטיצביכל:

די רייזנדע זענען אבסאלוט דיסקרעט. אין פאל־ טישע ענינים איז פון זיי שווער עפעס צו דערגיין.

אין אַן אנדערן וואַגאן איז אויך געפאָרן צום מלחמה־גע־ביט הארי בלאונט. דיביידע האבן זיך נישט געטראפן אויפן מאסקווער וואָקזאַל און זיי האבן נישט געוווסט, אַז זיי פארן אין איין צוג.

אַזויווי דער ענגלישער זשורנאַליסט האט מער געהערט ווי גערעדט, האט ער ממילא נישט געשטערט די פאסאזשירן

אין זייער באטירלעכן שמועס. ער האט ביי זיי קיין שום חשד נישט ארויסגערופן, און אזויווי ער האט קודם-כל זיך פאראינ־טערעסירט מיטן האנדל אויפן אריענט, האט ער דעריבער פאר־צייכנט אין זיין טאגביכל א אבסערוואציע, וואס איז לכל-הפחות געווען אויף אזויפיל ריכטיק, וויפיל די אבסערוואציע פון זיין קאלעגע:

"די רייזנדע זענען זייער אומרויק. עס אינטערע־סירן זיי נאר די מלחמה-ענינים. זיי רעדן וועגן זיי מיט א ווונדערלעכער פרייקייט פון דער וואלגע ביז דער ווייסל."

אויף אזא אופן זענען די לעזער פון די "דיילי-טעלעגראף" פונקט אזוי ריכטיק אינפארמירט געווארן, ווי די פראנצייזישע "קוזינע" פון הער אלסיד זשאליווע!

און אזויווי הער בלאונט איז געזעסן ביים פענסטער פון דער לינקער זייט, ווו די ערד איז געגאנגען באַרגאַרויף — און האט נישט געזען די אומענדלעכע פלאכע שטחים אויף רעכטס — האט ער צוגעשריבן מיט דער ענגלישער איינגעגלייבטקייט אין זיך: "צווישן מאסקווע און וולאדימיר איז א באַרגיק לאַנד."

דערווייל האט זיך אויפן וועג געלאזט פילן, אז די פאליציי האט אונטערגענומען געוויסע שטרענגע מיטלען. מען האט געזוכט די שפורן נאך דעם פארעטער א'וואן אגארעוו. און כאטש דער בונט איז נישט ארויס אויסער די גרענעצן פון סיביר, האט דאך די מאכט זיך געשראקן פאר א שלעכטן איינפלוס אויף די פרעמד־פעלקישע עלעמענטן פון די וואלגא-פראווינצן, וואס זענען באַנט צו די קירגיזישע קאנטן.

דידאזיקע פאליצייישע השערה איז געווען בארעכטיקט אין אזא ריזיק לאַנד, ווי רוסלאַנד. די ריזיקע אימפעריע, וואס פאר־

נעמט אַ שטח פון צוועלף מיליאָן קוואַדראַט-קילאָמעטער, זון וואָס איז אין יענער צייט געווען באַוווינט פון זיבעציק מיליאָן נפשות. אויסער דעם הערשנדיקן סלאַוויאַנישן עלעמענט, וואָס אַ געווען צעטיילט אויף צעקריגטע שטאַמען — אויף גרויסרוסן, קליינרוסן און פּאָלאַקן, האָבן די אימפּעריע אויך באַוווינט פיל פאַרשידענע שבטים, וואָס האָבן געלעבט מיט זייערע באַזונדערע אינטערעסן, רעדנדיק אויף זייערע אייגענע דיאַלעקטן. אַלץ צוזאַמען איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ צוזאַמענגעקלעבטע זאַך, וואָס האָט זיך געקאָנט האַלטן — אין אַזעלכע ווייט-אַרויסגערוקטע גרענעצן — ביז אַזאַ צייט, אויף וויפל ס'האָט גענוגנט די ביוראָקראַטישע רעגירונג פלינקייט און אַנטשלאָסנקייט אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער אימפּעריע.

אזוי ווי מען האט גערעכנט, אז אָגארעוו האט נאך נישט פארלאָזט אייראפעיש-רוסלאנד, האט מען רעווידירט די פאסאזשירן אויף יעטוועדער סטאַציע. די אממייסטן פארדעכטיקע האט מען אפגעפירט אויף די פאליציישע פאסטנס, און דער צוג איז אן זיי אוועק ווייטער. די פארהאלטענע האבן נישט געהאט די דרייסטקייט צו פראָטעסטירן אפילו מיט איין ווארט, ווייל די באפעלן זענען אָנגעקומען פון הויכע מיליטערישע באאמטע, וואָס האָבן רעגירט אין נאמען פון צאר, דעם גרויסן זעלבסהערשער פון רוסלאנד, גרויספירשט פון פינלאנד, קיניג פון פוילן״ א. אז. וו.; איז טאקי נישט קיין וווּנדער וואָס אזא טיטול האָט אנגעוואָרפן אַ טויטשרעק אויף אַ פשוטן אונטערטאן.

אין וולאדימיר האט זיך דער צוג פארהאלטן אויף אַ שעה צייט, און דאס איז גענוג געווען פארן ענגלישן קאָרעספאנדענט אויפצוכאפן די פיזישע און מאָראלישע פיזיאָנאָמיע פון דערדאָזיקער אוראלטער רוסישער שטאָט.

פון די נייע פאסאזשירן האָט דאָ צוגעצויגן אויף זיך

סטראַגאַוּוס אויפמערקזאַמקייט אַ יינג מיידל, וואָס איז אַריין אין זיין קופע. זי האָט פּאַרנומען אַן אָרט אויף דער באַנק אַנטקעגן אים. זי האט זיך געהאַלטן אַרטיק, נישט אויפהייבנדיק קיין אויג אויף קיינעם. איר קליינעם באַגאַזש האָט זי אַני־דערגעלייגט ביי זיך אויף די קני. סטראַגאַוו האט איר געוואָלט אָפּטרעטן זיין אָרט, וואס איז געווען באַקוועמער, ווו מען איז געזעסן מיטן געזיכט אין דער ריכטונג פון פאָרן. אָבער זי האָט געדאַנקט אַ נייג־טוענדיק לייכט מיטן קאָפּ, נישט אָננעמענדיק די טובה.

זי האט געקאָנט אַלט זיין אַ יאָר זיבעצן. איר שיין קעפּל האט אויסגעדריקט ריין־סלאַוויאַנישן כאַראַקטער. ביי אירע גאָלדיקע האָר האָבן באַזונדערס אָפּגעשלאָגן אירע שוואַרצע אויגן. דער אויסדריק אירער איז געווען מאָדנע אָנגענעם. איר פּנים איז געווען בלאַס, דאָס צוזאַמענגעשלאָסענע מיילעכל האט דערציילט, אַז זי האט שוין לאַנג אָפּגעוווינט זיך פון לאַכן. איר גאַנצע פיגור האט אויסגעדריקט גרויסע מאָראַלישע ענערגיע, וואס שטייגט אַריבער די דורכשניטלעכע ענערגיע פון אַ מאַנספּאַרשוין. ס'האט זיך געפילט, אַז דאָסדאָזיקע יונגען מיידל האט שוין אַדורכגעמאַכט ליידן און לעבנס־קאַמף, און זי גייט איצט אַנטקעגן די האַרטע צוקונפט. אַזאַ איינדרוק האט זי יעדנפאַלס געמאַכט אויף סטראַגאַוון, וואס האט פון דער ערשטער מינוט אַן געפילט אַ נאָנטקייט צו איר צוליב דער ענלעכקייט פון ביידנס כאַראַקטערן.

זי איז געווען געקליידט נישט רייך, אָבער זעלטן זויבער. דאָס פוטערל פון שעפּסנפעל, דער שניט און קאָליר פון אויס־געהאַפּטענעם קליידל, וואָס האָט זיך פון אונטער אים אָפּגע־געזען, די האַלבשיכעלעך — מיט איין וואָרט: די גאַנצע קליי

דונג האָט אויסגעזאָגט דעם געניטן אויג סטראַגאַוס, אַז די פּאַסאַזשירן שטאַמט פון אַ באַלטישע פּראָווינץ.

פאַרשנדיק זי אומבאַמערקט מיט איין אויג, האָט ער זיך געפרעגט: צי וואָס האָט זי אַזוי איינזאַם, דורך קיינעם נישט באַגלייט, זיך געלאָזט אין וועג אַריין? און צי איז דער ענד-ציל פון איר רייזע ווייט, און צי וועט אויך דאָרט קיינער זי נישט אָפּוואַרטן? עס האָט אַזוי געמאַכט דעם איינדרוק. איר גאַנץ פאַרהאַלטן זיך האָט עדות געזאָגט אויף דעם, אַז אין איר געוווינהייט איז געווען אַליין צו זאָרגן וועגן זיך אָן עמעצנס מיטהילף.

סטראַגאַוו האָט געפילט, אַז ס׳וועט אים שווער זיין צו פאַרפירן מיט איר אַ שמועס. דאָך האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוווייזן זיין איידעלע באַנעמונג צו איר. אַ דיקער סלאָ-ווינע-הענדלער, איינדרימלענדיק, איז אַרויסגעפאַלן מיט דער גאַנצער משא פון זיין קערפּער אויף איר אַקסל. סטראַגאַוו האָט אים אָנגעוויזן וויאַזוי מען דאַרף זיצן אין וואַגאָן. דער פּעפּער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ קללה, האָט עפּעס געוואַרטשעט וועגן „מענטשן וואָס מישן זיך אין נישט זייערע געשעפטן”, פונדעסטוועגן האָט ער שוין פון דעמאָלטיקער רגע אָן אַנגעבויגן דעם קאָפּ אויף דער אַנדערער זייט. דאָס מיידל האָט געדאַנקט איר ווי ס - אַ - ווי מיט אַ שטומען בליק.

קורץ דערנאָך, שוין נאָענט צו ביזשני-באַוואַגראַד, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט זי צו דערקענען בעסער און צו באַוווּנדערן זי. אויף איין אָרט, וווּ די שינעס זענען געווען אוועקגעדרייט אין אַ זייט, האָט דער צוג באַקומען אַ שטאַרקן טרייסל, באַלד האָט ער איין מינוט אָנגעהויבן לויפן אויסגע-בויגן אויפן הויכן וואַל. אין וואַגאָן האָבן זיך אויפגעהויבן גע-שרייען און געוואַלדן. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז עס דראָט מיט אַ זיכערע קאַטאַסטראָפע. אַלע האָבן זיך געוואָרפן צו די טירן

מיט אַ קוויטשעריי, שטופּנדיק איינער דעם אַנדערן. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט וואָס פריער ראַטעווען אַראָפּשפּרינגנ־דיק אויפן פּלאַנט. נאָר דאָס מיידל איז געבליבן אויף איר אָרט אומבאַוועגלעך. זי איז בלויז עטוואָס בלייכער געוואָרן. סטראָגאָוו איז געווען גערירט; „אַ ענערגישע נאַטור!" האָט ער ביי זיך בעקלערט. דערווייל איז די געפאַר פאַרביי. דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן. ביים משא־וואַגאָן האָט געפּלאַצט אַ קייט, איז דאָס געווען די סיבה וואָס דער צוג האָט אַ שפּרונג געטון. אין משך פון אַ שעה האָט מען דעם שאָדן פאַראַכטן. מען איז אָנגעקומען קיין גיזשני האַלב־אַכט אין אָוונט מיט אַ פאַרשפּע־טיקונג.

ס'האָט קיינער נישט געטאָרט אַרויס פון וואַגאָן איידער ער איז געוואָרן אויסגעפאָרשט דורך דער פּאָליציי. האָבנדיק אַ „פּאַראָראָזשנע" אויפן נאָמען פון קופּיעץ קאָרפּאַנאָוו, אַ תושב פון אירקוצק, האָט סטראָגאָוו נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום שוועריקייטן ביים ווייטערדיקן באַוועגן זיך. אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען, נאָכן געהעריקן לעגיטימירן זיך, אויפווייזנדיק, אַז זיי זענען געקומען צום יאַריד, אַריינגעלאָזט געוואָרן אין שטאָט אריין. דאָס מיידל ווידער האָט צוגעשטעלט עפּעס אַ ספּעציעלן דאָקומענט. דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט דעמדאָזיקן דאָקו־מענט לאַנג שטודירט — דערנאָך האָט ער דעם מיידל געשטעלט אַ רייע פראַגן:

„ביסטו, מיידל, פון ריגע?"

„יאָ".

„פאָרסט קיין אירקוצק?"

„יאָ".

„דורך וועלכן וועג?"

„דורך פּערם".

„גוט!“ האָט געזאָגט דער אינספּעקטאָר, „אָבער מוזט, מיידל, וויזירן דיין דאָקומענט אין קאַנצעלאַריע פון פּאָליצמייסטער אין ביזשני“.

דאָס מיידל האָט יאושדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. צוזעענדיק די סצענע, האָט סטראָגאָוו געהאַט אַ געפיל פון פאַרווונדערונג געמישט מיט רחמנות. אַ יונג מיידל — אַליין — אין אַ וועג אויפן וייטן סיביר, דערצו נאָך אין אַזאַ געפערעכע צייט! ווי וועט זי דען אַהינקומען?

די רעוויזיע האָט זיך געענדיקט. די טירן פון די וואַגאָנען האָבן זיך געעפנט, אָבער איידער מיכאַיל סטראָגאָוו האָט צייט געהאַט צו מאַכן אַ באַוועגונג אין איר זייט, האָט די יונגע ליוואָנערן, אַראָפּשפּרינגנדיק פון די וואַגאָן-טרעפּלעך, זיך שנעל אויסגעמישט אין דער מענטשנמאַסע, וואָס האָט פאַרפילט דעם וואָקזאַל, און איז אים פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

דער דעקרעט אין צוויי ארטיקלען

ניזשני-נאָווואָגראָד האָט ביי יענעם טאָג אויפגענומען דריי הונדערט טויזנט מענטשן, ד.ה. צענפאַכיק מער ווי אין א געווינלעכע צייט. דער צוציונגס-פונקט איז געווען דער בארימטער יאריד, וואָס זיין טראדיציע גרייכט ביזן יאָר 1817. ער געדויערט יעדעס יאָר פון דריי ביז זעקס וואכן, און האט אין זיין צייט פארטונקלט דעם רום אפילו פון לייפציקער יאריד.

סטראגאוו האט זיך נישט פאראינטערעסירט מיטן יאַריד, ער האט זיך געיאגט צום פארט, כדי נישט צו פארלירן קיין איין שעה. אָבער דא האט ער זיך דערוויסט, אז דער דאמפער, "קאווקאז" גייט אפ קיין פערם ערשט איבערמארגן מיטאגצייט. באין ברירה האט ער געמוזט איבערווארטן זיבעצן שעה.

ער איז אַלזא אדורכגעלאפן עטלעכע גאסן, כדי צו געפונען עפעס צו עסן און אַ נאַכטלעגער. דער הונגער האט אים שוין נישקשהדיק געפייניקט. אין דער אכסניה, וואס האט גע-

י׳ראגן דעם גדלותדיקן טיטל „קאָנסטאַנטינאָפּאָלער האטעל״, האט ער געדינגען אַ קליינטשיק צימערל און אָפּגעגעסן וויע־טשערע, ביי וועלכע די הויפּט מאכלים זענען געווען אַ ביגאָס פון קאַטשקע, ראַזעווע ברויט, מילך און קוואס.

ווארפנדיק נאר אַ בליק אויפן צימערל, ווו אויף די ווענט האבן געהאנגען הייליקע בילדער, און איבערהויפּט די אין קיין פאל נישט פארגעסענע איקאָנע פון דער הייליקער מו־טער, — האט ער, נישט קוקנדיק אויף זיין מידקייט פון אַ גאַנצן טאג פאָרן, נישט געהאט קיין חשק זיך צו לייגן אין בעט אריין. ער איז ארויסגעלאפן אין שטאט אריין און האט אנגעהויבן זיך ארומבלאנקען אויף די האַלבליידיקע גאסן.

וואס האט עס אים אזוי געיאגט?... ער האט דאָס נישט פון זיך באַהאַלטן. עס האָט אים געטריבן די האָפנונג ערגעץ־ווו צו טרעפן די שיינע ליוואָנערן. עס האָט אים געפייניקט די אומרויקייט וועגן גורל פון זיין אומבאקאנטע, „מיין גאָט! זי האָט זיך איינע אליין געלאָזט אין אזא וויייטן וועג אויף די סיבירער סטעפּעס ביי דער איצטיקער געפערלע־כער צייט״. ער האָט פארשטאנען: מילא אַז ער אַליין לאָזט זיך אין געפאַר, ווו ס׳ווימלט פון ווילדע אַזיאַטן, טוט ער דאָך דאָס פאַרן צאַר און פאַרן לאַנד!... אָבער זי פאר־ווען!... „ארים מיידל! זי וועט קיינמאָל נישט אָנקומען קיין אירקוצק״. נאָך אַ שעה אַרומבלאַנקען זיך אין די גאסן, וואָס זענען פול געווען צוליבן יאַריד מיט פורן און געצעלטן, פאַרלירנדיק שוין די האָפנונג צו טרעפן די אַומבאַקאַנטע. האָט ער זיך פאַרמאַטערט געזעצט אָפּרוען אויף עפּעס אַ גרויסן פלאַץ. פלוצלינג איז פון הינטער דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן, אויסגעוואַקסן אַ געשטאַלט, עמעץ האָט שווער

אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

„וואָס טוסטו דאָ?" האָט געפֿרעגט אַ בייזע שטים.

„דו זעסט דאָך! איך רו זיך אָפּ".

„רעכנסט דאָ צו שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט?"

„אויב ס'וועט זיך מיר גלוסטן!"

„אָהאָ!... און דו ווילסט נישט צוקומען אַביסל נענטער, כדי כ'זאָל דיך קענען אָנקוקן?"

„איך האַלט עס נישט פֿאַר נייטיק" האָט סטראָגאָוו געענט־פֿערט, אָפּרוקנדיק זיך פֿון דעם חוצפּהדיקן צוטשעפּעניש און אַריינרוקנדיק אויף יעדן פֿאַל די האַנט אין בוזים צום רעוואָלווער.

מיט זיין שאַרפֿן בליק האָט ער אין דער פֿינסטער דער־קענט, אַז פֿאַר אים שטייט אַ ציגיינער. אין דעם האָט אים אויך איבער־געצייגט דער גרויסער וואָגן מיטן געצעלט, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון דאַנען ביי דער זייט פֿון וועג, — אַ ציגיינערישע וווי־נונג פֿאַר איינע פֿון די גרופּעס ציגיינער, וואָס זענען אַהערגע־קומען אויפֿן יאַריד עפּעס פֿאַרקויפֿן, עפּעס קויפֿן און... אויך עפּעס גנבֿענען.

דער ציגיינער איז געוואָרן אומרויִק. „דערנענטער זיך!" האָט ער איבערגעחזרט בייז. „דערנענטער זיך דו!" האָט אָפּגעענטפֿערט סטראָגאָוו. אין דערזעלביקער רגע האָט זיך אָפּ־געבויגן די לייוונט ביים איינגאַנג אין געצעלט — און אויפֿן וואָגן האָט זיך באַוויזן אין דער פֿינסטערניש אַ קוים־באַמערקבאַרער סילועט פֿון אַ פֿרוי. זי האָט אַוועקגערופֿן דעם ציגיינער אויף אַ לשון, וואָס איז געווען אַ געמיש פֿון סיביִרישע און מאָנגאָ־לישע דיאַלעקטן.

„נאָך איין שפּיאָן! לאָז אים געמאַך! קום עסן וויעטשערע. די „פּאַפּלוקע" איז שוין פֿאַרטיק.

סטראָגאָוו האָט נישטווילנדיק אַ שמייכל געטון. מען

האט אים אָנגענומען פאַר אזא אייגעם, פאַר וועלכן ער אליין, האט אַמשטאַרקסטן זיך געשראָקן.

דער ציגיינער האָט געענטפערט:

„ביסט גערעכט, סאַנגאַראָ! זאָלן זיי דאָ שמעקן וויפל עס גלוסט זיך זיי. אונדז גייט עס לחלוטין נישט אָן, וויבאַלד מיר מוזן סייווי פון דאַנעט אַוועקפאָרן נאָך מאָרגן".

„יאָ, דער טאַטע אַליין שיקט אונז פון דאַנען אַרויס... וואוהין די אויגן וועלן טראָגן".

נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן געשפרעך פון צוויי פרעמדע מענטשן, האָט סטראָגאָוו, אַוועקגייענדיק, געקלערט וועגן דעם, אַז ווען זיי וואָלטן נישט געוואָלט מען זאָל פאַרשטיין זייערע ווערטער, וואָלטן זיי זיך געווען באַנוצט מיט אַן אַנדערן דיאַלעקט, און נישט מיט אַ סיבירישן לשון, וואָס איז אים גענוג באַקאַנט געווען פון זיין קינדהייט אָן.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין די טונקעלע וואַסערן פון די ביידע טייכן וואָלגע און אָקע, וואָס האָבן זיך דאָ, הינטער בייזשני-נאָוואָגראָד, צוזאַמענגעגאָסן. שפּעטער אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געשמאַק געשלאָפן אין דער אכסניה אין נישטגאָר באַקוועמען בעט.

זיבן אַזייגער אינדערפרי איז ער שוין אויף געווען. ער האָט געהאַט צו וואַרטן פינף שעה ביזן אָפּגיין פון דאַמפער — פאַר אים האָט עס באַדייט אַן אייביקייט.

ער האָט באַצאָלט פאַרן נאַכטלעגער און איז אַרויס באַזעען די שטאָט.

אויף ריזיקע פּלעצער, וואָס האָבן זיך געשפּרייט ביים טייך — אין דער זייט פון פאַרשטאָט — האָט געקאָכט אַ פילפאַרביק און טומלדיק לעבן. ס'האָבן זיך געצויגן פאַרשידנשפּראַכיקע מאַסן אַרום די פּעק סחורות פון כל-המינים. דאָ האָבן זיך

געפֿונען פֿאַרשידענע קרייזן: פֿון אייזן, האָלץ, וואָל, פֿוטער א. אז. וו. צווישן די קעמלען, אייזלען, פֿערד, וועגנס און קאַטשן האָבן זיך געשטיפּט רוסן, דייטשן, יידן, אַרמענער, גרעקן, כינעזער, אינדוסן א. אז. וו. אָנפֿילנדיק מיט זייער פּילשפּראַכיקן געטומל פֿון האַנדל און דינגעניש דעם ריזיקן פּלאַץ. בייגיריקע און קונים האָבן באַקוקט מיט גרויס חשק אינדישע קאַשמירן, קאַווקאַזער געווער, שווייצאַרישע זייגערס, ליאָנער שפּיצן, אוראַלער מינעראַלן, פּרוכטן און פּראָדוקטן פֿון מערב און מזרח — סחורות פֿון דער גאַנצער וועלט.

דאָ האָבן אויך, אויף דער צייט פֿון יאַריד, אויפֿגעשטעלט זייערע געצעלטן פֿאַרשידענע שוואַרצקינצלער, אַקראָבאַטן, וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן, זינגערס. לעבן דער שאָפּע, ווו מען האָט געזעען ציגיינערישע טענץ, קונצן פֿון אַ קונצנמאַכער, בריהשקייט פֿון א שטריקגייער, — האָט אַ צוגערייזטע טרופּע געגעבן שעקספּירס אַ דראַמע. און נישט ווייט פֿון דאַנען האָבן געברילט די לייבן פֿון דער וואַנדערנדיקער מענאַזשעריע, אָדער אונטער אַ בייטש האָבן געטאַנצט בערן. אַ מאָדנע געמיש פֿון פֿאַרבן און נאַציאָנאַלע טראַכטן! — אַ מיש־מאַש פֿון פֿאַרמעגנס — אַ מאַרק, פֿון וועלכן מען איז אַראָפּ נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן, אָדער ווען מען האָט שוין נישט געהאַט קיין גראָשן אין קעשענע פֿאַרוואָס צו קויפֿן. צופֿעליק האָבן זיך דאָ געטראָפֿן אונדזערע ביידע גוטע באַקאַנטע — די הערן זשאָליווע און בלאָונט. דאָס מאָל האָבן די ביידע קאָנקורענטן נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין וואָרט, זיי האָבן זיך בלויז באַנוגנט מיט אַ קאַלטן נייג, וואָס איז געווען גלייכצייטיק אַ „גוט מאָרגן" און אַ „גוטן טאָג". זשאָליווען האָט זיך איינגעגעבן צו האָבן אַ גוטן האָטעל און עלעגאַנטן רעסטאָראַן; דערפֿאַר האָט ער צוועקגעשיקט קיין פּאַריז אַ באַ-

ַייסטערטן הימן לכבוד דעם יאַריד. בלאונט איז נישט געווען צופרידן פון דער געמיינער אכסניה און פון דער גאַרקיך, וועלכע ער האָט מיט גרויס מי זיך אויסגעזוכט; דערפאַר האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, פיל מיט טענות צו די „באַרייסער פון ניזשנער יאַריד, וואָס איז נישטמער ווי אַ אומפאַרשעמטע בעך פאר אויסלענדער".

דער אָביעקטיווער מיכאַיל סטראָגאָוו, וואָס איז שוין נישט איינמאָל דאָ געווען, האָט דערווייל באַמערקט, אַז דער האַיערי-קער יאַריד איז אנטקעגן די יאַרידן פון די פריערדיקע יאָרן פיל שוואַכער. די אומרויקייט, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן צוליב דער טאַטאַרישער אינוואַזיע, האָט פּאַראַליזירט דעם מסחר. אויפן אויער האט מען זיך דערציילט וועגן שטאַפעטן פון מאָס-קווע, וואָס זענען אָנגעקומען צום היגן גובערנאַטאָר.

דאָס נאָענטקייט פון ניזשני צו דער סיבירישער גרענעץ, פונוואַנען די טאטארן זענען אַמאָל אין 14-טן יאָרהונדערט אָנגעפאַלן אויף דערדאָזיקער שטאָט, — האָט באַרעכטיקט די פאָר-זיכס-מיטלען, וואָס עס האָט אונטערגענומען די אומרויקע מאכט. די פּאָליצײ-קאַנצעלאַריעס, וואס זענען אָפן געווען טאָג און נאַכט זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט צוגעפאָרענע פון אייראָפּע און אַזיע, וואַרטנדיק אויף דער רייע פּאַרעגעסטרירט צו ווערן.

אזוי אַדורכגייענדיק האָט סטראָגאָוו דערהערט עמעצנס איבערגעשראָקענע שטים:

„מען וועט שליסן דעם יאַריד".

לעבן דעם דערציילער האָט זיך באַלד אַרומגעשטעלט אַ גרופּע מענטשן. ס'האָבן זיך געהערט פאַרדאַגעטע מיינונגען.

„מען שמועסט, אַז די טאַטארן באַדראָען טאָמסק".

„דער פּאָליצמייסטער האָט דערהאַלטן אַ גאָר וואַזשנעם באפעל! ער קומט באַלד אַהער פון גובערנאַטאָרס פּאַלאַץ."

„אָט איז ער !"

די געשרייען האָבן זיך פֿלוצלינג איינגעשטילט. אין שפּיץ פֿון אַ קאָזאַקן־אָפּטיילונג איז אַריינגעפֿאָרן אין מיטן פּלאַץ דער פּאָליצמייסטער. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַפּיר. דער המון האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַ טרויעריק שווייגן. מען האָט זיך גערעכנט, אַז ער האָט צו מעלדן אַ חיכטיקע זאַך.

מיט אַ הויכע שטים האָט ער איבערגעלעזן:

אַ דעקרעט פֿון גענעראַל־גובערנאַטאָר

אַרטיקל 1. ס'איז פֿאַרבאָטן געוואָרן אַלע רוסן צו פֿאַרלאָזן די ניזשני־נאָוואָגראָדער גובערניע צוליב וואָס פֿאַר אַ סיבה עס זאָל נישט זיין.

אַרטיקל 2. ס'ווערט באַפֿוילן די צוגעקומענע פֿון אַזיאַטישער אָפּשטאַמונג צו פֿאַרלאָזן די גובערניע אין פֿאַרלויף פֿון 24 שעה.

דער בּרודער מיט דער שוּוּעסטער

די בּיידע באַפעלן האָבן געהאַט אַ ריכטיקן גרונט. אויב איוואַן אָגאַרעוו איז נאָך נישט אַרויסגעפאָרן, שטערט דאָס אַר־טיקל 1 פון דעקרעט דעמדאָזיקן פאַרעטער צו פאַרייניקן זיך מיט פעאָפאַר־כאַן. דאָס אַרטיקל 2 ווידער האָט פאַנאַנדערגעיאָגט די צוזאַמענגעקומענע מאָנגאָלן, וואָס זענען געניגט צוצובונטעווען זיך און צו שפּיאָנירן פאַרן נוצן פון שונא.

אָבער די בּיידע אַרטיקלען פון דעקרעט זענען געווע אַ אומגליק פאַר די אַנטיילנעמער אין יאַריד. דאָס ערשטע אַר־טיקל האַט פאָרמעל געפּענטעט אַלע אָנגעקומענע אַהער אוי אַ קורצע צייט. דאָס צווייטע אַרטיקל האָט אַרויסגעריסן דע פאַרדינסט ביי אַ גרויסע מאַסע מענטשן. און אויסער דעם האָט דער פּראָגנט ביי אוראַל זיי אָפּגעשניטן פון סיביר. בּייטנ דיק זיי אויף אַזאַ אופן צו שלעפּן זיך אַהיים אויף ווייטע

וועגן צו דרום־זייט דורכן קאַספּישן ים, דורך פּערסיען אדער טערקיי.

באַלד האָט מען אָנגעהויבן פיבערהאפט צוזאַמענצוזוכן די געצעלטן. ס׳זענען אנטשוויגן געוואָרן די זינגער. ס׳זענען אָפּגעטרעטן פון פלאַץ די אָרימע ציגיינער. מען האָט פאַנאַנדערגענומען די צירק־באַראַקן. סחורות זענען שנעל געוואָרפן געוואָרן אויף די פורן. זעלבער האָבן מיט די ביקסן אונטערגעשטיפּט די פאַרשפּעטיקטע. די רווישעדיקע אַרענע פון יאַריד — האָט ביז פאַרנאַכט באַדאַרפט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מדבר.

צוזעענדיק די עוואַקואַציע, האָט סטראָגאָוו פּלוצלינג אַ געדאַנק אַ שלאָג געטון אין קאָפּ: וויאַזוי האָט דער געבעטיקער ציגיינער פאָרגעזעען דעם דעקרעט?! וואָרום ס׳איז פאַר אים קלאָר געווען, אַז דער אויסדרוק „טאַטע” האָט געמיינט צו זאָגן: „צאַר”. „אָט דאָס זענען געוויס שפּיאָנען — די ציגיינער!” האָט סטראָגאָוו געקלערט. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער דאָזיקער דעקרעט איז געווען פאַר דעם געמטיקן ציגיינער גאָר צו דער האַנט...

אָבער ער האָט לאַנג נישט געטראַכט וועגן דעם. עס האָט אים באַלד פאַרנומען אַן אַנדער געדאַנק — וועגן די ליוואָנערן. אָרים קינד! עס האָט זי דאָך עפּעס אַ וויכטיקע סיבה געמוזט שטויסן צו דערדאָזיקער רייזע...

און איצט איז דער וועג קיין אירקוצק געווען פאַר איר פאַרמאַכט. אָ, ווען ער זאָל איר קענען בייהילפיק זיין.

ס׳האָט אים אין מוח אַ בליץ געטון אַ נייער געדאַנק. אין גרונט גענומען וואָלט ער איר יאָ געקאָנט העלפן, נישט ברענגנדיק מיט גאָרנישט קיין שאָדן זיין שליחות. פאַרקערט, איר בעזעלשאפט אין וועג האט אים אויסגעוויזן צו זיין אפשר נוצלעך. אַ איינזאַמער ווערט אַ חשד אין וועג ביי אַזאַ אומרויקע צייט.

אָבער װעמען װעט עס איינפאַלן, אַז דער, װאָס פּאָרט מיט אַ פּ ו׳, איז נישט אינדערמאָתן דער אירקוצקער קופּיעץ קאַרפּאָנאָװו?

ער האָט װידער אָנגעהױבן צו זוכן דאָס מיידל. ער האָט אױסגערעכנט, אַז ער װעט זי טרעפן ביים פּאָרט. ער האָט זי אָבער דאָרט אױך נישט געטראָפן. ער האָט זי געזוכט אין פּאַר־שידענע אכסניות און איינפאָרהייף — אָבער אומזיסט!

עס איז געװען שױן עלף אַ זייגער, ער האָט נאָך געהאַט צייט אַ שעה זי צו זוכן. דעמאָלט איז אים איינגעפאַלן, אַז זי מוז זיך געפינען אין פּאָליצײ־קאַנצעלאַריע װאַרטנדיק דאָרט אױף אַ װיזע.

אַ װיזע האָבן געמוזט באַקומען אױף די אַזיאַטן. דען כאָטש דער דעקרעט האָט זיי באַפוילן אַרױסצופאָרן אין משך פון 24 שעה, האָבן זיי זיך דאָך געמוזט מעלדן אין דער פּאָ־ליציי, כדי אַזױ אַרום צו קאָנטראָלירן די אָנגעפאָרענע און מעגלעך אױך צו כאַפּן נישט איינעם פון די שפּיאָנען, װאָס האָבן זיך דאָ געװיס אַרומגעדרייט. איז טאַקי אין פּאָליציי־קאַנצעלאַריע געװען פול מיט מענטשן, װאָס האָבן שעהנװייז געװאַרט אין דער רייע, כדי צו באַקומען די װיזע. דער חשובער „קופּיעץ פון אירקוצק״ האָט אָבער געהאָפט, אַז ער װעט שנעל צוגעלאָזט װערן צום שעף אַליין. אָבערהױפּט איז ער זיכער געװען דערין, צוליב דעם, װאָס ער האָט געהאַט גענוג געלט מיט װאָס צו שמירן װעמען מען דאַרף. אױף אַ באַנק האָט ער באַמערקט זיצן אַן איינגעבױגענע פרױ: דאָס געזיכט אירס האָט אױסגעדריקט פאַרצװייפלונג. דאָס איז געװען דאָס ליװאָנער מיידל. מען האָט איר אָפּגעזאָגט, אױ׳ן סמך פון דעקרעט, צו װיזירן איר דעם דאָקומענט — און דערפאַר איז זי געװען אַזױ פאַרצװייפלט.

װען זי האָט דערזען סטראָגאָװן האָט אַ בליק געטון אין

אירע אויגן אַ פונק פון האָפנונג. זי האָט זיך צו אים דערנענטערט, כדי צו געפינען ביי אים הילף. אָבער אין דערזעלבער רגע האָט אַ פּאָליציי־אַגענט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף סטראָגאָווס אַקסל: „דער פּאָליציי־שעף וואַרט אויף אייך".

דאָס מיידל איז פאַרצווייפלט צוריקגעפאַלן אויף דער באַנק, זעענדיק ווי סטראָגאָוו פאַרשווינדט אין דער טיר. אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צוריק אַרויס, האַלטנדיק אין דער האַנט די „פּאָדאָראָזשנע", וואָס האָט אים געעפנט אַלע וועגן פון סיביר. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער ליוואָנערן און, אויסציענדיק צו איר אַ האַנט, האָט ער אויסגערופן:

„שוועסטער!"

זי האָט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך אויגנבליקלעך אויפגעשטעלט, כדי נישט צו דערוועקן אַ חשד ביים פּאָליציי־אַגענט, וואָס איז דאַביי געשטאַנען.

„שוועסטערל" האָט איבערגעחזרט סטראָגאָוו, „דער פּאָליציי־מייסטער האָט אונדז ביידע דערלויבט אומצוקערן זיך קיין איר־קוצק. וועסטו פאָרן מיט מיר?"

„פאַרשטייט זיך, ברודערל!" האָט זי געענטפערט דערלאַנגנדיק אים די האַנט מיט אַ שמייכל פון דאַנקבאַרקייט.

און זיי זענען צוזאַמען אַוועק.

מיטן שטראָם פון דער וואָלגע

בײַם פּאָרט איז געווען אַ צונויפֿגעלאָף. די, וואָס האָבן נישט געקענט אַרויספֿאָרן, זענען געקומען קוקן אויף די, וואָס זענען געווען גרייט אַרויסצופֿאָרן. די פּאָליציי האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז ס'זאָל קיינער נישט אַדורך אָן אַ פּאַרשיין. אַ קאָזאַקן־אָפּטיילונג האָט געהיט דעם ברעג אויפֿן פֿאַל ווען ס'זאָל נייטיק זײַן צוהילף צו קומען די פּאָליציי. אָבער דער המון איז געווען, ווי שטענדיק אונטערטעניק, כאָטש ער איז געווען טרויעריק.

די קוימענס פֿון „קאַווקאַז“ האָבן גערייכערט. ס'האָט זיך געהערט אַ סיגנאַל, אַז דער דאַמפּער פֿאָרט באַלד אָפּ. סטראָגאָוו איז געשטאַנען אויפֿן דעק לעבן דער יונגער ליוואָנערן. אַ „ברודער מיט אַ שוועסטער“ זענען אָפּגעפֿאָרן מיט דער דערלויבניש פֿון גובערנאַטאָר. ביז איצט האָט סטראָגאָוו נישט געפֿרעגט ס'מיידל וועגן צוועק פֿון איר רייזע, און זי האָט אים נאָר

געדאנקט מיט אַ שטילן בליק, זיי האָבן ביידע צופֿרידן געזעגנט דעם פּאָרט, ביז דער דאַמפּער האָט זיך ווייט אַוועקגעלאָזט אויפֿן טייך. די וואָלגע, די אוראַלטע ר אַ, איז דער גרעסטער טייך אין אייראָפּע. זי ציט זיך אויף אַ שטח פֿון 4,300 קילאָ־מעטער, נעמט אין זיך אַריין די וואַסערן פֿון 200 טייכן; זי איז דער הויפּט־מקור פֿון אַ גרויסן קאַנאַלן־און־צופֿלוסן־סיסטעם, וואָס באַוועסערט ביין גובערניעס, און מיט זיבעציק העלדזער פֿאַלט זי אַריין אין קאַספּישן ים. אירע פֿאַליעס, פֿאַרשליימטע ביי אירע שפּיצן, ווערן רייִנער און ברייטער פֿון די וואַסערן פֿון דער שטראָמיקער אָקע, וואָס פֿאַלט אין איר אַריין הינטער ניזשני־נאָווגאָראָד. אַזויאַרום ווערן די פֿאַליעס וואָס מער אַראָפּ אַלץ שטאַרקער און האַסטיקער, און זיי טראָגן אויף זיך אַ מאַסע שיפֿלעך און טראַטוועס מיט האָלץ.

די דאַמפּער, וואָס קורסירן צווישן ניזשני און פּערם, פֿאַרהאַלטן זיך אויף איין שעה אין קאַזאַן, כּדי אָנצונעמען אַ זאַפּאַס קוילן, און, אַוועקקערעווענדיק זיך אַביסל ווייטער פֿון דאָזיקן אָרט אין די הויכע פֿאַליעס פֿונם אַריינפֿאַלנדיקן טייך ק אַ מ י,— פֿאַרברויכן זיי אויף דעם גאַנצן וועג ביז 62 שעה. דער דאַמ־פּער „קאַווקאַז״, וווּ סטראָגאָוו האָט פֿאַר זיך און זיין חברטע פֿאַרנומען צוויי קאַיוטעס אין דער ערשטער קלאַס, האָט מיט זיך מיטגענומען דריי קאַטעגאָריעס פּאַסאַזשירן. צו דער ערש־טער האָבן אָנגעהערט די רייכע סוחרים: אַרמענער, טערקן, אינדוסן, וואַרפֿנדיק זיך אין די אויגן מיט דער אייגנאַרטיקייט פֿון זייערע נאַציאָנאַלע קליידער. צו דער צווייטער האָבן אָנגע־הערט צומייסט טאַטאַרן, וואָס האָבן פֿאַרנומען גרויסע אַלגע־מיינע קאַיוטן. די דריטע — דאָס זענען געווען סתם אָרימע, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט פּשוט אויפֿן דעק, צושפּאַרנדיק זיך יעדער אויף זיין פּאַק. אַחוץ די אַרויסגעטריבענע אַזיאַטן

האָבן זיך דאָ אויך געפונען אַ סך רוסישע פויערן, וואָס זענען געפאָרן אַהיים אין די שטעט און דערפער פון דער אייגענער גובערניע. דען דער דעקרעט האָט דאָך דאָס נישט פאַרווערט. די אָפּגעבלאַקירטע, צעריסענע מלבושים און די גראָע פּנימער פון דערדאָזיקער גרופּע מענטשן האָבן האַרמאָנירט מיט דער איינטאָניקייט פון די זאַמדיקע ברעגן, ווו דער פּענדזעל פון מאָלער וואָלט זעלטן נאָר געקענט אויכאַפּן אַ פאַרביקן פּייזאַזש פון אַ פרוכטבאַר פעלד אָדער פון אַ גרינעם באַרג-שטח.

נאָך אַ לאַנגע צייט זיצן פאַרקוקט מיט טרויעריקע אויגן אויף דידאָזיקע ברעגן, האָט זיך ס׳מיידל די ערשטע אָנגערופן צו סטראָגאָווען:

„ברודער, פאָרסט קיין אירקוצק?"

„יאָ, שוועסטער, אַזוי גוט ווי דו. און דאָ ווו איך וועל פאָרן, וועסטו אויך פאָרן.

„מאָרגן וועל איך דיר דערציילן, פאַרוואָס איך פאָר דאָרט אַהין".

„איך פאַרלאַנג דאָס נישט פון דיר".

„אָבער פאַר אַ ברודער טאָר מען נישט האָבן קיין סודות", האָט ס׳מיידל אַ שמייכל געטון טרויעריק. „נאָר היינט... בין איך אַזוי מיד".

„גיי-זשע אריין אין קאיוטע זיך אָפּרוען".

„גוט".

„גיי"...

ער האָט איבערגעריסן. זי האָט פאַרשטאַנען אַז ער וויל זי אָנרופן ביים נאָמען.

„איך הייס נ א ד י א", האָט זי געזאָגט דערלאַנגנדיק אים די האַנט.

„גיי, נאַדיאַ! און פאַרלאָז זיך אויף דיין ברודער, ניקאַ-

לאי קאָרפּאַנאָוו.

ער האט זי אפּגעפירט צו דער קאיוטע. דערנאך האט ער איינער אליין אנגעהויבן ארומבלאָנקען איבערן דאמפער. ער האט אָבסערווירט די פּאסאזשירן, אבער ער האט זיך מיט קיינעם פון זיי נישט אריינגעלאזט אין קיין שמועס, וועלנדיק אויף אזא אופן אפּהיטן זיין אינקאָגניטאָ. צווייטנס, האָבן אויך יענע געשוויגן ווען ער איז פארבייגעגאנגען, ווייל מען האָט זיך געהיטן פּזור געהיים-אגענטן. נאָר צוויי אויסלענדער האָבן גאנץ פריי צווישן זיך גערעדט, באַנוצנדיק זיך — ווייזט אויס, כדי איינצוּיבן זיך — מיט דער רוסישער שפּראַך.

„אָ, דאָס זענט איר, טייערער קאָלעגע, מיט וועמען כ'האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו טרעפן זיך אויפן באַל אין מאָסקווע, און צו באַגעגענען אייך אַדורכלויפנדיק אויפן יאַריד", האָט אויסגערופן אַ פרייליכע שטים.

„יאָ, דאָס בין איך טאקי דערזעלבער!" האָט אָפּגעענטפערט אַ טרוקענע שטים.

„הייסט עס, איר פאָרט נאָך מיר?"

„אָדער פאַרקערט: פאַר אייך".

„און ווען מיר זאָלן זיין ווי זעלנער, גייענדיק שטענדיק אין איין רייע?"

„נישט ווילנדיק וואָלט איך אייך אַריבערגעיאָגט".

„אָהאָ, אויסגעצייכנט! לאָמיר זיך יעדנפאַלס יאָגן שפּע־טער אויפן מלחמה-געביט, ווו מיר וועלן זיין קאָנקורענטן".

„אפשר פיינט".

„זאָל זיין אַזוי. ס'איז מיר אנגענעם אייער געגוויקייט. אָבער נאָך וואָס, צום טייוול, דארפן מיר זיך שוין איצט שפּאַרן, ווען ס'קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן איבעריאָגן זיך אויף

איין און דעמזעלביקן דאַמפּער. איר פאָרט קיין פּערם מיטן זעלביקן וועג, וואָס איך?"

„געוויס! מיטן באַקוועמסטן וועג ביז צו די טויערן פון אוראל".

„וועלן מיר אַלזאָ האָבן צייט ערשט זייענדיק אין סיביר אויטצורופן: „יעדער פאַר זיך, און גאָט פאַר..."

„פאַר מיר!"

„אָדער פאַר מיר!... און איצט, אין משך פון די עטלעכע טעג, וווען קיין ידיעות קאָנען אונדז סיי ווי סיי נישט איינ-פליסן, לאָמיר זיין פריינט — איידער מיר ווערן קאָנקורענטן."

„פריינט!"

„זאָל זיין אַזוי! צוזייטנס, איך זאָג אייך צו צו האַלטן בסוד פאַר אייך אַלץ, וואָס כ'וועל זעען".

„און איך — אַלץ, וואָס כ'וועל הערן".

„א האַנט?"

„אַ האַנט".

פינף פינגער פון לוסטיקן האָבן געדריקט צוויי פינגער פונם פלעגמאַט.

„וואָס האָב איך עס געוואָלט זאָגן... כ'האָב היינט טעלע-גראַפירט מיין קוזינע דעם טעקסט פון דעקרעט, וואָס איז גע-וואָרן פובליקירט אַ זייגער 12, טאַקי היינט אַ זייגער 10 מיט 17 מינוט".

„איך — צום דיילי-טעלעגראַף אַ זייגער 10 מיט 13 מינוט".

„בראַוואָ, הער בלאונט!"

„בראַוואָ, הער זשאָליווע!"

„איך מוז אָפּגעווינען די פיר מינוט".

„ס'וועט זיין שווער."

„כ'וועל פּרווון!"

די ביידע פריינט, אדער שונאים, ביידע נייס-כאַפּער, האָבן אַ רגע שפּעטער, אַ דאַנק דעם פאַרשלאַג פון געזעלשאַפטלעכן פראַנצויז און מיט דער הסכמה פון שווייגנדיקן ענגלענדער, גע־טרונקען ביים זעלבן טיש און בופעט-זאַל אמתן „קליקאָ”. און סטראָגאָוו האָט קוקנדיק אויף זיי געקלערט: „אָט דאָס זענען טשיקאווע מענטשן, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטן”.

די ליוואָנערן איז נישט געקומען אויף קיין מיטאָג, זי איז נאָך אַלץ געשלאָפן אין קאַיוטע. סטראָגאָוו האָט זי נישט געוואָלט וועקן. ס'איז צוגעפאַלן דער מילדער זומער-אָוונט פון דאָזיקן געאָגראַפישן פּאַס. אַרומבלאָנדזשנדיק איז סטראָגאָוו אַריין אין אָפּטיילונג פון דער דריטער קלאַס. אַ סך פון די אָרימע לייט האָבן געשמאַק געכראַפּעט ליגנדיק אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, מיט די פּעק אונטערן קאָפּ, אַ טייל גרו־פּעס האָבן אין שיין פון די רויטע לאַמטערנס צווישן זיך גע־רעדט אויף אַ האַלב קול. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ גרופּע ציגיינער — טענצערס און אַקראָבאַטן, וואָס זענען פּלוצלינג דורכן אומרחמנותדיקן דעקרעט פאַרטריבן געוואָרן פונם יאַריד. זיי האָבן גערעדט מיט זייער אייגענעם לשון.

פּלוצלינג האָבן אין סטראָגאָווס אויערן אָפּגעקלונגען צוויי באַקאַנטע שטימען. אינסטינקטיוו האָט ער זיך געגעבן אַרוק אַריין אין שאָטן פון גרויסן קוימען פון דאַמף־קעסל; ער האָט זיך איינגעהאָרכט.

„מע שמועסט, אַז אַ קוריער איז אַרויסגעפאָרן פון מאָס־קווע קיין אירקוצק!” האָט געזאָגט אַ פראַנצויזן-שטים.

„מע שמועסט, סאַנגאַראַ! אָבער — אָדער ער וועט אָנקו־מען צו שפּעט, אדער ער וועט אינגאַנצן נישט אָנקומען!” האט אָפּגעענטפערט אַ מענער-שטים.

ס'איז דאָ קיין שום ספק נישט געווען. דאָס איז

געווען די זעלבע פּאָר, וואָס האָט גערעדט אין זיין אָנוועזנ־הייט נעכטן אין אָוונט.

ער האָט זיך צוריקגעצויגן און איז אַוועק אין זיין קאַ־יוטע. ער האָט זיך געלייגט אין אָנטון אויפן בעטל, די הענט אונטערגעשפּארט אונטערן קאָפּ. וועגן שלאָפן איז קיין רייד נישט געווען. ער האָט געקלערט:

„ווער ווייסט וועגן מיין אפּפאר און ווער אינטערעסירט זיך מיט דעם?"

ארויף מיטן טייך קאמא

צומאָרגנס אינדערפרי דעם 18 יולי איז דער דאמפער צוגעקומען צו אַ פּאָרט, וואָס איז געווען אַ מייל ווייט פון קאַזאן. אויפן ברעג האָט זיך געשטופּט אַ נייגיריקער עולם, וואָס איז באַשטאַנען פון טשערמיסן, מאָרדוועס, טשוואשן און טאַטאַרן. די לעצטע האָבן געטראָגן אדער קורצע קאַפּטאַנעס, צו דעם היטלעך מיט קיילעכדיקע קלאַפּעס, וואָס האָבן דערמאַנט אינם טראַדיציאָנעלן הוט פון פּיאָטר דעם גרויסן, אדער לאנגע קאַפּאָטעס מיט היטלעך, וואָס האָבן דערמאנט אין פּוילישע יידן.

גרויסרוסן זענען אויפן ברעג נישט געווען פיל, כאָטש קאזאן איז א גובערניע־שטאָט מיט א אוניווערסיטעט און מיט א ארכיערייישע צערקווע. אָבער ביים פּאָרט זענען געווען צומייסטן אזיאטן, וועמען כ״איז נוגע געווען דער דעקרעט וועגן ארויסטרייבן, וואָס איז ארויסגעגעבן געווארן דורכן אָרטיקן גובערנאטאָר לויטן מוסטער פון טעלעגראפיש איבערגע-

שיקטן דעקרעט פון דער שכנותדיקער גובערניע. דער עולם האָט דעריבער געוואַרט אויפן דאַמפּער. אויסגעשטיגן זענען דאָ רוסישע פויערן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אהיים אין זייערע דערפער.

בײדע זשורנאַליסטן, געניסנדיק פון דער שעהדיקער הפסקה אין פאָרן, זענען אראָפּ אויפן ברעג. דער שווייגנדיקער בלאָונט האָט געצייכנט מענטשלעכע טיפּן. דער לעבעדיקער זשאָליווע האָט יעדן אויסגעפרעגט, פאַרצייכנדיק די ענטפערס אין זכרון. סטראָגאָוו איז אויפן ברעג נישט אראָפּ, ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין חברטע אליין.

דאָ האט אים עפּעס ווידער שטאַרק פאַרוואונדערט. די גרופּע ציגיינער, וועלכע ער האט נעכטן אבסערווירט אין דער טונקלקייט, איז דא אויסגעשטיגן. ער האט זיך אפּגעגעבן אַ רעכנונג פון דעם, אַז בייטאָג האבן זיך דידאזיקע ציגיינער באַהאַלטן אונטערן דעק, און ערשט ביינאַכט האבן זיי זיך אַרויסגעשיט אינדערהייך, דעמאָלט ווען מען קאן זיי נישט גוט אנקוקן. עס האט נישט געשטימט, נישט מיט דער געוויג-הייט פון ציגיינער, נישט מיט דער שטיקנדיקער היץ פון זו-מער. עס האט אים געוואונדערט אויך דאס, וואס דער אלטער ציגיינער — ווייזט אויס, דער ראש פון דער גרופּע און דער-זעלבער, וואס האט אים פארטשעפּעט אין ניזשני — אַרויסגייענ-דיק אין דער שפּיץ פון זיינע מענטשן, איז נישט אַרויסגע-טרעטן שטאלץ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פירער און פאַר אַ פרייהייט ליבהאבנדיקן ציגיינער. דאס אפּגענוצטע היטל האט ער פעסט אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, איינגעהויקערט זיך, און אויף די אַרעמס האט ער אַנגעצויגן אַ גראָבע סוויטע, איינהילנדיק זיך אין איר כאטש ס'איז געווען שטאַרק הייס.

איינע אַ יונגע ציגיינערן האט אַראָפּגייענדיק פון דאמפער אונטערגעזונגען:

„אַ גאָלדענער הארבאנד באצירט מייגע האָר,
בלישטשעדיקע קרעלן אויף מיין ברוינעם האלדז,
איך גיי צו געפינען מיין גליק״...

ער האָט קוים צייט געהאַט צו קלערן וועגן דעם, אז שוין נישט איינע פון די שיינע ציגיינערשע טענצערנס האָט געפונען איר מזל, התונה־האָבנדיק מיט עפּעס אַ רוסישן מאַגנאַט. גיך האָט אים זיין געדאַנק איבערגעריסן די צומלעצט אַדורכגייענדיקע ציגיינערן. דאָס איז געווען סאנגארא, אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק. אַ הויכע, שטאָלץ אויסגעגלייכט, מיט געדיכטע האָר און פּרעכטיקע אויגן, אַפּמעסטנדיק אים ביים דורכגאַנג מיט אַ אויסטערלישן דורכדרינגנדיקן בליק, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן זיך איינקריצן אין זכרון זיינע שטריכן. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס איז דיזעלבע, וואָס האָט אים איינמאָל אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן, און אָן אַ צווייפל האָט זי אים נעכטן גוט באמערקט מיט איר קעצישן בליק אין דער פינסטער.

ער האָט איין רגע חשק געהאַט זיי נאָכצוגיין, כדי אויסצופאָרשן זייערע פּלענער, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן,

„רעדנדיק מיט דערדאָזיקער באַנדע, ריזיקיר איך דערקענט צו ווערן. און נאָך וואָס טויג עס מיר... אויב זיי רייזן אפילו פון קאזאן אויף אישים אין מיין ריכטונג, וועט דער טאַראנטאס, אַ צוגעשפּאַנטער צו גוטע סיבירער פערדלעך, שטענדיק אַריבעריאָגן די ציגיינערשע פור. זיי אַלזא רויק, פריינט קאָרפּאַנאָוו!״

קאזאן ווערט אָנגערופן „די טויערן פון אזיע״. פון דאָרט פירן צוויי וועגן אויף יענער זייט אוראל. אָבער דעם וועג, וואָס סטראָ-

גאָוו האָט אויסגעקליבן, איבער פּערם, יעקאַטערינבורג, טיומען, איז אַ בעקוועמערער, צוליב דעם פּאָטשט־טראַקט, פון דעם קור־צערן אבער שווערן און וויסטן וועג איבער אישים, טשעלאַבוג, זלאַטאָוסטיע, ווי אויך איבער די שוין אַזיאַטישע שטעט טשעלאַ־בינסק און קורגאַן. אַזוי האָט זיך געקאָמבינירט סטראָגאָוו, נאָכפאָרשנדיק מיטן בליק די גרופּע ציגיינער מיט סאנגאראן צום לעצט.

דער דאַמפער, אָנגעמענדיק אַ זאַפּאַס קוילן, האָט אויפ־געהויבן דעם אַנקער. סטראָגאָוו האָט באַמערקט, אַז פון די צוויי זשורנאַליסטן איז נאָר בלאונט אַליין געווען אויפן דעק. צי איז דער פראַנצויז מיט אַ כיוון איבערגעבליבן, צי האָט ער נישט באַוויזן צו קומען צו דער צייט?... אינדעם האָט ער זיך באַוויזן אויפן ברעג — לויפנדיק אין איין אָטעם, ווען דער דאַמפער האָט זיך שוין אָפּגערוקט פון פּאָרט. אָבער דער פליג־קער זשאָליוועו האָט געגעבן אַ שפּרונג, נישט צו פאַרשעמען דעם בעסטן קלאָון — און איז גלייך אַריינגעפאַלן... אין די אָרעמס פון ענגלישן קאָלעגע.

„כ'האָב גערעכנט, אַז איר האָט אויסגעקליבן אַן ערגערן וועג", האָט בלאונט געזאָגט מיט אַ שטאָך.

„קיינמאָל נישט. ס'איז מיר בעסער ניחא אייער געזעל־שאַפט. אָבער פון פּאָרט ביזן טעלעגראַף איז גענוג ווייט"...

„איר שפּאסט! ס'פונקציאָנירט דען דער טעלעגראַף ביז קאָליוואַן?"

„דאָס נישט. אָבער כ'פאַרזיכער אייך, אַז ער פונקציאָ־נירט צווישן קאַזאַן און פּאַריז".

„איר האָט טעלעגראַפירט?!"

„צו דער קוזינע... כ'קאָן אייך איצט אפילו זאָגן דעם אינהאַלט פון דער טעלעגראַמע. כ'בין גענוג אַנשטענדיק נישט

צו היטן זיך מיט דעם, וואָס כ׳האָב זיך דערוווּסט. „די טאַטאַרן מיט פּעפּאַר־כאַן אין דער שפּיץ זענען אַדורך סעמיפּאַלאַטינסק אין שווימען מיטן לויף פון אירטיש״.

בלאונט איז אַוועק בייסנדיק זיך די ליפּן. ער איז געשטאַנען אָנגעפּמורעט ביי דער באַריערע, פּאַרלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט. זיין ציימונג איז געבליבן הינטערשטעליק!

„אויפן דעק האָט זיך באַוויזן די ליוואָנערן.

„קוק, שוועסטערל!״ האָט סטראָגאָוו געזאָגט. און מיט אנטציקונג האָט ער איר אָנגעוויזן די פּרעכטיקע וואַלד־פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך פאַר זיי פאַנאַנדגעוויקלט אין העלן זונענליכט אין דערזעלבער רגע, ווען דער דאַמפּער איז אַריינגעשווימען אין די פּינקלדיקע פּאַליעס פון קאַמאַ. אבער נאַדיאַס אויגן האָבן נישט אויפגעבליצט. מיט זאָרג האָבן זיי אַדורכגעדרינגען דעם האָריזאָנט, ווי זי וואָלט וועלן אַזויאַרום דערגרייכן דעם ווייטן ציל.

„ווי ווייט זענען מיר שוין פון מאָסקווע?״

„900 וויאַרסט״, האָט ער געענטפערט.

„900 אויף 7,000!״ האָט זי געזיפצט.

ער האָט איר איינגערעדט זי זאָל עסן פרישטיק. באַלד נאָכן עסן האָט זי אים גאַנץ שטיל אָנגעהויבן דערציילן:

„ברודער! כ׳בין אַ טאָכטער פון אַ פאַרשיקטן. איך הייס נאַדיעזשדאַ פעדאָר. מיין מוטער איז מיט אַ חודש צוריק געשטאָרבן אין ריגע. איצט פאָר איך קיין אירקוצק, כדי צו זיין צוזאַמען מיטן טאַטן.״

„כ׳וועל זיין גליקלעך צוצופירן נאַדיען פעדאָר אַ געזונטע צו איר טאַטן.״

„כ׳דאַנק! ווען נישט דו, וואָלט איך איינזאַם געשטאָרבן אין נאָווגאָראָד״.

„ווי האָסטו עס געוואגט אוועקצופאָרן זיך קיין סיביר אין אַזאַ שטורעמדיקע צייט?"

„דאָס איז געווען מיין פליכט. צווייטנס, איך בין געוואָר געוואָרן ווען די אומרוען שוין נאָכן אַרויספאָרן פון ריגע, ערשט אין מאָסקווע."

„פונדעסטוועגן... ביסטו נישט צוריקגעפאָרן!..."

זי האָט אים ווייטער דערציילט די געשיכטע פון איר לעבן מיט פשוטע ווערטער, נישט אַקצענטירנדיק אירע געפילן, נאָר איבערגעבנדיק בלויז פאַקטן: דאָס האָט אָבער נישט ווי ניקער גערירט דעם צוהערער.

אַ געוויסן טאָג איז דאָס גליק פון איר פאַמיליע צע־שטערט געוואָרן. מען איז געוואָר געוואָרן, אַז איר פאָטער — אַ אָנגעזעענער דאָקטאָר – געהערט אָן צו עפּעס אַ געהיימער געזעלשאַפט, וואָס האָט אין גרונט גענומען נישט געשטרעבט צו קיין איבערקערעניש, נאָר איז געווען בלויז פאַרבאָטן בלויז צוליבן חשד פון דער אָרטיקער מאַכט. וואָסיל פעדאָר, ווערנ־דיק פלוצלינג אַרעסטירט דורך זשאַנדאַרמען, נישט באַווייזנדיק צו געזעגענען זיך אַפילו מיט דער קראַנקער פרוי און מיט דער איינציקער טאָכטער, איז אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר; ער וווינט שוין דאָרט צוויי יאָר, פאַרנעמענדיק זיך מיט זיין מעדיצינישן פאַך; די פרוי האָט צוליב איר קראַנק־הייט, וואָס האָט זיך זייטן אומגליק זייער פאַרשטאַרקט נישט געקאָנט צו אים פאָרן. אין צוואָנציק חדשים אַרום איז זי אַוועק אויפן עולם־האמת. נאַדיאַ איז געבליבן עלנט, קוים האָבנדיק פון וואָס צו לעבן. מיט גרויס מי איז איר געלונגען צונויפצו־קליבן אַ ביסל געלט אויף דער רייזע, און פון נייעם גובער־נאַטאָר, וואס איז געווען צו איר גענעדיק, האָט זי באַקומען די דערלויבניש צו פאָרן צום פאָטער. זי האָט געטון, וואָס זי

האָט געקאָנט. חייטער איז זי בײַ גאָט אין דער האנט...

...אַ מחיהדיק נאכט-ווינטעלע האָט געבלאָזן פון וואלד. דער דאַמפער האָט צעשפריצט מיטן רודער-ראָד די רוישיקע וואסערן און האָט געוואָרפן מיליאָנען טראפּנס־פונקען אויף די ברעגן, ווו ס'האבן זיך צוזאַמענגעדריקט, לייכטנדיק מיט די אויגן אין דער פינסטערניש, סטאַדעס וואָיעדיקע וועלף.

אין טאראנטאס טאג און נאכט

פערם די גובערניע־שטאט, וואס פארמאגט נאטור־אוצרות: מארמאר, זאלץ, פלאטין, זילבער און גאלד אויך שטאַרק עקספלאָאטירטע קוילנגרובן, דער לעצטער פארט אויפן טייך קאַמאַ, — די שטאט, פון וועלכער מען זעט די פאנאָראמע פון די אוראַלער בערג, איז שמוציק און בלאטיק, און פאַרמאגט נישט גענוג באקוועמלעכקייט אפילו פאַר די אנגעקומענע פון מיטל־אזיע דידאזיקע שטאט שאפט נישט קיין גוטע מיינונג וועגן אייראפע, ווייל דאס איז דער ערשטער שטאטישער ישוב אויף אירע גרענעצן.

מיכאיל סטראגאוו, אנקומענדיק אַהער דעם 18־טן יולי, איז געוועזן אין גרויס פארלעגנהייט, זוכנדיק א מיטל ווי צו פארן ווייטער. אין דער פאטשט האט צוליב דער אומרויקער צייט געהערשט אַ אומארדנונג. ער האט דעריבער באשלאסן צו קויפן אַ קאטש. אבער די ארויסגעשיקטע אזיאטישע אייגוואוינער האבן מיטגענומען מיט

זיך די בעסטע קאטשן, און סטראגאוו האט קוים מיט צרות געפונען עפעס אַ טאראנטאס, אמת אן רעסארן, אזויווי אַ „טיע. לעגא“, אבער דאך מיט אקסן, וואס דערהאלטן ווי ס'איז די גלייכגעוויכט, און מיט אַ לעדערנע בויד — אַ שוץ פאַר די ווינטן און רעגנס. ער האט זיך געמאכט שמארק דינגען, כדי נישט צו דערוועקן קיין חשד, אז ער איילט זיך אזוי.

„כ'וואלט גערן דיר געוואלט געבן אַ באקוועמערע קאַ־רעטע“, האט ער געזאגט צו נאדיאן.

„כ'בין גרייט געווען אפילו צו גיין צופוס, אַבי זיך צו פארייניקן מיטן טאטן.“

„איך צווייפל נישט אין דיין דרייסטקייט, אבער אזא מאַ־טערניש פאַר אַ פרוי...“

„כ'וועל אלץ איבערטראגן. אויב ס'וועט זיך נאר איין מאל ארויסרייסן טענה פון מיין מויל — לאז מיך איבער, ברודער, אליין אין מיטן וועג און פאָר אוועק!“

אין אַ האלבע שעה דערנאך זענען דריי פייערדיקע סי־בירער פערדלעך, באדעקטע מיט אַ לאנגע פעל, געשטאַנען אין שפאן. איבערן מיטלסטן פערדל איז געווען איבערגעבויגן די טראדיציאָנעלע „דוגע“, באהאנגען מיט גלעקעלעך, וואס מאכן פריילעכער ס'פארן און קלינגען אפ מיט שנעלקייט אין די אויערן פון די פערד און די פאסאזשירן.

דער יאמשטשיק — אַ געדונגענער פון סטאציע צו סטאציע — האט מיט נסים זיך דערהאלטן אויף דער פיקטיווער קעלניע. אויף קיין באגאזש איז אין טאראנטאס נישט געווען קיין ארט — נאר די רייזנדע האבן אים אויך נישט געהאט. זיי האבן נאר מיט. גענומען מיט זיך א נייטיקן זאפאס שפייז אויפן פאל פון פאר־שפעטיקן זיך צו דער נאנטסטער סטאציע.

דער ערשטער יאמשטשיק, אַ נידריקער סיביריאק, אַ האָ־

ריקער ווי די פערד, אַ שטאָלצער אויפן הערבּ פון דער קייזערלעכער פּאָטשט, וואָס איז געווען אויסגעקלאַפּט אויף די קנעפּ פון זיין סוקמאַנע, איז שטאַרק געווען פאַרווונדערט, זעענדיק, אַז די פּאַסאַזשירן פירן מיט זיך גישט קיין באַגאַזש. מ׳קאָן מיטנעמען מיט זיך ווייניק, אָבער אינגאַנצן נישט?! ער האָט זיך געקרומט, געוואָרטשעט:

„קראָען! זעקס קאָפּיקעס פּאָר אַ וויאָרסט.״

אָבער סטראַגאָוו האָט פאַרשטאַנען דעם זשאַרגאָן פון די יאַמשטשיקעס.

„ניין!... אָדלערס! און ניין קאָפּיקעס פּאָר אַ וויאָרסט אַ חוץ טרינקגעלט״.

דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז דער יאַמשטשיק האָט זיך טועה געווען. די, וועמען ער האָט אָפּגעשאַצט פאַר אָרימע, וואָס זענען קוים ווערט די שנעלקייט פון קראָען, האָבן פּרעטענדירט אויף אַ שנעלקייט פון די אָדלערס, און האָבן גוט פאַר דעם באַצאָלט. ער האָט פרייליך אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש, און באַלד האָט ער אנגעהויבן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער איינצוגעבן חשק די פערדלעך. דאָס איז אַ שמועס מיט די חיות, ווי מיט שכלדיקע, פאַראַנטוואָרטלעכע באַשעפענישן, וואָס זענען גיכער פילבאַר אויף איידעלע ווערטער, ווי אויף לייכטע — כאָטש גאַנץ זעלטענע — שמיץ פון דער בייטש.

אָן אויפהער האָט ער צוגעוואָרפן חניפהדיקע ווערטלעך: „וויאָ, טייבעלעך! פליטס, איידעלע שוואַלבן! רירעוודיקער, חבר פון רעכטס! לויף, פּאָטערל פון לינקס!״ אָבער ווי נאָר די פערד פוןביידע זייטן האָבן אנגעהויבן אפּשטיין פון מיטלעם, דעם גרעסטן פון זיי, וואָס האָט אומויפהערלעך גאַלאָפּירט, האָט די האַלדז־שטים אנגעהויבן שיטן אויף זיי זידל־ווערטער, וואָס זענען די חיות שוין געווען גוט באַקאַנט: שלעפּ, נבלה

טייוועלשע נו־זשע, דו שנעק איינער! כ׳וועל אייך לעבעדיקער הייט אפשינדן און איר וועט פאַרשאַלטן זיין אויף יענער וועלט!״...

און דער טאראנטאס איז טאקי שנעל געלאפן, אַדורכמאַכנדיק ביז פערצן ויארסט אין אַ שעה.

סטראגאוו איז געווינט געווען צו אַזאַ מין פאָרן. אַ רוסישע קארטע פארט איבער שטיינער און העלצער, איבער ראוון און לעכער, ער האט פון דעם אלעם געוווסט. אבער אויך זיין חברטע האט זיך נישט געקלאגט אויף די וואקלעניש און טרייסלעניש. אין אנהייב איז זי געזעסן אַ שווייגעדיקע, ווייל פון ווינט האט איר פארפעלט אטעם; דערנאך האט זי שוין געקאנט א ביסל שמועסן.

„פון פערם ביז יעקאַטערינבורג רעכנט זיך 300 וויאָרסט — יאָ?״

„יאָ! און דאָרט וועלן מיר שוין זיין ביים צופיסנס פון די אוראלער בערג.״

„און דער דורכפאָר צווישן די בערג געדויערט לאַנג?״

„אכט און פערציק שעה, ווייל מיר מוזן פאָרן טאָג און נאַכט... איך טאָר זיך נישט פאַרשפעטיקן, נאַדיאַ!״

„פאַרשפעטיק נישט דיין רייזע. מיר וועלן פארן טאג און נאַכט.״

„אויב די טאַטאַרישע מחנות וועלן אונדז נישט פארשטעלן דעם וועג, וועלן מיר זיין אין אירקוצק אין 20 טעג אַרום״.

„האָסט שוין אַמאָל אדורכגעמאַכט דעם וועג?״

„נישט איינמאל, אבער אין ווינטער.״

„דעמאָלט וואָלט דאָס פאָרן געגאַנגען שנעלער און זיכערער.״

„וואָלסט אָבער נישט אויסגעהאַלטן די פרעסט און די שניי־שטורעמס.״

„דער ווינטער איז דעם רוסס פרייגט!״

„אָבער וויפל טעמפּעראַמענט פאַרלאַנגט דידאָזיקע פריינט־שאַפט! כ׳בין שוין אַדורכגעגאַנגען פּערציק־גראַדיקע פרעסט אין דידאָזיקע סטעפּעס. אונטערן צודעק פון הירשנפעל איז מיר ס׳האַרץ נעפרוירן געווען ווי אייז; אין דריי פּאָר וואָלענע זאָקן זענען די פיסטריט פאַרשטאַרט געוואָרן. אַ אייזשאָל האָט די פערד פאַרדעקט, זייער אָטעם איז פאַר די נאָזלעכער פאַר־פרוירן געוואָרן. בראָנפן איז אין פלעשל אין אַ שטיין פאַר־וואַנדלט געוואָרן — נישט מיט אַ מעסער צו שניידן! אָבער די שליטנס זענען ווי אַ הוראגאַן געפלויגן איבער די שויבן פון פאַרפרוירענע יעזשערעס, אָדער איבער דעם גלאַטן טעפיך פון דעם פאַרשנייטן סטעפּ... אָבער פאַרן פרייז פון גרויסע יסורים באַדיאַ, וועגן דעם ווייסן די פאַרשיטע, וואָס וועלן שוין קיינמאָל זיך נישט אומקערן...

„פונדעסטוועגן ביסטו צוריקגעקומען, ברודער!״

„דריי מאָל... ווייל איך בין אַ סיביריאַק, פון קינדווייז אָן געוווינט געוואָרן דורכן פאָטער צו גיין אויף געיעג...״

„און ווען כ׳בין געפאָרן צו מיין מוטער קיין אָמסק, האָט מיך די ליבע צו איר געשטאַרקט און געמוטיקט...״

„און מיך האַלט אונטער די ליבע צום פאָטער, צו ווע־מען איך פיר קיין אירקוצק דאָס לעצטע וואָרט פון מיין מוטער...״

„ביסט אַ העלדיש קינד, און זאָל דיר גאָט בייהילפיק זיין!״

דעם גאַנצן טאָג האָבן די יאַמשטשיקעס, וואָס האָבן זיך געביטן אויף יעדער סטאַציע, געפירט זיי גאַנץ שנעל, באַקוי־מענדיק חשק דערצו דורך די צוגעזאָגטע גרויסע בירגעלטער, און אפשר פון גרויס אכטונג צו דערדאָזיקער פּאָר, וואָס האָט געהאַט די פּאַפּירן אין אָרדנונג און האָט זיך געוואַגט צו

פאָרן אין טיף-סיביר אין אַזאַ אומרויקע צייט. אינדעראמתן זע-נען נישט זיי אליין געפאָרן אויפן דאָזיקן וועג. סטראָגאָוו האָט זיך דערוווּסט, אַז עפּעס אַ פור פאָרט פאָרויס זיי.

מען האָט זיך פאַרהאַלטן בלויז עפּעס אָפּצוועסן אין די פּאָטשטאָווע גאַסטהייזער. און אויב ס'איז ערגעץ נישט געווען קיין גאַסטהויז, האָט מען געקענט אָנקלאַפּן אין אַ פּויעריש הייזל אויפן וועג, און באַלד איז אויף דער שוועל געשטאַנען אַ פּויער און צוגעגומען שמייכלענדיק דעם גאַסט מיט ברויט און זאַלץ, און די באַלעבאָסטע האָט אין שטוב געוואַרט מיט אַ זודיקן סאַמאָוואַר; דען דאָס היגע פאָלק זאָגט אַ ווערטל:

„אַ גאַסט אין שטוב — גאָט אין שטוב."

פאַרנאַכט האָט סטראָגאָוו, אַנגערעגט דורכן אינסטינקט, דעם נאַטשאַלניק פון פּאָטשט אַ פרעג געטון:

„ווי לאַנג איז שוין פאַרבייגעפאָרן פאַר אונדז יענע טיעלעגאַ?"

„מיט צוויי שעה צוריק."

„וויפל פּאַסאַזשירן?"

„צוויי."

„זיי פאָרן שנעל?"

„ווי אָדלערס!"

„מיר מוזן באַלד פאָרן!" האָט סטראָגאָוו אַ רוף געטון.

אַ גאַנצע נאַכט זענען זיי געפאָרן. נאַדיאַ איז עטלעכע שעה געשלאָפן, כאָטש די לופט איז געווען נעפלדיק און שווער. מיכאַיל איז געווען וואַך. ס'האָבן אים געמאַכט אומרויק גרויסע סימנים אויף אַ נאָענטן שטורעם וואָס רוקט זיך אָן פון די בערג. אַ חוץ דעם האָט ער נישט געטרויט די יאַמשטשיקעס, וואָס אַז מען וועקט זיי נישט, שלאָפן זיי איין אויף זייער אָרט, דאַבי-

שלעפן זיך די פערד גאַנץ פּאַמעלעך. אויף אַזאַ אופן האָט סטראָגאָוו נישט פאַרלוירן קיין איבריקע צייט.

די נאַכט איז בשלום אַדורך. דעם 20-טן יולי אינדערפרי האָט זיך פאַר זיי אַרויסגעריקט דער באַרג-קייט, וואָס אויף דער גרענעץ צווישן אייראָפּעיש-רוסלאַנד און סיביר. די בערג האָבן אָבער פאַרפירעריש זיך אַרויסגעוויזן פאַר נאָנט, ווען אין דער ווירקלעכקייט האָט מען צו זיי נאָך באַדאַרפט פאָרן אַ גאַנצן טאָג. דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט צוגעגעבן דער לופט אַ ליבע פרישקייט. פונדעסטוועגן האָט דער אנזאג וועגן נאָנטן שטורעם נישט דערלויבט צו לאָזן זיך ביינאַכט צווישן בערג. ס'האט זיך שוין געהערט דער עכא פון ווייטע דונערן. און סטראגאוו וואלט שוין גרייט געוועזן צו פאַרהאַלטן זיך, ווען נישט אַ געוויסע פּאַסירונג.

„די „טיעלעגא" יאגט אונז טאַקי כסדר איבער?" האט ער געפרעגט דעם פורמאַן.

„יאָ".

„איז ווייט פון אונדז?"

„אַן ערך אַ שעה צייט".

„שנעל פאָרויס! באַקומסט אַ דרייפאַך בירגעלט, אויב מיר וועלן מאָרגן פרי זיין אין יעקאַטערינבורג! יאָג איבער דעם וואָגן!"

א שטורעם אין די בערג

די אוראַלער בערג ציען זיך פון אייז-ים ביזן קאַספּישן ים, אויף דער גרענעץ צווישן אַזיע און אייראָפּע, אין אַ קייט פון 3200 קילאָמעטער די לענג. (אוראַל הייסט אויף טאַטאַריש: אַ קייט.)

אריינפּאָרנדיק צווישן די בערג ביינאַכט, דעמאָלט ווען די דונערן האָבן אָנגעזאָגט דעם נאָענטן שטורעם, האָט סטראָגאָוו צוגעגרייט געוויסע פאַרהיטונגס-מיטלען. מען האָט פאַרצויגן טאַפּעלטע לייטשן, מ'האָט ביידע אַקסן פאַרייניקט מיט אַ קלאָץ אין דער קוועך, מ'האָט דעם אָנלען אויסגעבעט מיט שטרוי, כדי צו מילדערן ס'טרייסלען, מ'האָט פאַרבונדן פון ביידע זייטן דעם לעדערנעם דאַך, וואָס זאָל פאַרשטעלן פון ווינט און רעגן. נאָדיא האָט פעסט צוגעבונדן דאָס היטעלע אויפן קאָפּ. מען האָט אויך אָנגעצינדן רויטע לאַמטערנדלעך פון ביידע זייטן טאַראַנטאַס, כדי צו פאַרהיטן פון אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ אַנטקעגנקומענדיקע פור.

„מיר זענען גרייט!“ האט סטראגאוו געזאָגט צום מיידל.

„לאָמיר פאָרן!“ האָט זי רויִק געענטפערט. דער זון־אונטערגאַנג האָט אין זיך געטראָגן אַ שלעכטן אָנזאָג. ריזיקע, געדיכטע וואָלקנס האָבן געהאָנגען איבער דער ערד. אויסזעענדיק ווי פאַנטאַסטישע בויגנס באַלויכטענע מיט אַ פאָספאָרישן ליכט, ס'איז טאַקי נישט געווען קיין קווער־ווינט און די וואָלקנס האָבן זיך נישט באַוועגט פון איין האָריזאָנט ביזן צווייטן. אָבער סטראָגאָוו האָט גוט באַמערקט, אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ פון דער סאַמע הייך, און דאָרט אויבן איבער די בערג, האָט זיי געמוזט טרייבן און צוזאַמענדריקן אַ געוואַלטיקער הוראַגאַן. נאָך גוט וואָס עס האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגן, אַנישט וואָלט שוואַרצעד נעפּל פאַרשטעלט דעם וועג, אַזוי אַז דער טאַראַנטאַס וואָלט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט אָן דער סכנה אַראָפּצופאַלן אין אָפּגרונט. כאָטש די אוראַלער בערג דערגרייכן נישט די הויכקייט פון די אַלפּן אָדער פון די הימאַלאַיען — דער העכסטער שפּיץ דערגרייכט קוים 5000 פוס — און ס'געפינען זיך נישט אויף זיי די אייביקע שנייען, טרעפן זיך דאָ פונדעסטוועגן שנייפאַרשיטונגען, און די סטיכישע קרעפטן וואַרפן אַרום זיך אַ האָגל שטיינער, און אַרויסרייסנדיק אַלטע ריזיקע ביימער מיט די וואָרצלען, פאַרשאַפן זיי אַזוי־אַרום אַ גרויסע געפאַר פאַרן וואַגדערער. אויפן וועג צווישן די בערג איז קיין שום באַהעלטעניש פאַראַן. אַרום איז לער און וויסט. אין ערגעץ געפינט זיך נישט קיין הייזל; נאָר בלויז ערגעץ ווייט ביי די שאַכטן געפינט זיך אַ פאַבריקס־בנין.

שטיל. ס'הערט זיך נאָר דאָס קנאַלן פון דער בייטש, דאָס סאָפּען פון די גאַלאָפּירנדיקע פערד, דאָס געקלאַפּערײ פון די אייזערנע פּאָדקאָוועס, וואָס שפּריצן מיט פונקען פון די שטיינער.

נאַדיאַ, פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט, איז פולעטענדיק רויק געזעסן איינגעקאָרטשעט טיף אין קאַרעטע. סטראָגאָוו האָט געפּאָרשט דעם הימל, וואָס איז שוין עפּעטער אַדורכגעשניטן געוואָרן פון די בליצן, און האָט זיך איינגעהאָרכט אין די אַלץ שטאַרקערע עכאָס פון די דונערן.

„ווי שנעל וועלן מיר אָנקומען צום שפּיץ פון דאָזיקן באַרג?" האָט ער אַ פרעג געטון דעם יאַמשטשיק, וואָס האָט צאָרנדיק געמאַכט קולות אויף די אומרויקע און מאַטע פערד.

„פאַרטאָג... אויב מירן אַרויפקומען!" האָט יענער אָפּגעענטפערט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

„פריינט, נישט ס׳ערשטע מאָל באַגעגנסטו אַ שטורעם צווישן די בערג?"

„נישט ס׳ערשטע. זאָל גאָט געבן, אַז איצט זאָל נישט זיין ס׳לעצטע."

„האָסט מורא?"

„ניין! ס׳קיין שכל געווען איצט צו פאָרן."

„פיל מער קיין שכל — פאַר מיר צו בלייבן."

„וויאָ, טייבעלעך מיינע!" האָט אויסגערופן דער פורמאַן, ווי אַ מענטש, וואָס זיין עסק איז נישט צו פירן אַ וויכוח, נאָר צו הערן.

ס׳האָט שרעקלעך אַ בלעצד געטון. איין מאָמענט איז דער סאָסנע־וואַלד שטיין געבליבן אין העלן שיין. באַלד דערנאָך האָט אַ זעץ געטון אַ דונער — אויסציענדיק זיך אין אַ געקנאַלעריי פון הונדערט עכאָס. דאָס איז ערגעץ נאָנט אַריין אַ דונער... ס׳האָט זיך אָפּגעריסן פלוצלינג אַ ווינט און פאַרביי געטראָגן זיך מיט אַ טייוולאָניש פייפעריי. עטלעכע ריזיקע ביימער האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם ערשטן דרוק פון אָרקאַן און אומגעפאַלן מיט אַ טראַסק. אַ צוויי הונדערט טריט פאַר זיי

האָט זיך געטון אַ שאָט אַראָפּ אַ לאַווע פון שטיינער, צווייגן, סענקעס אין אָפּגרונט וואָס ביים וועג. אויגנבליקלעך זענען די דערשראָקענע פערד געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

„פּאָרויס, מייגע שיינע טייבעלעך!" האָט זיי דער יאַמ־שטשיק צוגעגעבן חשק.

סטראָגאָוו האָט געדריקט נאַדיאַס הענט,

„שלאָפסט, שוועסטער?"

„ניין, ברודער."

„זיי גרייט אויף אַלץ. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורעם."

„כ'בין גרייט."

ס'איז געפאַלן איין דונער נאָכן אַנדערן. ס'האט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. די פערד האָבן פאַרבלענדטע, פאַרטייבטע, געשמיסענע דורכן רעגן, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס. נאָך אַ רגע — און זיי וועלן זיך משוגענערווייז לאָזן לויפן, זיי וועלן זיך וואַרפן אין אַ זייט, וועלן איבערדרייען די קאַרעטע אין אָפּגרונט אריין, וועלן צעררייסן ס'געשפאַן. דער פאַרזיכטי־קער פורמאַן האָט פאַרשטאַנען די סכנה. ער איז אַראָפּ פון דער קעלניע און זיך געוואָרפן פאַר די פערד. ער אַליין וואָלט אָבער זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן מיט די מטורפדיקע חיות. נאָר סטראָגאָוו איז אים צוהילף געקומען.ביידע האָבן מיט זיי־ערע פעסטע מוסקולן נאָך גרויס אנשטרענגונג סוף־כל־סוף איינגע־האַלטן די דריי צעשראָקענע פערד.

נאָר דעמאָלט האָט זיך דער הוראַגאַן צעלאָזט מיט אַ גרעסערן צאָרן.

„מיר קאָנען דאָ נישט פאַרבלייבן. מ'דאַרף זיך אויפהייבן העכער!" האָט באַמערקט סטראָגאָוו.

„האַ, מיר וועלן דאָ סיי־ווי נישט בלייבן; דער שטורעם וועט אונדז שוין אַליין אַריבערוואַרפן איבערן דאַזיקן באַרג."

האָט אפגעענטפערט דער יאַמשטשיק נישט רירנדיק זיך פון ארט.

„נעם מיר באַלד, הו־לט־אַי איינער, דעם פערד פון רעכטס. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לינקן פערד!" האָט סטראָגאָוו אַ געשריי געטון.

אין דאָזיקן מאָמענט איז די קארעטע מיט די פערד געוואָרן אָפּגעוואָרפן דורך אַ ווייטערדיקן ריס פון שטורעמווינט אויף עטלעכע הונדערט טריט צוריק, און צום גליק האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביי אַ גראָבן שטאַם פון אַ דעמב.

„האָב קיין מורא נישט נאַדיאַ!" האט אויסגערופן סטראָגאָוו.

„כ'האב נישט קיין מורא!" האָט זי אפגעענטפערט פון קארעטע ארויס.

ס'איז אָבער געווען אַ סכנה דאָ צו בלייבן לענגער, ווייל ס'האָט געדראָט, אַז אַ פרישער דרוק פון הוראגאן קאָן די קארעטע אַראָפּשטיפּן טיפער אין תהום אריין.

„מ'דאַרף צוריק אַראָפּפאָרן!" האָט געזאָגט דער פורמאַן.

„ניין, ווייטער אַרויפפאָרן!" האָט זיך אים אקעגנגעשטעלט סטראָגאָוו.

„די פערד ווילן נישט!"

„טו דאָס, וואָס איך".

„אָט באַלד..."

„וועסט זיין געהאָרכזאַם?" האָט אַ געשריי געטון סטראָגאָוו.

„באַ, דיר?!"

„דער טאַטע הייסט דיך דאָס דורך מיר".

דידאָזיקע מעכטיקע שטים, וואָס האָט זיך פאַררופן אויפן צאַר, האָט אין איין אויגנבליק געמאַכט דעם פורמאַן אונטערטעניק.

ביידע מענער האָבן מיט אַ געוואַלטיק גרויסע אנשטרענ־

גוגג – אנטקעגן שטורעמווינט – ווערנדיק געשטרויכלט אויף יעדן טריט, געפירט די פערד בארג-ארויף אין ערך אַ האַלבן ווי״ארסט. נישט איינמאָל זענען זיי אַפּגעוואָרפן געוואָרן אויף צוריק, און דעריבער האָבן זיי געמוזט אויפסניי אַדורכמאַכן שוין אַדורכגעגאַנגענע ערטער. מען האָט געמוזט ארויס פון אָרט, ווו ס׳האָט זיך אנגעזאַמלט אַ לאַווע פון שטיינער.

פּלוצלינג האָט סטראַגאָוו באַמערקט ווי ס׳קאָלערט זיך אַראָפּ פון דער הייך אַ ריזיקער פעלז-ברוך. נאָך אַ רגע – און ער וועט צעשמעטערן דעם טאַראַנטאַס מיטן מיידל אינעווייניק. מיט אַ קלאָרן זינען און מיט אַ העראָישקייט האָט ער מיט די פּלייצעס געטון אַ שטופּ ארויף העכער דעם טאַראַנטאַס. דער שטיינערנער בלאָק האָט זיך אַדורכגעקאָלערט – האָט אַ לייכטן ריס געטון דעם שווערקטעמדיקן סטראָגאָוון – און איז געפאַלן אין אָפּגרונט אריין.

„ברודער!״ האָט אַ געשריי געטון נאַדיא, וואָס האָט אַלץ צוגעזען אין שיין פון בליץ...

„האָב נישט קיין מורא! גאָט איז געווען מיט אונדז...״

„מיט מיר – דען ער האָט מיר דיך צוגעשיקט!...״

סטראָגאָוו האָט ריכטיק צוגעיילט צום רוקן זיך באַרג-ארויף פון דאָזיקן סכנותדיקן משופּעדיקן אָרט. אונטער אַ ריזיקן אריבערגעבויגענעם פעלז האָט ער געפונען אַ גרויס לאָך. האָט מען דאָרט אַריינגעשטיפּט דעם טאַראַנטאַס מיט די פערד, און אויך דעם פורמאַן. דערלעבן האָט זיך נאָך געפונען אַ הייל, ווו סטראָגאָוו מיט נאַדיאַן האָבן זיך געקאָנט באַהאַלטן. דער ווינט האָט געבלאָזן אין אַ זייט; די שטראָמען רעגן האָבן זיי שוין מער נישט פאַרשפּריצט.

„דער שטורעם איז אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט זיך נישט

לאנג אנהאלטן. אָבער פאַרן זונענאויפגאנג וועלן מיר זיך פון דאנען נישט רירן.״

„כ׳וואָלט נישט וועלן, אַז דו זאלסט זיך דאָ לענגער פאַרהאלטן צוליב מיין זיכערקייט...״

„ניין, קינד! ווייל פאַרן וואָלט געהייסן ריזיקירן מער, ווי דיין און מיין לעבן. ס׳וואלט געהייסן שטעלן אין קאן אַ גרויסע אויפגאבע, וואס איך דארף דערפילן.״

„אוי! אַ פליכט — כ׳פאַרשטיי...״

אין דערדאזיקער רגע איז אַ דונער אַריין אין אַ איינזאמער סאָסנע, וואָס איז געשטאנען אין נאנטן בארג־ריס. די סאסנע האָט אַרומגעכאַפּט אַ פלאם, זי האָט אויסגעזען ווי אַ שטורקאַץ. דער פורמאן איז אין אויפרעגונג געפאַלן צו דער ערד. סטראָגאָוו האָט דערפילט, אז נאדיאס האנט האָט שטארק צוגעדריקט זיינע. ביים קנאַלן פון די דונערן האָט זי אים געפליסטערט אין אויער אַריין:

„ברודער, דו הערסט? עמעצער שרייט... רופט הילף.״

די רייזנדע אין א פארלעגנהייט

דאָס געשריי האט זיך איבערגעחזרט.

„אויב עמעצער רופט נאך הילף, דארף מען אהינגיין צו אים. דען אויב מיר וואָלטן זיך געפונען אין אזא ענלעכן מצב, וואלט דער עמעצער דאס זעלבע באדארפט טון פאר אונדז!" האט מיט א פשוטקייט באשלאסן סטראגאוו.

„איר וואלט דאך אבער נישט וועלן שטעלן אין סכנה די פערד!" האט זיך דער פורמאן קעגנגעשטעלט.

„ניין, כ'וועל גיין צופוס..."

„איך מיט דיר!" האָט זיך אנגערופן נאדיא.

„איך בעט דיך, נאַדיאַ, פארבלייב דא. אין פאל פון עפעס א געפאר וועל איך מיר אליין בעסער אן עצה געבן. כ'וועל גיין אַליין... כ'וועל צוריקקומען."

ער איז שנעל זיי פארשוואונדן פון די אויגן, אריינפאַלנדיק אין שווארצער פינסטערניש. ער איז געגאַנגעז אונטער

א שלאָקס-רעגן, קעמפענדיק מיט זיין מעכטיקער ברוסט קעגן שטורעמווינד. ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פונוואַ נעט ס'האט זיך געטראגן ס'געשריי. אויסערן מיטלייד האָט אים געטריבן די נייגיר; ער האָט נישט געצווייפלט, אז דאס שריי־ ען די פאסאזשירן, וואָס זענען כסדר געפאָרן פאר אים אויף זייער „טיעלעגא".

„דיין ברודער איז א משוגענער!" האָט געוואָרטשעט דער יאמשטשיק.

„ניין! נאָר א איידעלער", האָט זי אָפגעענטפערט.

סטראגאוו איז געגאנגען אן ערך אַ פופצן מינוט. ער האָט נאָך אין דער פינסטער נישט געקאָנט גוט דערזען, אָבער מיטן אויער האָט ער שוין אויסגעכאפט עפעס ווערטער. ער האָט שוין געקאָנט אונטערשיידן צוויי שטימען.

„אויסוואורף! מערדער! וועסט זיך אומקערן?"

„באטריגער! פאָטשטיליאָן! ביסט טויב?"

„ווי כ'בין א פראנצויז! כ'וועל דיך לאזן אָפשמייסן אויף דער נאנטסטער סטאציע."

„אזוי זיך צו באגיין מיט א בריטישן בירגער! כ'וועל דיך אָנקלאגן אין קאנסולאט — און מען וועט דיך אויפהענגען!"

סטראָגאָוו איז געבליבן שטיין פארוואונדערט, אין מיטן די פאַרצווייפלטע געשרייען האָט זיך פלוצלינג געהערט אַ געלעכטער.

„ס'איז סוף־כל־סוף א שיינע געשיכטע, אויף מיין וואָרט אויב מיר וועלן פון דאנען ארויס מיט גאנצע ביינער, וועל איך עס מוזן דערציילן מיין קוזינע.

„איר וואגט אַייך צו לאכן פון דעם גרויזאמען מצב אין וועלכן ס'געפינט זיך אַ קאָרעספאָנדענט פון אַ ענגלישער צייטונג?"

„פון אונדזער ביידנס! כ׳ראט אייך צו טון דאס זעלבע...״
„אזא זאך וואלט זיך נישט געקענט טרעפן אין ענגלאנד!״
„און אײך נישט אין פראַנקרייך!״
סטראגאוו האט זיך דערנענטערט.

„א, א גוטמאָרגן אייך!״ האט אויסגערופן דער פראנצויז. דאכט זיך מיר, אז מיר האָבן זיך געזען אויפן דאמפער „קאווקאז״. כ׳בין אנטציקט אייך צו טרעפן דא ביי אזא לאגע. איך הייס זשאָליווע. איר וועט מיר דערלויבן, זייענדיק אייער באַקאנטער, פאָרצושטעלן אייך מיין... פיינט, דעם הער בלאָונט.״

„ניקאָלאי קאָרפאַנאָוו, אַ סוחר פון אירקוצק!״ האָט זיך סטראָגאָוו פאָרגעשטעלט אין שיין פון אַ בליק. „וואָס איז מיט אייך דאָ געשעען?״

„זעט וואָס עס איז אונדז דא פארבליבן פון אונדזער פור!״ האָט בלאָונט פארביטערט אַרויסגערעדט, באווייזנדיק עפעס, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון דער שווארצקייט אויפן וועג: אַ נעבעכדיקע העלפט פון אַ וואָגן!

„שטעלט זיך נאָר פאָר״ האָט זשאָליווע דערקלערט: „דער־דאָזיקער געמיינער פאָטשטיליאָן איז אַוועקגעפאָרן מיט די פערד און מיט דער פאָדערשטער העלפט וואָגן. ווי מיינט איר, ער וועט שנעל צוריקקומען?״

סטראָגאָוו האָט נישט ווילנדיק זיך צעלאכט.

„געוויס נישט! כ׳בין אפילו זיכער, אז ער האָט נישט באמערקט, דאָס דער וואָגן איז געפלאַצט. ער האָט געטריבן ווי אַ משוגענער, נישט אומקוקנדיק זיך. ער וועט זיך אַרומזען ערשט מאָרגן אין יעקאַטערינבורג.

„טאָ וויאזוי וועלן מיר פאָרן ווייטער?״ האָט מיט פאַר־צווייפלונג געפרעגט בלאונט.

„גאָר פשוט — האָט געשפּאַסט דער פראַנצויז. „איר וועט

זיך איינשפאַנען, און איך וועל פירן און רופן: „טייבעלע!" איר וועט דעמאָלט אנהייבן לויפן אין אַ גאַלאָפּ.

„הער זשאַליווע! אייערע געלעכטערס גייען שוין איבער יעדע גרענעץ."

„באַרויקט זיך. ווען כ'וועל זיך פאַרמאַטערן, וועל איך אייך דערלויבן צו רופן: „טייוולשער זאָמען", און איך וועל דעמאָלט גאַלאָפּירן.

„קריגט זיך נישט, מיינע הערן. כ'האָב אַן עצה. כ'וועל אייך באָרגן איינצושפּאַנען איינס פון מיין דריי פערד. און אויב ס'וועט נישט פּאַסירן קיין שום פּאַרפּאַל אויפן וועג, וועלן מיר צוזאמען אָנקומען קיין יעקאַטערינבורג. דאָרט וועט איר שוין גאַנץ מאַכן אייער הינטערשטן טייל וואָגן."

„אָט דאָס איז אַ פאָרשלאָג פון אַ איידל האַרץ!" האָט אויסגערופן זשאַליווע.

„כ'וואָלט אייך אַריינגענומען צו מיר אין טאַראַנטאַס, נאָר ס'זענען אין אים פאַראַן נאָר צוויי ערטער; פאַר מיר מיט דער שוועסטער."

„איר נעמט אונדז אַרויס פון דער שרעקלעכסטער לאַגע." האָט בלאַונט געזאָגט.

„צוגלייך אויך פון דער קאָמישסטער" האָט זשאַליווע צוגעגעבן.

„פון דער פּשוטסטער אין דאָזיקן לאַנד", האָט סטראָ־גאָװ אויסגעבעסערט. „ווען די רייזנדע זאָלן זיך נישט קעגנזייטיק אַרויסהעלפן, וואָלט מען געמעגט אינגאַנצן פאַרשטעלן דעם דאָזיקן וועג."

„מיר האָפן אַז מיר וועלן אייך נאָך אַמאָל אָפּדינען." האָט באַמערקט דער פראַנצויז.

„דערווייל זייט אַזוי גוט און קומט אַראָפּ מיט מיר צוו־

העלפן אַרויפשלעפן מיין טאַראַנטאַס באַרג־אַרויף, ווייל די רעד־
דער זענען פאַרזונקען אין דער בלאָטע, און מיינע פערד זע־
נען פאַרמאַטערט און איבערגעשראָקן. מ׳דאַרף זיי אַ ביסל לייכ־
טער מאַכן.״

אַלע דריי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּגיין אויפן משופּעדיקן
וועג.

„וווהין פאָרט איר?״ האָט אַ פרעג געטאָן זשאַליוועצ.

„דערווייל... נאָך אַמסק״, האָט סטראַגאַוו געענטפערט, נישט־
וועלנדיק צופיל רעדן וועגן דעם מיט די נייגיריקע אומבאַקאַנ־
טע. „און איר, מיינע הערן?״

„מיר נעענטער... ווו די קוילן פאַרפליען נישט צו נאַנט,
און מען קאָן כאַפּן אינטערעסאַנטע נייס. ביז אישים וועט אונדז
זיין אָנגענעם צופאָרן מיט אייך צוזאַמען... איר זענט שוין איינ־
מאָל אַ ריזיקאַנט!״

„פאַרוואָס מיינט איר אַזוי, הער זשליוועצ? איך בין מיר
אַ רויקער סוחר — און כ׳האָב אויך קיין חשק נישט צו קריכן
צווישן קוילן און לאַנצעס.״

„נו, אויב אַזוי ראָט איך אייך זיך צו איילן קיין אַמסק!״
האָט בלאָנט אַ מרוקע געטאָן. ס׳קען זיין, אַז אין קורצן וועט
שוין נישט מעגלעך זיין צו דערפאָרן אַהין.״

„אַהאָ! און ווו זענען דען איצט די טאַטאַרן?״ האָט סטראָגאָוו
עפרעגט, פאַרשטעלנדיק זיין פאַרינטערעסירטקייט אונטער אַ גלייכ־
גילטיקן טאָן.

„פּעאָפּאַר־כאַן האָט פאַרנומען די גאַנצע סטעפּ־פּאַלאַטינער גובער־
ניע און ער פאָרט מיטן לויף פון אירטיש״, האָט זיך זשאַליווע
צערעדט. „מען שמועסט, אַז ס׳פאַרט אים אָנטקעגן צו טרעפן
זיך מיט אים איוואַן אָגאַרעוו אין איבערגעטוישטע קליידער.״

„פונוואַנעט ווייסט מען עס אַזעלכע זאַכן?״ האָט סטראַגאַוו
אַ פרעג געטאָן.

„באַ, דאָס פּילט זיך אין דער לופט — ער פאָרט פון קאַזאַן קיין יעקאַטערינבורג.“

„אַך, פון דעם ווייסט איר אויך?!“ האָט בלאָנט זיך א קרום געטון.

„פארשטייט זיך!“ האָט געשמייכלט זשאָליווע.

„איז אפשר ווייסט איר אויך, אז ער האָט זיך איבער־געטון פאר אַ ציגיינער?“

„פאַר אַ ציגיינער?!“ האָט נישטווילנדיק סטראגאוו אַ גע־שריי געטון.

„כ'האָב שוין וועגן דעם מודיע געווען די קוזינע“ האט געזאגט דער פראַנצויז.

„איר האט נישט אומזיסט פארלוירן די צייט!“ האט בא־מערקט דער ענגלענדער.

„טאַקי צוליב דעם האָב איך פאַרשפּעטיקט דעמאלט צום דאַמפער“

סטראָגאָוו האָט אין זכרון ארויסגערופן ס'בילד פון אַלטן ציגיינער, וועלכן ער האט געזעען אויפן דאַמפער „קאַווקאַז“. ער איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט געוואָרן פון געדאַנק, אַז אָט דער אַל־טער ציגיינער איז עס טאַקי געווען דער פאַרעטער. נאר פלוצ־פינג האַט ער אַ געשריי געטון:

„פארויס, מיינע הערן!“ — און האט אנגעהויבן לויפן באַרג־אַראָפּ.

„לויט אַ סוחר, וואס האט מורא פאר קוילן, לויפט ער צו האַסטיק צום ארט ווו מען שיסט“, האט באַמערקט זשאליווע־

בלאַנט איז געווען ביי דערזעלבער מיינונג. דערנאך האָט זיך געלאזט הערן א ברום — און עפּעס א פינסטערע מאסע איז פאר זיי פארבייגעלאָפן,

„אַ בער! נאדיא!“ האט פארצווייפלט געשריגן סטראגאוו, ער האט שוין געהאלטן אין האנט דאס יעגער־מעסער, וואס

ער האט ארויסגעצויגן פלינק פון אונטערן גירטל, און איז ארויפ־ געשפרונגען אויפן שטיק פעלז, אונטער וועלכן ס'מיידל האט גע־ פונען א שוץ. ער איז צוגעקומען צו דער ריכטיקער רגע...

א ריזיקער בער, וועמען דער שטורם האט ארויסגעיאגט פון זיין גארע, האט זיך ארומגעבלאנקעט נישט ווייט פון דא־ נען. ער האט דערשנאפט די פערד און איז צו צו זיי, ארויפ־ שפרינגנדיק אויפן דאך פון טאראנטאס. די איבערגעשראקענע פערד האבן אין איין אויגנבליק צעריסן דאס געשפאן. דער פור־ מאן איז צעטומלט געווארן, איז מיט א געשריי נאכגעלאפן די פערד — פארלירן זיי אין דעמדאזיקן ארט וואלט געהייסן: פאר־ לוירן גיין. נאדיא האט עס פארשטאנען. נישט פארלירנדיק דעם געדאנק האט זי אויסגעשאסן פון רעוואלווער, וועלכן ס'האט איר אויף יעדן פאל איבערגעלאזט סטראגאוו, צילנדיק אויפן בער אין דער זעלבער רגע, ווען ער איז שוין געהאט צוגע־ שפרונגען צו איינעם פון די פערד. די פארוווּנדעטע חיה האט זיך צעווילדעוועט געווארפן צום מיידל, גייענדיק אויף צוויי פיס, אויסגעגלייכט, צארנדיק, מיט ארויסגעשטעקטע נעגל אויף די פאדערשטע לאפעס, כדי אפצורייסן ביי איר, לויט זיין שטייגער, די הויט פון קאפ. נאדיא האט ווידער אויסגעשאסן — דאס מאל האט זי נישט נעטראפן. דער טויט איז געווען נאנט...

אבער פון פעלז איז אין זעלבן מאמענט מיט א גרויסן שפרונג אראפ סטראגאוו און געשטעלט זיך צווישן מיידל און בער. איין אויגנבליק — און א מעכטיקער שטויס מיטן מעסער אין בערס בויך אריין פון אונטן ארויף האט אים אוועקגע־ לייגט טויט, נישט שעדיקנדיק זיין טייערע פעל — לויטן פרינ־ ציפ פון די סיבירער יעגער.

„ביסט נישט פארוווּנדעט, נאַדיאַ?״ האָט סטראָגאָוו גע־פרעגט דעם מיידל.

„ניין, ברודער.״

ביידע זשורנאַליסטן זענען צו צום טויטן בער.

„גרויסאַרטיק צעשניטן!״ האָט בלאָונט געזאָגט מבינות.

„צום טייוול! לויט פאר אַ סוחר באַגייט איר זיך פּרעכ־טיק מיטן מעסער״, האָט אַנטציקט אויסגעשריגן זשאָליווע.

„אין סיביר, מייַנע הערן, מוז מען אַלץ קענען צוביסלעכן״ האָט סטראָגאָוו עניוותדיק געענטפערט.

„און אַ שוועסטער האָט איר אויך נישט אבי ווער!״ האָט אַ טשמאָקע געטון דער פראַנצויז. „ווען איך וואָלט געווען אַ בער!...״

סטראָגאָוו האָט שוין נישט געהערט. ער איז געלאָפן פאר־האַלטן ס׳צעשראָקענע פערד. די צוויי אַנדערע האָט צוריקגע־פירט דער יאַמשטשיק.

ס׳האָט געטאָגט. דער שטורעם איז פאַרביי. דער פורמאַן האָט זיך געקרומט, וואָס אנשטאט מיט איין געשפּאַן דאַרף ער זיך פאַרנעמען מיט צוויי; דערצו נאָך איז דער צווייטער וואָגן בלויז אַ געזעס אויף צוויי רעדער, וואָס דינט פאַר עפּעס שלעפּער צום פאָרן. נאָר די הבטחה, אַז ער וועט באַקומען אַ פירשטלעכן טרינקגעלט האָט אים שנעל פריילעך געמאַכט.

זעקס אַ זייגער פאַרטאָג זענען ביידע קאַרעטן פאַרפאָרן אויפן הויף פון דער פּאָטשט אין יעקאַטערינבורג.

דער ערשטער וועמען מען האָט באַגעגנט ביים טויער, איז געווען די זשורנאַליסטנס פאַרלוירענער יאַמשטשיק. ער האָט באַלד צו זיי אויסגעצוילן די האַנט נאָך טרינקגעלט. ווען ער וואָלט זיך נישט באַצייטנס אָפּרוקן וואָלט אים דער ענגלענדער מכבד געווען מיט זיין היימישן באָקס. נאָר זשאָליווע איז אים

נאָכגעלאָפן און אים דערלאַנגט א שיינע מטבע, אומקערנדיק זיך האָט ער געזאָגט צום פאַרוווּנדערטן קאָלעגע:

„ער איז גערעכט. ער איז געקומען צום באַשטימטן ציל, ס'איז נישט זיין שולד, וואָס מיר האָבן אים נישט געקענט דער־יאָגן.“

„איך וועל קעגן דעם אויסוואורף פאַרפירן אַ פּראָצעס!“ האָט אַ וואָיע געטון דער ענגלענדער.

„אַ פּראָצעס אין רוסלאַנד! עס געדויערט דאָ צו לאַנג. איר האָט אפשר געהערט, קאָלעגע, וועגן פּראָצעס פון דער אַם, וואָס האָט געפאָדערט מען זאָל איר צו מישפּטן דאָס רעכט לויט א אָפּמאַך אויסצוזייגן דעם זון פון אַ געוויסן מאַגנאַט...“

„זי האָט פאַרשפּילט?“

„ניין! געוווּנען — דעמאָלט, ווען ס'קינד איז שוין געווען אַ גענעראַל פון הוזאַרן.“

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. און זשאָליווע אָפּטרעטנדיק אין אַ זייט, האָט געמאַכט אַ גאָטיץ פאַר דער ענציקלאָפּעדיע:

„טיעלעגאַ“ — אַ רוסישער וואָגן, וואָס פאָרט אַרויס אויף פיר רעדער, און קומט אָן אויפן אָרט אויף צוויי.

די פּראָוואָקאַציע

די שטאָט יעקאַטערינבורג איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1723. זי איז באַרימט פון דעם, וואָס דאָ איז אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע מינץ־פאַבריק, ווו מען קלאַפּט אויס זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. דאָ איז אַ זייער באַלעבטער צענטער פון דער מעטאַלורגישער אינדוסטרי. איבערהויפּט האָט דאָ געהערשט אַ שטאַרקע באַוועגונג אין דער צייט ווען אונדזערע פּיר פּאַסאַזשירן זענען אַהער אָנגעקומען. דען די איבערגעשראַקענע באַפעלקערונג, צוליב די ידיעות וועגן טאַטאַרישן אָנפאַל, איז זיך אַהער צונויפגעלאָפן פון נאָענט און ווייט, זוכנדיק דאָ אַ שוץ. דערפאַר האָט זיך די צוויי זשורנאַליסטן איינגעגעבן צו קויפן פונקט אַזאַ טאַראַנטאַס ווי סטראָגאָוו, — און צוויי טאַראַנטאַסן, געשלעפּט דורך צוויי טראָיקעס רירעוודיקע פּאָטשטאָווע פערדלעך, זענען געפאָרן מיט אונדזערע פּיר פּאַסאַזשירן אויפן וועג קיין טולוגויסק און טיומען ביזן אישים. דאָ האָבן די זשורנאַליסטן זיך געזאָלט פאַרהאַלטן.

נאַדיאַ האָט כמעט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די לאַנדשאַפטן, וואָס האָבן זיך אויסגעשפרייט פאַר אירע אויגן. נישט דערפאַר וואָס זיי זענען געווען איינטאָניק, נאָר צופרידן פון איר אנקומען קיין סיביר, האָט איר שוין די פאַנטאַזיע פאָרגעשטעלט, ווי זי איז שוין לעבן פאָטער. און אפשר איז איר האַרץ — פון גרויס דאַנקבאַרקייט פאַר סטראַגאַוון — געווען פאַרנומען מיט חלומות וועגן דאָזיקן וועגיבּרודער, וואָס איז אַזאַ העלדישער, מיט אַזאַ ווילן מקריב צו זיין זיך פאַר איר... אָט דאָס הייסט „אַ אמתער ברודער!"

סטראָגאָוו איז געווען אַ שווייגעדיקער. ער וואָלט אויך גערן פאַנטאַזירט. נאַדיאַ האָט אים באַצויבערט מיט איר דרייסטקייט און האַרטע נאַטור. ער איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט געפונען אַזאַ „זעלטענע שוועסטער", אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט איבער געבן די גאָלדענע חלומות. ער האָט געהאַט געבויג דאגות אויפן קאָפּ. ער האָט געטראַכט וועגן איבער-געטויענעם ציגיינער — אָגאַרעוון און האָט- געוויגן די שאַנסן פון אויספירן זיין שליחות אין נייע פאַרוויקלטע באַדינגונגען. מען האָט זיך נישט אפגעשטעלט אויף איבערצוגעכטיקן. מען איז געשלאָפן אין וועג אין טאַראַנטאַס. בלאָונט האָט געדרימלט אויך בייטאָג, און ווי פון שלאָף האָט ער געענטפערט מיט איינ-זילביקע ווערטער אויף דעם מכּול פראַגן פון זיין קאָלעגע זשאָליווע. זעלטן נאָר, ווען מען האָט געטוישט די פערד און דעם יאַמשטשיק, זענען זיך די פיר צוזאַמענגעקומען אין פּאָטש-טאָווע גאַסטהויז, כדי צו קרעפטיקן זיך אויפן ווייטערן וועג דער פראַנצויז האָט זיך באַמיט נושא־חן צו זיין ביים מיידל נישט איבערכאַפּנדיק דאַביי די מאָס, ווייל ער האָט גיך באַ-מערקט, אז זי האָט מיט אירע געראַנקען געבלאָנדזשעט ערגעץ ווייט. בלאָונט האָט נישט געהאַט די געוווינהייט צו פאַראינטערע

ט׳רן זיך מיט יעדע באַנעגנטע פּרוי. זשאַליווע האָט אים אַמאָל א פרעג געטון:

„ווי געפעלט אייך די יונגע ליוואָנערן?"

„וועלכע?" האָט זיך בלאָונט פאַרוווּנדערט.

„נו, קאָרפּאנאָווס שוועסטער!"

„אַ, דאס איז אַ שוועסטער?"

„אפשר אַ באָבע. וויפל גיט איר איר יאָרן?"

„כ׳ווייס נישט. כ׳בין נישט געווען ביי איר געבוירן ווערן."

ענדלעך זענען די פיר רייזנדע אָנגעקומען קיין טולוגויסק, דערנאָך קיין טיומען, יאַלוטוראָווסק, נאָוואָזאימסק. אין פאַרלויף פון די קליינע הפסקות אין פאָרן האָבן ביידע זשורנאַליסטן אויפגעכאַפּט פאַרשידענע ידיעות וועגן גאַנג פון דער אינוואַזיע. מען האָט געשמועסט וועגן מארש פון די קאָזאקן קעגן די טאַטאַרן, נאָר צו דעם האָט מען צוגעגעבן: „זיי זענען נאָך ווייט..."

און ווידער זענען צוויי טאַראַנטאַסן געפאָרן דורכן ריזיקן ס׳בירער סטעפּ, איבער וועלכן ס׳האָט זיך אויסגעשפּרייט דער הימלגעוועלב... דער וועג האָט זיך דאָ אויסגעצייכנט בלויז מיט רייען טעלעגראַפן־סלופּעס, אויף וועלכע די דראָטן זענען געווען איבערגעשניטן, און מיט אַ ווייסלעכן וואָלקן שטויב, וועלכן די פערד האָבן אויפגעהויבן פאַר זיך און די רעדער האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך.

דעם 24־טן יולי האָט מען זיך דערנענטערט צום אישים.

פלוצלינג האָט סטראָגאָוו באַמערקט, אַז פאַר זיי לויפט האַסטיק א פארשטויבטע פּאָטשטאָווע קארעטע. זי האָט זיך געפונען אויף זיין, סטראָגאָווס, וועג — אויפן טראַקט, וואָס פירט קיין אירקוצק — אומגעריכט אַרויספאָרנדיק אַהער פון עפּעס אַ זייטיק אומבאַמערקט שטעגל, וואָס איז באַוווּסט נאָר די היגע

איינוווינער. סטראָגאָווס איינציקער געדאנק איז געווען נאָר איבערצוטראָגן דידאָזיקע קאַרטע. ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אין אישים וועט שווער זיין צו באַקומען פרישע פערד, און דערפֿאַר קאָן ער ביים איבערשפּאַנען אָנטרעפן אויף אַ קאָנקורענץ, וואָס קאָן האָבן שווערע פאָלגן פֿאַר דער שנעלקייט פון זיין שליחות.

מען האָט ביידע יאַמשטשיקעס געגעבן אַ צוזאָג אויף גרויסע טרינקגעלטער — און ביידע טאַראַנטאַסן האָבן זיך געלאָזט פלינק איבערן וועג, ווי אַ פייל פון בויגן. ווען סטראָגאָוו האָט אויסגעמיטן די קאַרעטע, האָט עמעצנס אַ פעסטע שטים, וואָס איז אַ צוגעוויינטע צו באַפעלן, אַ געשריי געטון פון אינווייניק ארויס — קיין געזיכט האָט מען נישט ארויסגעזען:

„פאַרהאַלטן זיך!"

אָבער מען האָט זיך נישט פאַרהאַלטן. די פאַרמאַטערטע פערד פון דער קאַרעטע, וואָס האָבן ווייזט אויס אדורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג איבערן סטעפּ אָן אָפּרו, האָבן אומזיסט געלאָזט זיך אין אַ צווייפאַך שנעלערן גאַלאָפּ. סטראָגאָוו, נאַדיאַ און די צוויי קאָרעספּאָנדענטן זענען פריער אָנגעקומען קיין אישים. די קאַרעטע איז געבליבן פון הינטן אין אַ נעפּל פון שטויב.

דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן, ווי סטראָגאָוו האָט פאָרויסגעזען, אַז דער פּאָסטמייסטער האָט געהאַט נאָר איין טראָיקע אויסגערוטע פערד, וואָס קאָנען זיך באַלד לאָזן אין וועג אריין. סטראָגאָוו האָט זיי באַלד באַדונגען, און אין צען מינוט שפּעטער זענען זיי שוין געשטאַנען איינגעשפּאַנט אין טאַראַנטאַס. סטראָגאָוו האָט זיך גענומען געזעגענען מיט די ביידע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן גערעכנט צו פאַרבלייבן אין אישים אַ לענגערע צייט.

„און איר וועט זיך נישט אויסרוען אפילו איין שעה?״ האָט זיך זשאָליווע פאַרוואונדערט.

„ניין! כ׳וואָלט זיך נישט וועלן טרעפן מיטן פּאַסאַזשיר פון דער קארעטע״.

„איר האָט דען מורא פאר אים?״ האט זיך בלאונט פאַרוואונדערט.

„ניין... נאָר כ׳האָב מורא פאר סיורפּריזן״.

„אלזא זייט געזעגנט און דערלויבט צו ווינשן אייך א גליקלעכע רייזע״.

„און זאָל גאָט געבן, אז מיר זאָלן זיך נאָך טרעפן אין א גליקלעכערן מצב, ווי ביים ערשטן מאָל!״ האט צוגעגעבן דער פראנצויז.

אין דערדאזיקער רגע האט זיך די טיר פון פּאָטשט־הייזל געעפנט. אויף דער שוועל האט זיך באוויזן א ברייטפּלייציקע פּארשוין, א הויכער, דער שטעל פון א מיליטערמאן, מיט זיי־ער לאַנגע וואנסעס און געלע באַקנבערד; ער האט אויסגעזען פון א יאר פערציק.

„פערד!״ האט ער א געשריי געטון צום פּאָטשטמייסטער.

„ליידער פעלן זיי מיר דערווייל אויס״, האט זיך יענער א נייג געטון.

„און די... אין שפאן?״

„שוין פארדונגען. אט דעם פּאַסאַזשיר.״

„אויסשפּאַנען!״

כטראַגאָוו איז ארויסגעטרעטן פאַרויס און מיט איינגע־האלטענעם כעס זיך אנגערופן:

„דאס זענען מיינע פערד.״

„דאס איז גארנישט. איך האָב נישט קיין צייט קיין איין מינוט.״

„איך אויך נישט!" האט סטראגאוו באמערקט איינ־האלטנדיק דעם כעס.

„בבא־מעשיות!... איר האט געהערט מיין באַפעל?" — האט יענער פארשוין זיך אויפסניי געווענדעט צום פאטשטמייסטער—„אויס־שפאנען — און איינשפאַנען אין דער קארעטע!"

דער פאטשטמייסטער איז געשטאנען אין פארלעגנהייט, נישטוויסנדיק וואס ער האָט צו טון. באדיא איז געשטאנען נעבן סטראגאוון, אנשטרענגנדיק זיך נישט ארויסצווייזן קיין אומרויקייט.ביידע זשורנאליסטן זענען געבליבן גרייט צו העלפן סטראגאוון אויב ער וועט זיי דערצו רופן. נאר ער איז גע־שטאנען און געוויגן אין געדאַנק די לאגע: ער האט זיך נישט געוואלט פארופן אויף די פריווילעגיעס פון זיין „פאדאראזשנע", מיט וועלכע דער גראבער־יונג וואלט זיך איצט, ביי דער־דאזיקער אומזיכערער צייט, סיי־ווי נישט גערעכנט. ער האט אבער אויך נישט געוואלט פארשפעטיקן דעם ווייטערדיקן ארויספאר. און איבער אלעם האט ער געוואלט אויסמיידן א סקאנדאל, וואס קאן אים נאך שטערן אין זיין שליחות. ער האט גערעכנט מגצח צו זיין דורך זיין רויקייט.

„די פערד וועלן פארבלייבן ביי מיין טאראנטאס", האט ער זיך אנגערופן, נישט אויפהייבנדיק די שטים העכער, ווי ס׳פאסט פאר א קופיעץ.

„וואָ—אס?" האט א געשריי געטון דער חוצפהדיקער פארשוין — „וועסט נישט אפטרעטן?"

„ניין!"

„גוט! טא זאל וועגן דעם די קראפט באשטימען."

ער האט ארויסגעצויגן די שווערד און זיך געשטעלט אין א קאמפס־פאזיציע. די קארעספאנדענטן האבן זיך געגרייט צו דערפילן די פליכט פון סעקונדאנטן.

„כ'זע נישט קיין סיבה צו שלאגן זיך מיט אייך איבער... פערד!" האט קאלטבלוטיק געזאגט סטראגאוו.

„און אפשר וועט דאס זיין פאר אייך א סיבה?"

און דעם פארשוינס האנט האט ארויסגעצויגן פון אונטערן פאסיק א נאהייקע און שנעל מיט איר א שמיץ געטון אויף סטראגאווס אקסל. דער שמיץ איז געווען אזוי אומגעריכט, אז באדיא האט אוש א געשריי געטון.

פון אזא באליידיקונג איז סטראגאוו שרעקלעך בלאס געווארן. ער האט אויפגעהויבן ביידע פויסטן — ס'האט זיך געדאכט, אז ער וועט דעם קעגנער צעשמעטערן. נאר באלד האט ער זיי צוריק אראפגעלאזט מיט א געוואלטיקע אנשטרענגונג פון ווילנסקראפט. יענער האט זיך פארשטעלט מיט דער שווערד.

אננעמען דעם דועל? פארוואונדעט ווערן — שטארבן — א קלייניקייט. אבער וואס וואלט געווארן פון זיין שליחות? שוין גלייכער צו פארלירן עטלעכע שעה צייט.

צוויי פאר אויגן האבן זיך קעגנזייטיק אדורכגעדרינגען.

„נו, איצט וועסטו זיך שלאגן?" האט אים צוגעשריגן דער חוצפהדיקער פארשוין.

„און אויך איצט נאך — נישט!" האט שטיל ארויסגערעדט סטראגאוו.

„איר זעט דאך איצט אליין, אז די פערד פון דאזיקן פחדן... זענען מיינע!" האט זיך דער ברוטאלער פארשוין געווענדעט צום פאטשטמייסטער. און אויפהייבנדיק שטאלץ דעם קאפ, האט ער פארלאזט די שטוב. דער פאטשטמייסטער, ווארפנדיק פון דער זייט א פאראכטנדיקן בליק אויף סטראגאוון, איז ארויס נאך יענעם. ביידע זשורנאליסטן האבן זיך שטיל ארויסגערוקט. זיי זענען געווען פארשעמט.

„וואָס פאַר אַ לאַנד! וואָס פאַר אַ מאָדנע מענטשן!" האָט זשאָליווע געמאַכט מיט די הענט און גערעדט מיט פייער. „דאָ גייט אַ קופּיעץ איינער אַליין אויף אַ בער, און דערזעלבער באַזיגער פון בער ווערט אַ פּחדן אַקעגן אַ גאַווה־דיקן באָק!"

הינטער די פענסטער האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס און אַ קנאַל פון אַ בייטש. די קאַרעטע איז אַרויסגעפאָרן.

סטראַגאַוו און נאַדיאַ זענען פאַרבליבן אַליין אין דער שטוב. ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך. ער האָט אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע. אויף זיין געזיכט, וואָס איז מיט אַ רגע פריער בלאַס געווען, האָט אַרויסגעטרעטן אַ רויטקייט. נאָר דאָס איז נישט געווען אַ רויטקייט פון בושה. עפּעס אַנדערש האָט בע־פולסירט אין זיין בלוט.

נאַדיאַ האַט נישט געוווּסט וואָס צו קלערן וועגן די גע־היימניספולע סיבות, וואָס האָבן דיקטירט דעמדאָזיקן העלדישן מענטש צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע באַליידיקונג. נאָר זי האט זיך דערנענטערט צו אים, ווי דעמאָלט אין פּאָליציי־קאַנצעלאַריע אין ניזשני־נאָוואָגראָד:

„גיב מיר די האַנט, ברודער!"

און מיט אַ כמעט מוטערלעכע האַנט־באַוועגונג האָט זי אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס איז געהאַנגען אויף זיינע אויגנווימפּער.

די פליכט איז איבער אלעם

ס'איז אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אין גאַסטהויז פון דער פּ̣טשט. סטראָגאָוו האָט געשוויגן דעם גאַנצן אָוונט. נאַדיא האָט אים ווענן גאָרנישט געפרעגט. זי האָט פאַרשטאַנען, אז איבער סטראָגאָווס ווילנסקראַפט האָט געהערשט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים באַפוילן אלץ איבערצוטראגן — אפילו אזא שרעקלעכע באליידיקונג. ווען זיי זענען זיך פאנאנדערגע' גאנגען אין זייערע צימערלעך, האט זי אים געוואלט טרייסטן. „ברודער...” האט זי אנגעהויבן.

ער האט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, בעטנדיק זי מיטן דאזיקן צייכן זי זאל שווייגן. זי איז אוגטערטעניק אוועק צו זיך. מיכאיל סטראגאוו האט זיך נישט געלייגט שלאפן. דידאזיקע נאכט איז ער נישט געשלאפן אפילו איין שעה. דאס ארט, ווו ס'האט אים אנגערירט די נאהייקע פון ברוטאל, האט אים געברענט. ער האט תפילה געטון:

„דאס איז פארן פאטערלאנד און פאר דיר, פאטער — צאר!"

ער האט זיך גוט פארצייכנט אין זכרון די שטריכן פון דעם, וואָס האט אים דערנידריקט. ער האָט זיך נישט גע־שראָקן. ער וועט זיי נישט פארגעסן.

פארטאָג האָט ער אריינגערופן דעם פּאָטשטמייסטער.

„איר זענט א היגער?"

„יאָ".

„איר קאנט דעם, וואס האט מיר צוגענומען די פערד?"

„ניין. ס'ערשטע מאָל זע איך אים".

„ווי מיינט איר... ווער קאן דאס זיין?"

„אַ גרויסער מאַן, וואָס קאָן באַפעלן!"

„וואס הייסט דאָס?... אַ מיינונג וועגן מיר?"

„ניין... יא! ס'זענען פאראַן באַליידיקונגען, וואָס אפילו נישט יעדער סוחר וועט איבערטראָגן — אַ שמיץ סון אַ בייטש!" האט ער זיך צעלאַכט.

סטראָגאָוו איז צו צו אים מיט אַ פייערדיקן בליק. ער האט שווער אוועקגעלייגט די הענט אויף יענעמס אַקסלען — און מיט אַן איינגעהאַלטענע שטים האָט ער צו אים געזאָגט:

„טראָג זיך אָפּ, ברודער — אָדער... כ'דערהרגע דיך!"

„כ'וויל בעסער ס'ערשטע" האט יענער אַרויסגעברומט, און האט זיך אָפּגעטראָגן.

אין אַ שעה ארום האָט דער טאראנטאס אוועקגעטראָגן סטראָגאָוון און נאַדיאַן פון דעמדאָזיקן אָרט, וואָס האָט און זייער זכרון איבערגעלאָזט אַ שרעקלעכן אָנדענק. ביי דער אר־באטקע, איינער פון די הויפּטצופלוסן פון אירטיש, וועלכן ס'איז אויסגעקומען אריבערצופאָרן אויף אַ פּראָם — האָבן די צוויי

רייזנדע דערהערט פון די אריבערפירער'ס אומרויקײַט ווענן דער אינוואזיע.

פּעפּאר-כאנס וואנגארדן האבן זיך שוין געפונען ווייט אויף צפון, אויפן טייך אירטיש. פיל קירגיזער שבטים האבן זיך פארייניקט מיט די טאטארן. די אַנטלויפנדיקע מחנות זענען געגאַנגען פּאָרויס מיט פייער און שווערד. מען האט זיך איינער דעם אנדערן דערציילט שרעקלעכע זאכן וועגן זייער אכזריות־דיקייט. די רוסישע פעסטונגען זענען געלעגן אין חורבות. סטראָגאָוו האָט מער ווי פאַר אַלעם זיך געשראָקן, אַז די רעקווי־זיציעס וועלן פון אים צונעמען יעדעס מיטל אויף צו פאָרן ווייטער. נאדיא האט אראָפּגעלייגט פון זיין געזיכט זיין שווערע זארג. זי האט פארשטאנען, אַז ער איילט זיך קיין אירקוצק מער פאַר איר, אַז אויסער די באַליידיקונג טוט אים אויך וויי וואָס ער האָט פאַרלוירן אַ נאַכט אין אירטיש. אַליין האָט זי זיך מיט קיין איין וואָרט נישט געקלאָגט אויף דער מאַטערניש פון שנעלן פאָרן אָן הפסקות. זי האָט געפּרווט צו פאַרנעמען אים מיט אַ שמועס:

„שוין לאַנג האָסטו נישט קיין ידיעה פון דיין מוטער?"

„שוין צוויי חדשים. דער לעצטער בריוו — פאַר דער אינ־וואַזיע — האָט געבראַכט גוטע בייס, מיין מוטער איז אַ העלדי־שע סיביריאַטשקע. נישטקוקנדיק אויף איר עלטער פאַרמאָגט זי נאָך אירע פיזישע און מאָראַלישע קרעפטן. זי קאָן ליידן."

„כ'וועל זי זעען, אמת? אויב דו רופסט מיך שוועסטער בין איך דאָך איר טאָכטער!"

און אַזוי ווי ער האָט געשוויגן, האָט זי צוגעגעבן.

„און אפשר האָט דיין מוטער פאַרלאָזט אָמסק?"

„ס'קאָן זיין. מיין מוטער האָט פיינט די טאַטאַרן. מעג־לעך אַז זי האָט אוועקגעוואַנדערט קיין טאָבאָלסק. זי האָט נישט־

איינמאָל געוואָנדערט מיטן טאַטן און מיט מיר, ווען כ'בין נאָך געווען אַ קינד.״

„האָסט אַ האָפנונג... זי צו זעען.״

„יאָ... אויף צוריקוועגס.״

„און איצט... ווען זי זאָל זיך געפונען אין אָמסק?״

„וועל איך זי נישט זעען — כ'וועל זי אין מיינע ארעמס נישט ארומנעמען...״

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט. זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען

„וויאַזוי, ברודער, וואָלסטו געקענט ביי זיך פועלן נישט צו זעען זיך מיט דער מאַמע?

„ס'זענען פאַראַן געוויסע סיבות״ — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריגן די ווערטער. „די זעלבע וואָס באַפעלן טיילמאָל צו פאַרטראָגן אַ שמיץ פון אַ בייטש!״

זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון אַ באַמערקונג, כאָטש זי האָט געפילט, ווי שטאַרק ער איז גערירט.

„צי זענען דען פאַראַן הייליקערע סיבות, ווי די געפילן, וואָס בינדן אַ זון צו זיין מוטער?״

ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט רעספעקטירט זיין געהיימניש. מער האָבן זיי שוין וועגן דעם נישט גערעדט.

דעם 25-טן יולי פאַרטאָג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אין טיוקאַלינסק. הונדערטער ווייאָרסט האָבן זיי שוין געלאָזט הינטער זיך. ביידע זענען געווען קאַרג אין רעדן, פאַרטון אין זיך, איינגאַנצן פאַרנומען יעדער מיט אייגענע געדאַנקען וועגן איין-און-דעמזעלבן ציל פון דער רייזע. דערווייל האָבן זיי אויפן וועג נישט אָנגעטראָפן אויף קיינע שטערונגען. די איינציקע שוועריקייט האָט ער איצט געהאַט מיט די יאַמש-טשיקעס, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו פאָרן ווייטער, צוליב די שרעקלעכע ידיעות וועגן דעם דערנענטערן

זיך פון די טאַטאַרן. סטראָגאָוו האָט שוין געוווּסט, אַז זיין דאָקומענט, די „פּאָדאָראָזשנע", ווירקט שוין מער נישט אויף די פורמאַגנעס, דערי־בער האָט ער זייער עקשנות געבראָכן מיט גרויסע טרינקגעלטער.

נאָר ביי די ברעגן פון אורטיש, צוואַנציק וויאָרסט פאַר אָמסק, האָט זיי געדראָט אַ סכּנה. דער טייך אירטיש — וואָס פליסט אַרויס פון די אַלטאַיען־בערג און לויפט מיט שנעלע פאַליעס ביזן טייך אָב, אין וועלכן ער פאַלט אַריין — שטייגט אַרויף אין דערדאָזיקער צייט פון יאָר זייער שטאַרק. אַריבער פאָרט מען דעם אירטיש אויף אַ פּראָם. דער פּראָם ווערט דורך די אַריבערפירער באַוועגט מיט דער הילף פון דרענגער, וואָס ווערן אַריינגעשטעקט אין גרונט פון טייך און ווערן אָפּגעשטופּט.

סטראָגאָוו האָט זיך געשראָקן, אַז דער טאַראַנטאַס מיט די דריי פערד און מיט די דריי פּאַסאַזשירן וועלן צופיל אַראָפּשווערן דעם פּראָם. נישטוועלנדיק איינשטעלן נאַדיאַן, האָט ער באַשלאָסן אַדורכצופירן פריער די קאָטש, און דערנאָך אַריבערקו־מען נאָך איר. נאָר זי האָט פעסט דערקלערט, אַז זי וויל נישט גורם זיין צו פאַרלוסט פון איבעריקע צייט, און אויב ס'עט ניי־טיק זיין וועט זי אַריינשפּרינגען אין טייך אַריין און וועט צו־שווימען צום אַנדערן ברעג. אינדערמיט טייך האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז די מיט האָקעס באַשלאָגענע דרענגער (באָסאָקעס) דער־גרייכן נישט צום גרונט. אויף אַזאַ אופן איז אויסגעקומען צו לאָזן דעם פּראָם שווימען אויף די פאַליעס, ביז ער וועט דער־גרייכן צו אַ פּלאַכערן אָרט. דער אירטיש האָט זיי געטראָגן מיט שווינדלדיקער שנעלקייט.

ס'האָבן זיך כּסדר געהערט די קולות פון די אַריבערפירער אַכ—טונג!... אַכ—טונג!...

פּלוצלינג האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן אַ געשריי פון באַרצווייפלונג.

„וואָס איז געשעען?" האָט געפרעגט נאַדיאַ.
„טאַטאַרן! טאַטאַרן!" האָבן געענטפערט די אַריבערפירער, ווייזנדיק אויף די אָנגעפּאַקטע שיפלעך מיט טאַטאַרן, וואָס זענען אַלץ נענטער און נענטער צוגעשווימען צו זיי אַראָפּ מיטן שטראָם מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט, און אַ צוזאַמענשטויס מיטן פּראָם איז געווען אוממעגלעך. די אַריבערפירער האָבן אין שרעק אָפּגעלאָזן די דרענגער.
„מוט, מיינע פריינט!" האָט סטראָגאָוו אַ געשריי געטון, „פּופּציק רובל גיב איך אייך, אויב מיר וועלן דערגרייכן צום ברעג איידער די שיפלעך וועלן אונטערקומען.
די אַריבערפירער האָבן ווידער אָנגעהויבן אָנשטרענגען די קרעפטן.
„האָב נישט קיין מורא, נאַדיאַ, נאָר זיי גרייט אויף אַלעם!" האָט סטראָגאָוו אויסגערופן דריקנדיק דעם מיידלס האַנט.
„כ'בין גרייט."
„וועסט אַריינשפּרינגען אין וואַסער אַריין, ווען כ'וועל דיר געבן אַ צייכן."
„כ'וועל אַריינשפּרינגען."
„געטרויסט זיך מיר אָן?"
„כ'געטרוי זיך דיר אָן."
פון די נענטער צוקומענדיקע שיפלעך האָט זיך דערהערט אַ גרויזאַמער באַפעל:
„ס אַ ר י ן נ אַ ק י ט ש ו!" האָבן געשריגן די טאַטאַרן.
דאָס האָט געהייסן: לייג זיך אויפן בויך — אונטערגעבן זיך. אָבער אויפן פּראָם האָט זיי קיינער נישט געהערט. ס'זענען געפאַלן שאָסן — און צוויי פערד זענען געפאַלן טויט. איינס פון די שיפלעך האָט זיך שוין אָנגעקלאַפּט אין פּראָם. אָבער דער ברעג איז שוין נאָנט געווען. מען האָט באַדאַרפט

ריזיקירן. געפּאַנגשאַפט האָט באַדייט ס׳זעלבע וואָס טויט.

„שפּרינגט!״ האָט סטראָגאָוו אַ געשריי געטון. נאָר אין זעלבן אויגנבליק האָט אים געטראָפן אַ לאַנצע. דער שטאַרקער שטראָם האָט אַוועקגעטראָגן דעם דרייסטן שווימער. ס׳וואַסער איז רויט געוואָרן פון בלוט. נאַדיאַן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איידער זי האָט צייט געהאַט אַריינצושפּרינגען אין טייך, האָבן זי געכאַפּט עמעצנס ברוטאַלע הענט און אַריינגעוואָרפן אויפן באָדן פון שיפל.

ביידע אַריבערפירער האָט מען דערהרגעט — דאָס דריטע פערד האָט מען צוגענומען.

די טאַטאַרן זענען מיט נצחון אַוועק.

מוטער און זון

אָמסק, די הויפּטשטאָט פון מערב־סיביר, איז קלענער אין באפעלקערונג און אינדוסטרי פון טאָמסק. פונדעסטוועגן האָט זי א וויכטיקערע באַדייטונג פאַר דער מלוכה אַלס רעזידענץ פון גענעראַל־גובערנאַטאָר און העכערע באַאַמטע פון דער רוסישער מאַכט, ווי אויך אַלס פעסטונג־שטאָט. אָבער די נידריקע ערד־פאָרטן זענען גענומען געוואָרן דורך די טאַטאַרן נאָך איייניקע טעג באַלאַגערן. דעמאָלט האָט דער שונא פאַרנומען די גאַנצע אונטערשטע שטאָט — דעם האַנדלס־קוואַרטאַל. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט די אָפיצירן און מיטן גאַרניזאָן האָבן זיך פאַרמאַכט אין דער אייבערשטער שטאָט, ווו מען האָט ווי־ס׳איז פאַרפאַנצערט די הייזער און די צערקוועס.

אין דערדאָזיקער אימפּראָוויזירטער ציטאַדעל האָט מען נאָר אַ קורצע צייט זיך געקאָנט האַלטן, ווייל מען האָט זיך נישט געקאָנט ריכטן אויף שנעלע מיליטערישע הילף, אין דער צייט

וואָס די טאַטאַרן האָבן באַקומען פֿכדר פרישע באַלאגערונגס־קרעפטן דורכן אירטיש.

פאַרערגערט די שווערע לאַגע האָט נאָך דער פאַקט, וואָס אָנגעפירט מיט די טאַטאַרן האָט אַ אויסגעצייכנטער רוסישער אָפיציר, אַ פאַרעטער פון זיין פאָטערלאַנד. דאָס איז געווען דער פּאָלקאָווניק איוואַן אָגאַרעוו. ער איז געווען אַ אַכזר — אַזויווי די טאַטאַרישע קאָמאַנדירן, וועלכע ער האָט געשטופּט זיי זאָלן באַפאַלן סיביר — מעגלעך צוליב דעם, וואָס אין זיינע אָדערן איז געווען אַ צומיש פון מאָנגאָליש בלוט. דען זיין מוטער איז געווען אַ אַזיאַטן. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט כיטרע שטיקלעך, צו פאַרשפּרייטן אויף עמעצן אַ נעץ, צו פאַרקליידן זיך אַלס בעטלער־וואַנדערער — ווען ער האָט געהאַט פאַר נייטיק. ער האָט ליב געהאַט צו זיין אַ תליון. און אין דאָזיקן קענער פון מלחמה־קונסט האָט פעאָפאַר־כאַן געפונען אַ טייערן מיטהעלפער אין דערדאָזיקער באַרבאַרישער מלחמה.

ווען מיכאַיל סטראָגאָוו איז צוגעקומען צום ברעג פון אירטיש, איז שוין דעמאָלט איוואַן אָגאַרעוו געווען הערשער פון אָמסק, און כדי צו באַהערשן צענטראַל־סיביר האָט ער געפּלאַנט צו פאַרנעמען אירקוצק. מיר ווייסן שוין וועגן זיינע פּלענער אַדורכצוקריגן זיך אונטער אַ פאַלשן נאָמען צום גרויספירשט, וואָס האָט זיך געפונען אין אירקוצק, כדי דורך כיטרע שטיקנושא־חן צו זיין ביי אים — און אין אַ גינסטיקער רגע איבערצוגעבן די שטאָט צוזאַמען מיטן גרויספירשט אין די הענט פון די טאַטאַרן. סטראָגאָווס מיסיע איז געווען צו שטערן אָגאַרעוון, אין אויספירן אָט דעם טייוולאָנישן פּלאַן.

צום גליק איז סטראָגאָוו נישט געווען שווער פאַרווונדעט. שווימענדיק אומבאַמערקט אונטערן וואַסער, האָט ער זיך אַרויסגעקריגן צווישן די געדיכטע קזשאַקעס ביים ברעג. דערנאָך

איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג געזען, אַז ער ליגט אויף אַ בעטל, און איבער אים שטייט אַריבערגעבויגן אַ אַלטער פויער מיט אַ לאַנגע באָרד און קוקט זיך אין אים פאַרזאָרגט.

„רעד נישט גאָרנישט, יונגערמאַן. ביסט נאָך שטאַרק אָפּגעשוואַכט. כ׳וועל דיר אַלץ דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דיר פון יענער רגע אָן, ווען מען האָט דיך אהערגעבראַכט דאָ אין מיין כאַטע.“

סטראַגאַוו האָט צעמישט אויסגעהערט די ווערטער קודם־כל האָט ער אָנגעטאַפּט ביי זיך אויף דער ברוסט דעם טייערן קייזערלעכן בריוו. קומענדיק ביסלעכווייז צום באַוווסטזיין — האָט ער זיך האַסטיק געגעבן אַ זעץ אויף אויפן בעטל.

„ווו איז דאָס מיידל, וואָס איז געווען מיט מיר?“

„אַ, כ׳האָב געזען. זיי האָבן זי נישט דערהרגעט. זיי האָבן זי אַוועקגעפירט ווייטער. אַסך אַזעלכע געפאַנגענע פירט מען קיין טאָמסק.

איבערן געפיל האָט געהערשט ביי אים די פליכט.

„ווו געפין איך זיך?“

„פינף וויאָרסט פון אָמסק.“

„צי איז מיין ווונד אַ שווערע?“

„ביין. נאָר אַ שניט פון אַ לאַנצע. ס׳הייבט זיך שוין אָן צו פאַרהיילן. נאָך עטלעכע טעג וועסטו זיך אָפּרוען, און דערנאָך וועסטו קענען פאָרן ווייטער. די טאָטאַרן האָבן דיך נישט געפונען; זיי האָבן ביי דיר גאָרנישט צוגערויבט.“

„און ווילאַנג בין איך דאָ אין דער כאַטע?“

„דריי טעג. ווילאַנג דו ביסט געווען באַוווסטלאָז.“

„דריי טעג פארלוירענע!... מענטש, דו האָסט א פערד צו פארקויפן?"

„ווילסט פאָרן?"

„באלד."

„אומעטום ווו דער טאַטאַר איז אדורך איז נישטאָ קיין פערד און קיין וואָגן."

„וועל איך גיין צופוס קיין אָמסק זוכן א פערד!"

„וואָלסט בעסער זיך אָפגערוט נאָך אַ טאָג."

„אפילו קיין איין שעה!"

„מילא! כ'וועל דיך אָפפירן קיין אָמסק. דאָרט געפינען זיך פיל רוסן. וועסט אדורך אומבאמערקט."

„פריינט! גאט וועט דיר באצאלן פאר דיין גוטס."

„נאר שוטים ווארטן אויף שכר אויף דער ערד."

אויפן וועג האט דער פויער אים געמוזט אונטערהאלטן, ווייל אנדערש וואלט ער אומגעפאלן. ער האט נאך געפילט א ווייטיק פון דער ווונד אויפן קאָפּ. נאר ס'פוטערנע היטל האט אים דעם ווייטיק געלינדערט. יעדנפאַלס האָט סטראָגאָוו נישט אָנגעהערט צו די מענטשן, וואָס רעכענען זיך מיט אזא קלייני־קייט.

„זאל גאָט אָפּהיטן מיין מוטער און מיין שוועסטער!" — האָט ער געמורמלט צו זיך אליין — „איצט האָב איך קיין צייט נישט צו קלערן וועגן זיי."

זיי האָבן זיך אדורכגעקריגן אין שטאָט אריין דורך די צעשטערטע אָקאָפּעס. אויף דער גאס האָט געווימלט פון טאַ־טארישע זעלנער. זיי זענען ארומגעגאנגען גרופנווייז, באַ־וואָפנט, נישט אָנטרויענדיק די איינוווינער. אויף די פּלעצער האבן געלאגערט קליינע מיליטער־אפטיילונגען ביי די געזאַ־טלטע פערד. די אקופאנטן זענען גרייט געווען ארויסצומאר־

שירן יעדע מינוט, כדי צו בארויבן רייכערע שטעט, ווי אמסק. איבער די אייבערשטע שטאט האט געפלאַטערט די רוסישע פאָן. סטראַגאַוו און זיין וועגווייזער האבן זי באגריסט מיט א אויס־דריקלעכן בליק.

דער דאָרפסמאַן האט גוט געקענט דעם פאטשטמייסטער. ער האט זיך געריכט אויסצופועלן ביי אים, אז ער זאָל מסכים זיין צו פאַרדינגען זיין באקאַנטן אַ פערד. ביינאכט וואָלט ער זיך געקענט ארויסגנבענען דורך די עפענונגען אין די צע־שטערטע פעסטונג־מויערן.

פלוצלינג האָט זיך סטראָגאָוו פארהאַלטן און זיך איינגעע־קאָרטשעט אין דער פארטיפונג פון עפעס א וואנט.

„וואָס איז געשעען?" האָט דער פויער געפרעגט.

מיט א פינגער אויפן מויל האָט סטראָגאָוו אים געהייסן שווייגן.

דורך די גאס איז אדורכגעריטן א אפטיילונג קאַוואַלעריע מיט א אָפיציר אין דער שפיץ. דער אָפיציר האָט ארויסגעגעבן מיט א שרייענדיק קול עפעס באפעלן. די צוואנציק רייטער זענען שנעל אדורכגעריטן. דעמאָלט איז סטראגאוו שנעל ארויס פון זיין באהעלטעניש. ער איז געווען טויט־בלאַס פון צאָרן.

„ווער איז עס געווען... דערדאָזיקער אָפיציר?" האָט ער געפרעגט.

„איוואַן אָגאַרעוו!" האָט דער פויער געענטפערט מיט א פאַרשטיקטע שטים.

„ער!" האָט סטראָגאָוו א געשריי געטון, נישטקענענדיק זיך באַהערשן.

ער האָט אין אים דערקענט דעם זעלבן פארשוין, וואָס האָט אים אין אישים דערנידריקט. און גלייכצייטיק האָט

זיין פאַנטאַזיע אַנטדעקט אין דעמדאָזיקנס אויסזען אַ ענלעכ־קייט צום אַלטן ציגיינער אויפן דאמעער „קאַווקאַז".

סטראָגאָוו האָט קיין טעות נישט געהאַט. די ביידע זע־נען טאַקי געווען איין־און־דערזעלבער אָגאַרעוו. פאַרשטעלנדיק זיך פאַר אַ ציגיינער האָט זיך אים איינגעגעבן ארויסצוקריגן פון איירקוטסקער־רוסלאַנד צווישן אַ גרופע ציגיינער, אין וועלכער ס'איז געווען סאַנגאַראַ, וואָס האָט געשפּיאָנירט פאַרן נוצן פון טאַטארישן כאַן. ווען נישט די דריי טעג, וואָס ער איז גע־לעגן קראַנק, וואָלט סטראָגאָוו אַריבערגעיאָגט אָגאַרעוון, און וואָלט אפשר — ווער ווייסט? — פאַרמיטן פון פיל אומגליקן. אָ, ווען יענער וואָלט אים דעמאָלט אין אישים נישט געווען ארויסגע־ריסן די פערד מיט געוואַלט!

יעדנפאַלס האָט ער געמוזט אויסמיידן אַ באַגעגעניש פון איצט אָן — ביז דער רגע פון דעם לעצטן אָפּרעכענען זיך מיט אים. ווערגן אָפּדינגען אַ קאַרעטע האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. ער האָט געמוזט ארויסקריגן זיך פון שטאָט אין געהיים אויף אַ פערד. און צוואָס האָט אים, דעם איינזאַמען, איצט געטויגט אַ קאָטש?... דער מוטיקער רייטער האָט געקענט זיך אנגעטרויען דעם פלינקן רייטפערד, וועלכן ער האָט געדונגען אויף דער פאָטשט פאַר אַ טייערן פרייז. ער האָט נאָר באַדאַרפט צוּוואַרטן ביז נאַכט. און סטראָגאָוו האָט געוואַרט אויף דער פאָטשט.

דאָ האָבן זיך אין אַ זייטיקע שטוב צוזאַמענגעדריקט פיל מענטשן. מען האָט געשמועסט אינדערשטיל. מען האָט זיך פון מויל צו מויל איבערגעגעבן פאַרשידענע נייעסן, וועלכע ס'האָבן געבראַכט פון פאַרשידענע קאַנטן די אַנטלאָפענע, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוקריגן אין דערדאָזיקער שטאָט.

סטראָגאָוו האָט זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן, נאָר אַליין האָט ער זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט.

אינדעם האָט זיך געלאָזט הערן אַ געשריי, אין וועלכן ס'האָבן אין איין ציטער זיך צונויפגעגאָסן אומבאַגרע־נעצטע פרייד מיט אומבאַגרענעצטע בענקשאַפט. נאָר די צוויי ווערטער:

„מיין זון!"

פאַר סטראָגאָוון איז געשטאַנען די אַלטע מאַרטאַ, אויס־ציענדיק צו אים אירע הענט. ער איז שוין גרייט געווען איין אויגנבליק זיך צוּוואַרפן אין אירע אָרעמס, נאָר דער געדאַנק וועגן זיין פליכט האָט באַפוילן זיך צו באַהערשן. צווישן אַזוי פיל מענטשן האָבן זיך דאָ געקאָנט געפינען שפּיאָנען, וואָס האָבן געוווּסט, אַז מאַרטאַס זון איז אַ צאַרישער קוריער. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען און דערפילט אין זיך אַ ווונדערלעכע קראַפט. ער האָט זיך נישט קיין ריר געטון, אַפילו איין מוסקול אויף זיין געזיכט האָט נישט קיין ציטער געטון.

„מיכאַיל!" האָט די מוטער אויסגערופן.

„ווער זענט איר... טייערע אַלטיטשקע?" האָט ער גע־פרעגט.

„וואָ–אָס? קינד מיינס! דערקענסט נישט דיין מאַמען?!"

„איר האָט אַ טעות! מיין ענלעכקייט האָט אייך אוודאי פאַרפירט אין אַ טעות!..."

ביי דידאָזיקע ווערטער, וואָס זענען מיט אַזוי פיל קאַלטקייט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז זי צוגעפאַלן צו זיין טיש, און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, האָט זי אים געפרעגט:

„הייסט עס, ביסטו נישט דער זון פון פיאָטר און מאַר־טאַ סטראָגאָוו?"

ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן פאַרדעם אַז ער זאָל זי קענען צודריקן צום האַרצן. נאָר די אייזערנע פליכט

האָט אים צוגעדריקט. ער האָט אַוועקגעדרייט די אויגן, כּדי נישט צו זעען די יסורים אויף איר געזיכט. באַוועגנדיק מיט די אַקסלען האָט ער זיך צו איר אָנגערופן:

„איר זעגט נישט ביים זינען, פרוי. איך הייס נישט מי־כאיל. איך בין ניקאָלאַי קאַרפּאַנאָוו, א סוחר פון אירקוצק."

זי האָט נאָך געפרופן פארצווייפלט:

„מיין זון! מיין זון!" — נאָר ער האָט נישט אומקוקנדיק זיך אויף איר, גלייך פאַרלאָזט די שטוב. ער איז ארויף אויפן פערד — און איז אַוועקגעריטן אין אַ גאַלאָפּ.

די אַלטע פרוי איז אַנידערגעפאַלן אויף אַ באַנק, פאַר־ברעכנדיק מיט די הענט. זי האָט געהאַלטן ביי חלשן. נאָר ווען דער פּאָטשטמייסטער האָט זיך דערנענטערט צו איר, כּדי איר צו העלפן — איז זי שוין געקומען צו זיך. אַ פּלוצלינגדיקער געדאַנק האָט איר קלאָר געמאַכט, אַז איר זון — דען דאָס איז דאָך געווים ער — וואָלט זי נישט געוועזן פאַרלייקנט, ווען ער זאָל נישט האָבן דערצו וויכטיקע סיבות. איר האַרץ האָט אַ ציטער געטון — צי האָט זי אים נישט אומגליקלעך געמאַכט מיט איר מוטער־לעכער פרייד! אַרום איר האָבן זיך געשטופּט נייגיריקע.

„אָך! כ׳בין אינדעראמתן נישט ביים זינען. אומעטום חלומט זיך מיר מיין זון!" האָט זי זיך אָנגערופן הויך אייף אַ קול. „כ׳האָב אים שוין אַזוי לאַנג נישט געזעען! נאָר דאָס איז נישט געווען ער... דאָס איז נישט זיין שטים."

אין אַ צען מינוט אַרום איז אין דער שטוב אריינגעקומען אַ אָפיציר.

„מאַרטאַ סטראָגאָוו איז דאָ?" האָט ער א פרעג געטון.

„כ׳בין דאָ!" האט זי געענטפערט.

אַלע אנוועזנדיקע האָבן זיך פארוואונדערט, הערנדיק ווי

זיכער עס קלינגט דער אלטערס שטים, וואָס האט ערשט נישט לאנג אזוי געציטערט!

„קום מיט מיר!"

זי איז רויק אים נאָכגעגאנגען. אין אייניקע מינוט שפּע־טער איז זי געשטאנען אין לאגער פאר איוואן אָגארעוון, וואס האָט שוין געוווּסט אלע פּרטים פון דער פריערדיקער טצענע און ער האט אליין געוואלט אויספארשן די אלטע סיביריאטשקע.

„דו הייסט מארטא סטראָגאָוו?"

„יא."

„האסט אן איינציקן זון?"

„יא"

„ער איז א צארישער קוריער?"

„יא."

„ווו איז ער איצט?"

„אין מאסקווע"

„שוין לאנג האסטו פון אים נישט געהערט?"

„שוין צוויי חדשים."

„און דער יונגערמאן אויף דער פּאָטשט... דאס איז געווען דיין זון?"

„אָ, דאס איז שוין דער צענטער, וועלכן איך נעם אָן פאר מיין זון."

„איז ער, הייסט עס, נישט געווען מיכאיל סטראָגאָוו?"

„ניין."

„צי ווייסטו, אלטע, אז איך קאן דיך הייסן פייניקן?"

„הייס, עפּעס אנדערש וועל איך נישט זאָגן. ווייל דאָס איז אמת."

„איז דאס יענער נישט געווען דיין זון?" האט ער צום צווייטן מאל געפרעגט.

„וואָלט דען אַ מוטער פאַרלייקנט איר אייגענעם זון, וועלכן גאָט האָט איר געשאָנקען?״

ער האָט אויף איר אַ קוק געגעבן מיט שרעקלעכן צאָרן. ער האָט איר נישט געגלייבט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב אַ מוטער פאַרלייקנט איר זון דעם צאַרישן קוריער, און דער כלומרשטער „קופּיעץ קאָרפּאַנאָוו״ דערקענט נישט זיין מוטער — מוז דאָ זיין עפּעס אַ וויכטיקע געהיימניש. וואָרום ער האָט שוין געהערט די בייס וועגן דעם, אַז אַ לויפער איז אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע. ער האָט באַפוילן זי צו אַרעסטירן און אָפּצושיקן קיין טאָמסק. און ווען די זעלנער האָבן זי אַוועקגעפירט, שלאָגנדיק זי מיט די קאָלבעס, האָט ער געברומט דורך די ציין:

„ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען כ׳וועל נייטן דידאָזיקע אַלטע מכשפה צום רעדן.״

אין די באַראַבינישע זומפּן

סטראָגאָוו האָט רעכט געהאַט, וואָס ער האָט שנעל פאַרלאָזט די סטאַציע אָמסק. איוואַן אָגאַרעוו האָט טאַקי באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, וואָס איז פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבער אַלע עקן שטאָט, אַז מען זאָל סטראָגאָוון נישט אַרויסלאָזן פון דאָרט.

אָמסק ליגט כמעט אויפן האַלבן וועג צווישן מאָסקווע און איִרקוצק. דער פאַרעטער האָט פאַרשטאַנען, אַז די וויכטיקייט פון דער קייזערלעכער שליחות מוז זיין זייער גרויס. דערפאַר האָט זיך דער צאַרישער קוריער געקענט ריכטן, אַז מען וועט אים נאָכיאָגן.

אַרויספאָרנדיק פון אָמסק דעם 29-טן יולי אַ זייגער 8 אין אָוונט, האָט ער זיך געטראָגן איבערן סטעפּ שנעל ווי אַ שטורעם, אונטעריאָגנדיק ס׳פערד מיט די שפּאָרן. צום גליק האָט ער נישט געוווּסט מוטער איז אַרעס-

טירט, צי וואָלט ער כוח געהאַט בייצושטיין דעמדאָזיקן פרישן ניסיון?

זיבעציק וויאָרסט ווייטער, אויף דער סטאַציע קוליקאָוואָ, האָט ער געהאָפט צו באַקומען עפּעס אַ קאָטש און צו טוישן ס׳פערד. נאָר דאָ האָבן שוין געהאַט אדורכגעגאַנגען טאַטאַרן, וואָס האָבן אַלץ רעקווירירט, אָדער גנבים. ער האָט קוים געפונען אַביסל שפּייז פאַר זיך און האָבער פאַרן פערד. ער האָט געמוזט פאַרשפּאָרן די קרעפטן פון זיין פערד, נישטהאָבנדיק קיין מעגלעכקייט אים צו פאַרבייטן אויף אַן אַנדערס. אָבער צוליבדעם וואָס ער האָט זיך געריכט, אַז מען יאָגט אים נאָך, האָט ער זיך געמוזט גיך לאָזן אין ווייטערן וועג. בלויז איין שעה האָט ער געלאָזט דעם פערד זיך אָפּרוען.

ביז אָהער איז דאָס וועטער געווען גינסטיק פאַר סטראָגאָוון. די טעמפּעראַטור איז געווען צו דערליידן. אין די קורצע זומערנעכט אין דאָזיקן לאַנד האט מילד געשיינט די לבנה, וואָס האָט זיך אַדורכגעריסן דורך די בעפלען. נישטקוקנדיק אויף די ווייטאָגלעכע געדאַנקען, האָט סטראָגאָוו קרעפטיק געשוועבט אויף זיין רייטפערד איבער די אומענדלעכע סטעפּעס. ער איז געווען פאַרקוקט אין ענדציל. ווי ער וואָלט אים געשטאַנען פאַר די אויגן ערגעץ־ווייט אויפן האָריזאָנט. דעם פערדס גאַלאָפּ האט אים אין אַ געוויסער מאָס צעשטרייט די געדאַנקען און פאַריאָגט די זאָרג. ער האָט זיך נאָר זעלטן אָפּגעשטעלט, כדי צו לאָזן אָפּרוען ס׳פערד. דעמאָלט איז ער אַראָפּ פון זאָטל, כדי צו באַפרייען ס׳פערד פון דער לאַסט, אָדער כדי צוצולייגן ס׳אויער צו דער ערד. ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן איינגעהערט, צי ס׳הערט זיך נישט פון ערגעץ עפּעס אַ פאַרדעכטיק געקלאַפּעריי פון פערדישע פיס.

דעם 30־טן יולי, אַדורכלויפנדיק די סטאַציע טורומאָוו,

איז סטראָגאָוו אַריינגעפאָרן אין די געגנטן פון באַראַבאַ. אויף דידאָזיקע ריזיקע זומפּן, וואָס ציען זיך אויף אַ שטח פון דריי־הונדערט וויאָרסט, זענען דעם רייטער פּאָרגעשטאַנען אומגעהויערע שוועריקייטן. ער האָט זיי גוט געקאָנט פון די אַמאָליקע יאָרן. ס׳זאַמלען זיך דאָ איין די וואַסערן פון די רעגנס, וואָס האָבן נישט קיין אָפּלויף צום אָב, אָדער צום אירטיש. און וואַרשיינלעך איז דאָס דער גרונט פון אַ אַמאָליקן ים. דער ווייכער, ליימיקער באָדן שאַפט אַ אומדורכדרינגעדיקע פּאַרצוי־מונג פאַר מענטש און פערד, איבערהויפּט זומערצייט, ווען אין ווינטער גליטשן זיך דאָ אויפן אייזדעק די שליטנס פון די יעגער, וואָס יאָגן זיך נאָך די פוקסן און סאָבאָלעס צוליב זייער טייער פוטער. דורכדאַנען טאַקי, נאָר דורך אַ עטוואָס מער סטריקענעם פאַס ערד, צווישן אַ מאַסע געזאַלצענע יעזשערעס, ציט זיך דער וועג קיין אירקוצק. די סכנה פון דער שווערער נסיעה פאַרגרעסערן נאָך אין זומער די עיפּושדיקע דאַמפּן, וואָס הייבן זיך אויף פון דידאָזיקע זומפּן — די נעסט פון דער סי־בירישער מגפה.

סטראָגאָוו האָט אַריינגעלאָזט ס׳פערד צווישן דידאָזיקע פּרעריעס, וואָס זענען שוין נישט באַוואַקסן בלויז מיט געמיין גראָז, וואָס נוצט אלס שפּייז פאַר די סטאַדעס פון די סיבירער פּאַסטוכער, נאָר מיט אַ שפע פון געוויקסן: מיט גיגאַנטיש גראָז, וואָס ווערט אנגעטרונקען דורכן פייכטן, מיט טאָרף באַדעקטן באָדן, און ווערט געוועקט צום וואַקסן דורך דער זומערדיקער זון. דאָס איז אַ צוזאַמענגעפלאָכטן וואַסער־געוויקס, מיט טויזנטער פאַרביקע בלימעלעך אַדורכגעוואָרפן, מיט ליליעס און איריסן, וואָס פאַרשפּרייטן אַ געשמאַק אין דער פאַרדעמפּטער הייסער לופט. אָט דידאָזיקע הויכע געוויקסן, וואָס האָבן אַרומ־געצוימט דעם וועג, האָבן גליקלעך באַ שטעלט דעם צאַרישן

קוריער. ס׳האָבן אים העכסטנס אויסגעגעבן די מחנות וואָסער־פייגל, וואָס זענען זיך פאַרן גאַלאָפּירנדיין פערד צעפלויגן מיט אַ געשריי צום הימל. דאָס שכלדיקע רייטפערד האָט אליין זיך אויסגעזוכט דעם וועג. עס האָט אויסגעמיטן זומפּן, אָבער איז זיך פאַרזיכטיק אַדורכגעלאָפן צווישן די שטייענדיקע וואַסערן. טיילמאָל איז אויסגעקומען אַדורכצוגיין אַ בלאָטיק טייכל, אַדורכצושווימען אַ טיפע יעזשערע, איבערצוהיפּן גריבער און תהומען.

בכלל איז די נסיעה צוגעגאַנגען גאָר נישקשהדיק. וואַלטן נאָר די אינזעקטן נישט אַזוי שטאַרק געלאָזט זיך פילן. ס׳דאַכט זיך, אַז די לופט איז דאָ, צווישן די זומפּן, אָנגעפילט מיט שפּילקעס. רויטע פלעקן און פּעמפּלעס פון די ביסן באַדעקן כמעט דאָס גאַנצע לייב פון רייטער. עס ליידט אויך שרעקלעך ס׳פערד. סטראַגאָווס פערד האט אין ווילדן גאַלאָפּ זיך אָפּגעיאָגט מיט זיין געדיכטן וויידל פון די פאַרשידענע פליגן און מיקן, ווי אויך פון די מיקראָסקאָפּישע פליגעלעך, וואָס זענען אומזע־באַר פאַרן אויג, — פילנדיק אין האַסטיקן לויפן אַ לינדערונג פאַר די יסורים. מיכאל אליין האָט אין זיין דויערהאַפטיקייט פאַרגעסן אין די פיזישע ליידן, באַהערשט פון דעם פריידיקן געדאַנק, אַז ער לאָזט הינטער זיך אַ וויאָרסט נאָך אַ וויאָרסט.

אין אָט דידאָזיקע אומגעזונטע געגנטן האבן זיך איצט אויסבאַהאַלטן פאַר די טאַטאַרן אַלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אָנגעטון אין פעלעכלעך האבן זיי אָפּגעהיטן זייערע קליינע סטאַדעס, פאַרהיטנדיק זיך און די בהמות פון די בייסנ־דיקע אינזעקטן דורך כסדרדיקן צעברענען פייערן. צווישן די גרינענדיקע קושאַקעס זענען דאָ אַנטשטאַנען גאַנצע דערפלעך. פונוואַנען די רויך־זיילן האָבן זיך צעטראָגן אויף ווייט אַרום. אין אַזעלכע דערפלעך פלעגט זיך סטראָגאָוו פאַרהאַלטן

אויף אַ שעה אדער צוויי, דעמאלט ווען ער האט געפילט, אַז זיין פערד איז שוין צופיל פאַרמאַטערט. ער פלעגט אויסשמירן מיט הייס שמאַלץ, לויטן שטייגער פון די סיביריאַקעס, די וווּנדן פון דער איידעלער חיה, כדי צו לינדערן זיין ווייטיק. ער פלעגט אים אָפּהיטן מיט געבן צו טרינקען און צו עסן, וועגן זיך האָט ער ווייניקער געקלערט. ער פלעגט איבערבייסן אַ שטיקל ברויט, אַ ביצל פלייש, האָט אויסגעטרונקען עטלעכע קוואָרט קוואַס — און נאָכדעם זיך לאָזן אין ווייטערן וועג אַריין. דעם 30־טן יולי איז ער שוין געווען אין יעלאַמסק, וווּ ער האָט עמוזט איבערנעכטיקן, כדי צו לאָזן אָפּרוען זיין פארמאַטערט פערד.

אין דאָזיקן שטעטל איז נישט מעגלעך געווען צו באַקומען קיין שום וואָגן. די פּאָטשט, די ביוראָס, די איינפאָרהייזער האָבן נישט פונקציאָנירט. אמת, די טאַטארן זענען נאָך דאָ נישט געוועזן. נאר די רעגירונג האט געהייסן זיך אַרויסציען פון דער שוצלאָזער שטאָט. די באפעלקערונג און די באאמטע זענען אַוועק קיין קאַמסק, וואס געפינט זיך אין צענטער פון באַראַבאַ. פונדעסטוועגן האט סטראָגאָוו פארברענגט די נאכט אין דערדאָזיקער אויסגעליידיקטער שטאָט, כדי צו לאָזן אָפּרוען זיין איינציק פערד.

צומארגנס פאַרטאָג האט מען סיגנאַליזירט וועגן דעם, אַז דער טאַטאַרישער אַוואַנגאַרד האט זיך צוגערוקט אויף צען־וויאָרסט נאָך יעלאַמסק. און סטראָגאָוו האט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. ער האט ווידער געמאַכט עטלעכע הונדערט וויאָרסט, און, אויסמיידנדיק ספּאַסקאָיע און פּאָקראָווסקאָיע, איז ער דעם 2־טן אויגוסט אָנגעקומען קיין קאַמסק — אַ מין אָאַזיס אין דאָזיקן וויסטן לאַנד. דאָ האָבן זיך פארזאַמלט אַ סך אַנטלאָפענע, ווייל זיי זענען געווען איבערגעצייגט, אַז דאָ וועלן

זיי געפונען אַ שוץ — אָדער געגוג צייט און טראַנספּאָרט־מיטלען צו אַנטלויפן אין פאַל, אַז ס'חעט דער שונא זיך דערנענטערן.

אין דערדראָזיקער שטאָט איז ער געווען שטאַרק פאָרזיכטיק, אַז מען זאָל אים נישט באַמערקן. ער וואָלט דאָ אַפילו געקענט לייפּט באקומען צו קויפן א בריטשקע, נאָר ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער קאָן מיט דעם אַרויסרופן צו זיך אויפמערקזאַמקייט און חשד. א פלינק פערד, וואָס קאָן אין אַ נויטפאַל אַראָפּשפּרינגען פון וועג אין הויכן גראָז אַריין, און אַזוי פאַרשטעלט פון שונאס אויג אַדורכשניידן זיך דורך די סטעפּעס, איז איצט געווען אַ זיכערער פאָרמיטל.

סטראָגאָוו האָט אויך איצט אויפגעגעבן דעם געדאנק וועגן טוישן ס'פערד. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעבונדן צו דעם ליבן באַשעפעניש, וואָס איז ווערט געווען זיין הויכן פּרייז. דער רייטער מיט זיין פערד האָבן זיך שוין פאַרשטאַנען; פּונקט ווי ביידע וואָלטן געהאַט איין ציל. איצט האָט מען ווידער באַדאַרפט קלערן וועגן אַ איינגאכטיקן אָפּרו. קודם־כל האָט סטראָגאָוו אָפּגעהיטן זיין פערד. אַליין האָט ער געגעסן אין אַ אָרימען גאַסטהויז אין עק שטאָט, ווו ס'האָבן זיך נישט געפונען קיין מאַסע נייגיריקע. דאָרט איז ער זיך אויך אויסגעשלאָפן אין אַ אָפּגעדינגען צימערל.

אָבער ער האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט איינשלאָפן. ס'זענען אים באַפאַלן די דאגות וועגן זיין פריינדן און זיין מוטער. ער האָט אַרומגעטראַכט די אַלע מעגלעכע סכנות, וואָס האָבן געדראָט זיין שליחות, זינט אָגאַרעוו האָט זיך געשטעלט אויף זיין וועג. נאָר נישטקוקנדיק אויף דער שלאָפלאָזיקייט האָט אים דאָך געקרעפטיקט, ווי אַ וווּנדערלעכע רפואה, דעם צאַרס בריוו, וואָס ער האָט אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט. ווי האָט ער דעמאָלט געוואָרט צו קאָנען פליען ווי אַ פויגל דורך

די סטעפּעס, אָדער צו באַצן דעם כּוח פון הוראַגאַן, וואָס לויפט דורך אין אַ שעה הינדערטער ווערסט... ווען ער האָט פאַרטאָג איינגעדרימלט האָט זיך אים געחלומט. אַז ער שטייט אַ גליקלעכער פאַרן גרויספירשט און דערלאַנגט אים דעם בריוו, זאָגנדיק דאַביי: „אייער הויכקייט! — דאָס איז פון זיין קייזערלעכן מאַיעסטעט!"

צומאָרגנס איז ער אַרויסגעפאָרן גלייך ווי ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, און האָט אין משך פון דאָזיקן טאָג אָדורכגעמאַכט פיר און צוואַנציק ווערסט — פון קאַמאַ ביז אָבינסק. אין דערדאָזיקער געגנט האָט ער ווידער אָנגעטראָפן אויף די באַראַבינישע זומפּן, וועלכע ס'איז נישט מעגלעך געווען אָדורכצורייטן ביינאַכט, נישטקוקנדיק אויפן גוטן חוש-הריח פון קלוגן פערד. ער האָט איבערגענעכטיקט אין דאָרף, און גלייך מיטן ערשטן מאָרגנשיין איז ער אַוועק ווייטער. נאָר איצט זענען אויפן וועג געווען זייער אַ סך שטערונגען. צוליב די לעצטע רעגנס, וואָס האָבן געדויערט אייניקע טעג, איז דער וועג פאַרשוואונדן אונטערן וואַסער. די זומפּן זענען געוואָרן פאַרשלינגעדיקע, און מען האָט זיי מיט גרויס פאָרזיכטיקייט געקענט אויסמיידן.

ס'פערד איז אַריין ביז איבערן פּיסק אין וואַסער. דער רייטער מיטן פערד האָבן זיך דאָ אָדורכגעקריגן צווישן צוויי רייען טאַטאַרישע זעלנער, וואָס האָבן זיך גערוקט פאָרויס, איינע אויפן וועג קיין אָמסק, די צווייטע — קיין טאָמסק.

נאָך אירקוצק און קראַגינסק האָבן זיך די נאַטירלעכע באַדינגונגען פאַרבעסערט. די באַראַבינישע זומפּן האָבן זיך שוין געהאַלטן ביי ענדיקן. דער וועג קיין קאָליוואַן איז שוין געווען איינגאַנצן צו דער יידן. אַבער פאַר דאָס איז גרויס געווען די סכּנה צו טרעפן זיך מיט די טאַטאַרן. כאָטש פון דער צוויי-

טער זייט, איז אויך נישט געווען באַקוועם אַראפּצוגיין פֿון וועג אין דער קווער פון סטעפּ, דארט ווו מען טרעפט זעלטן אַ מענטש, ווו אין די אָרימע כאַטעס און קרעטשמעס איז נישט געווען צו קריגן עפּעס צו עסן פאר זיך און פאַרן פערד. נאָר צוליב זיכערקייט איז סטראָגאָוו געניט געווען בעסער אויסצוקלייבן אַ אומוועג, איידער צו זיין אונטערגעוואָרפן זיך צו טרעפן מיט די טאַטאַרן.

יעדנפאַלס האָט ער מיט פרייד דערהערט הינטער קאַר־גאַטסק, ווי די האַרטע און טריקענע סיבירער ערד האָט ווידער אנגעהויבן אָפּהילכן אונטער די פערדישע קאָפּיטעס.

דעם 15־טן יולי איז ער אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע. דעם 5־טן אויגוסט — אַריינרעכענענדיק שוין די דריי טעג, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין דער קרענק ביים ברעג אירטיש — זענען אַריבער איין און צוואָנציק טעג זייט ער האָט אָנגעהויבן די נסיעה. ער איז ווייט געווען פון אירקוצק נאָך טויזנט פינפהונ־דערט וויאָרסט!

די לעצטע אנשטרענגונג

סטראָגאָוו האָט אומזיסט נישט מורא געהאַט פאַר טרעפן זיך אויף דידאָזיקע פלאַכע שטחים מיט די טאַטאַרן. די פעל־דער, וואָס זענען געלעגן צעטראַטענע פון מאַסן פערדישע קאָ־פיטעס, האָבן דערציילט וועגן דעם, אז דורכדאַנען זענען פאַר־בייגעגאַנגען די טאַטאַרן, וועגן וועלכע מען קאָן זאָגן ס׳זעלבע ווערטל, וואָס מען זאָגט וועגן די הונען: „ווו דער טאַטאַר גייט פאַרביי, וועט שוין קיינמאָל קיין גראָז נישט וואַקסן.“

די וואָלקנס רויך און די רויטע אָפגלאַנצן אויפן האָרי־זאָנט האָבן עדות געזאָגט וועגן פאַרברענטע דערפער און שטעט. צי די אַוואַנגאַרדן האָבן געמאַכט די אונטערצינדונגען, צי פע־אָפאַרדיכאַן האָט שוין פאַרנומען די גאַנצע יעניסייסקער גובער־ניע — האָט ער אויפן אויג נישט געקענט אָפשאַצן. אין ד, פאַרוויסטע שטיבלעך אויפן וועג האט זיך נישט געפונען קיין לעבעדיקער נפש, פון וועמען מען וואלט עפעס געקאנט געוואָר־ווערן.

פלוצלינג האט סטראגאוו באמערקט אפגעבערענטע טיילן פון א הייזל צווישן דיביימער. אויף זיי איז געזעסן אַ שווייגעדי־קער אַלטיטשקער. ס'האָבן אים אַרומגערינגלט וויינענדיקע קינ־דער. אַ יונגע פרוי, ווייזט אויס דעם אַלטנס טאָכטער און די מוטער פון די קינדער, האָט געהאַלטן אויף די קני אַ זייגקינד. מיט אַ געוויין האָט עס זיך צוגעדריקט צו דער מאַמע־ברוסט, אין וועלכער ס'האָט געפעלט מילך. דער בליק פון דער פרוי האָט אויסגעדריקט ווילדע פאַרצווייפלונג.

סטראָגאָוו איז צוגעגאַנגען צום אַלטן.

„קאָנסטו מיר ענטפער'ן?"

„רעד!" האָט יענער טרוקן געענטפערט.

„צי זענען די טאַטארן פאַרבייגעגאַנגען דורך דאַנען?"

„יאָ, ווייל מיין הויז ליגט פאַרברענט."

„איז עס אַ אַרמיי, צי בלויז אַ אָפּטיילונג?"

„א אַרמיי, ווייל אומעטום, ווו דיין אויג וואַרפט אַ בליק, זענען די פעלדער פאַרוויסט."

„צי פירט מיט איר אָן דער עמיר אַליין?"

„דער עמיר, ווייל די וואַסערן אין די טייכן זענען רויט."

„איז פעאָפאַר־כאַן שוין אריין אין טאָמסק?"

„ער איז שוין דאָרט."

„צי האָבן די טאטארן שוין פארנומען קאָליוואן?"

„ניין, דערפאר וואָס קאָליוואן ברענט נאָך נישט."

„כ'דאנק דיר, פריינט! צי קאָן איך עפעס טון פאר דיר און פאר דייניקע?"

„גאָרנישט."

„צום ווידערזען!"

„זיי געזעגנט."

סטראָגאָוו האָט געוואָרפן אויף די קני פון דער אומ־

גליקלעכער פרוי פונף און צוואַנציק רובל, פאַר וועלכע זי האָט קיין כוח נישט געהאַט צו דאנקען.

איין זאך האָט סטראַגאָוו איצט געוווסט. ער מוז פאַר יעדן פרייז אויסמיידן טאָמסק. אָבער צי האָבן שוין נישט די טאטארישע חיילות פארנומען די גאנצע גובערניע?

און ווידער איז ער געשפרונגען איבער די סטעפּעס, איינהערנדיק זיך אין ריטמישן קלאפּן פון זיין פערדס קאָפּיטעס. ער איז איצט שוין געריטן אביסל איינגעהאלטענער און מיט ליבלעכע ווערטער צוגעגעבן חשק דעם פארמאטערטן פערד.

ס'איז אָנגעקומען א קילע נאכט נאָכן הייסן טאָג. זייט א געוויסע צייט האָט צו סטראָגאָווס אויערן אנגעהויבן צו דער־גיין א איינטאָניקער אפּקלאנג. ער איז אראפּגעשטיגן פון פערד און האָט צוגעלייגט ס'אויער צו דער ערד. ער האָט שוין איצט קיין שום ספק נישט געהאט.

„ס'דערנענטערן זיך עפּעס קאוואלעריסטן, זיי פארן שנעל, ווארום ס'געקלאפּערײ פארשטארקט זיך. אין צען מינוט וועלן זיי שוין דא זיין. מיין פערד וועט זיי נישט אַריבעריאגן. אויב ס'זענען רוסן, וועל איך זיך מיט זיי פארייניקן. אויב טאטארן...?!"

דער שכל האט אים דיקטירט, אז ער זאל שוין באצייטנס זיך אויסזוכן א באהעלטעניש. אבער וויאזוי באהאלט מען זיך אין פרייען סטעפּ? מען וועט אים צעקאָפּען אויף אלע זייטן. נאר ער האט קיין אנדער ברירה נישט געהאט. אין א ערד־שפּאלט נישט ווייט פון וועג זענען געוואקסן עטלעכע סאָסנעס ארומגערינגלט פון געדיכטע קזשאקעס, וואס זענען גע־וואקסן ביים ברעג פון א יעזשערע. ער האט אנגענומען ס'פערד ביי דער צוים, האט עס צוגעפירט צו יענעם ארט און צוגע־בונדן ביי א בוים. ער האט אויסגערעכנט, אז די נאכט און די

קזשאקעס וועלן זיין פאר אים מיטן פערד א גוטע הילע. זאלן זיי זיך נאר נישט דא אהערלאזן!

ער האט זיך אוועקגעלייגט אויף דער ערד און נאכגע־פארשט דעם וועג. אינדעם האט ער באמערקט פונדערווייטנס פלעמלעך, וואס ווערן אלץ נענטער. ער האט באלד פארשטא־נען, אז דאס קומען אן די טאטארן מיט שטורקאצן. זעט אויס, אז זיי זוכן עמעצן. באלד איז גאנץ נאנט אנגעקומען א אפטיי־לונג קאוואלעריע פון אן ערך פופציק רייטער. סטראגאוו האט זיך איינגעקארטשעט הינטער דיביימער און געוואַרט, נאנט פון זיין באהעלטעניש זענען זיי אראפ פון די פערד. זיי האבן זיך געגרייט דאָ צו לאגערן. מען האט פאנאנדער־געטיילט שפייז. די מיט שווייס באגאסענע, מידע פערד האט מען אפגעלאזט אויפן גראז. סטראגאוו האט זיך צוגערוקט אויפן בויך נענטער צו זיי. אומבאמערקט האט ער אזוי געקאנט ליגן אין הויכן גראז, באטראכטן די טאטארן און צוהערן זיך צו זייער געשפרעך אויף א טאטארישן דיאַ־לעקט, וועלכן ער האט גוט פארשטאנען. ביים שיין פון די שטורקאצן האבן זיך געזעען זייערע ווילדע פנימער, די האריי־קע פעלצלעך, די לאנגע געלע שטיוול מיט כאלעוועס, דאס בלישטשעדיקע געווער: קרומע שווערדן, יעגער־מעסערס אונטערן פאסיק און יעגער־ביקסן איבערגעהאנגענע איבער די אקסלען. צוויי אפיצירן האבן זיך אויסגעצייכנט פון דער גרופע מיט זייערע קאסקעס און טרומייטערלעך. דער פון דער העכערער ראַנגע „פענדיאַ־באַשי" האט געשמועסט מיטן אנדערן פון דער נידריקערער ראנגע „דעה־באַשי".ביידע האבן גערייכערט לול־קעס מיט האַשיש.

„ער האָט זיכער נישט געקאנט אויסקלייבן אן אנדערן וועג?"

„אויב ער איז נאָר נישט פאַרבליבן אין אָמסק!"

„אַזוי צי אַזוי האָט ער נישט געקאָנט אונדז איבעריאָגן. מיר האָבן דאָך אויסגעקליבן אַ נענטערן וועג. ער וועט פאַר אונדז נישט אָנקומען קיין אירקוצק".

„וואָס פאַר אַ פאַרעקשנטע אַלטע איז דאָס זיין מוטער — אַ סיביריאַטשקע!"

סטראָגאָוס האַרץ האָט פון שרעק האַסטיק אָנגעהויבן קלאַפּן.

„אָבער דער פּולקאָווניק אָגאַרעוו האָט זיך פון איר נישט געלאָזט אָפּנאַרן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין געפינען אַ מיטל וויאַזוי צו עפענען ס'מויל פון דערדאָזיקער מכשפה!"

איצט האָט סטראָגאָוו שוין פון אַלעם געוווסט. יעדעס וואָרט האָט זיך אין אים אַריינגעשניטן, ווי מיט אַ קינזשאַל. ער האָט געוווסט אַז מען יאָגט אים נאָך און אַז זיין מוטער געפינט זיך אין די הענט פון דאָזיקן אכזר, וועלכן ער האָט געהאַסט מיט דער גאַנצער נשמה. אָבער ער האָט אויך גע־ווּסט, אַז זיין מוטער וועט זיך נישט מודה זיין, אפילו מע זאָל איר ווי שטאַרק פּייניקן, און אפילו ווען איר שווייגן זאָל איר קאָסטן ס'לעבן. פון ווייטערדיקן שמועס איז ער געוואָר געוואָרן, אַז פון צפון דערנענטערט זיך רוסיש מיליטער, אַז הינטער קאַליוואַן וועט פאָרקומען אַ שלאַכט, אָבער די שוואַכע רוסישע קרעפטן — ווערנדיק גענומען אין צווי פייערן צווישן די פיל גרעסערע טאַטאַרישע אַרמייען, וואָס רוקן זיך אונטער פון מזרח און פון מערב — וועלן צעריבן ווערן אויף שטויב.

כדי אָנצוקומען קיין אירקוצק פריער פון זיינע באַכיאַ־נער האָט סטראָגאָוו געמוזט אַוועק פון דאַנען איידער יענע וועלן רירן פון אָרט. אַרויסרירן זיך פון באַהעלטעניש איז גע־ווען פאַר אים אַ שרעקלעכע ריזיקע. אנטלויפן אומבאַמערקט איז געווען אַ אוממעגלעכע זאַך. נאָר קיין אַנדער ברירה האָט

ער נישט געהאַט. ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאַנעי נאָך איידער ס'הייבט אָן צו טאָגן.

עס איז אים געגאַנגען אין זיין ערע, אין דער רעטונג פון לאַנד, מעגלעך — אויך אין אַרויסראַטעווען זיין מוטער. דאָס האָט אים צוגעגעבן קראַפט צו שטעלן זיך אין אַזאַ געוואַלטיקע סכנה. ציענדיק זיך אין גראָז האָט ער זיך דערגענטערט צו זיין פערדל. ער האָט צו אים פליסטערנדיק גערעדט צאַרטע רייד — און דאָס קלוגע פערד האָט פאַרשטאַנען דעם רייטער. עס איז נאָכגעגאַנגען אים, געצויגן ביי דער צוים, אַזוי שטיל, אַזויווי ס'וואָלט פאַרשטאַנען, אַז דער מינדסטער גערויש וועט פאַרגרעסערן די סכנה.

אָבער צום אומגליק, האָט אין דער זעלבער רגע, ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגערוקט פון צווישן די ביי-מער, איין טאַטאַריש פערד דערשמעקט די אַנטלויפנדיקע, האָט עס זיך איבערגעשראָקן און אַרויפגעלאָפן אויפן וועג. נאָך אים איז נאָכגעלאָפן זיין רייטער — און באַלד באמערקט סטראָגאָווס געשטאַלט אין דער פינסטער. דער טאַטאַר האָט גענומען שרייען, און ס'זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן די זעלנער פון לאַגער. אָבער סטראָגאָוו איז שוין געזעסן אין זאָטל. ער האָט ס'פערד גע-לאָזט אין אַ גאַלאָפּ. הינטער אים האָבן אָנגעהויבן פייפן קוילן. איין קויל האָט אים אדורכגעשאָסן די בורקע. באלד האט ער אָפּגעלאָזט די לייטשן — און האָט גלייכצייטיק אויסגעשאָסן פון צוויי רעוואָלווערן און אוועקגעלייגט טויט צוויי טאַטאַרן, וואָס האָבן אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג. דאָס פערד האָט אָנגעבלאָזן די נאָזלעכער און האָט מיט שוים אויפן מויל אוועקגעטראָגן אים ווי אַ ווינטער.

די טאַטאַרן האָבן אים נישט געקאָנט גלייך נאָכיאָגן, דערפאַר וואָס זייערע פערד זענען געווען אויסגעזאָטלט. און

דאָס האָט אים מציל געווען. אָבער ס'זענען נישט פאַרביי קיין צוויי מינוט, ווי ער האָט שוין דערהערט אַ פערדיש סאָפּן הינטער זיך. מיט אַן אויפגעהויבענע שווערד איז געריטן נאָך אים דער „דעה־באשי". ער האָט שוין געהאַלטן ביי צושפּרינגען און דערשטעכן אים — נאָר סטראָגאָוו האָט פלינק זיך אויסגע-דרייט און געשאסן. ער האט געהאט א זיכער אויג און א זי-בערע האנט. דער אפיציר האט זיך געגעבן א גליטש אַראָפּ פון פערד און געפאַלן טויט אויף דער ערד.

סטראגאוו האט זיך בליצשנעל געטראגן ווייטער. די נאכיאגער זענען אים געווען הינטער די פּלייצעס. נאר געשאסן האָבן זיי נישט. ער האט געוווסט די טאטארישע מינהגים. ער האט פארשטאנען, אז פאר זיין קאפ איז באשטימט געווארן א פרייז, נאר פאר ברענגען אים לעבעדיקערהייט וואלט מען באקומען אַ גאַנץ גרויסע באלוינונג.

ס'האט אויפגעשיינט אַ בלאַסע זון, די נאכיאגער האבן זיך טיילמאל פארהאלטן אויף אַ רגע, באַהאַלטנדיק פלינק די קעפ אונטער די בייכער פון די פערד. ער האט אוועקגעלייגט נאך עטלעכע. אבער ענדלעך האט ער אויסגעשאסן אלע קוילן. איצט זענען זיינע פארפאלגער זיכער געווען, אַז זיי וועלן אים כאפן.

אבער פאר סטראגאוון האט שוין געבלאנקט דער זילבער-נער פאַס פון אַב.

„מוט, העלדיש פערדעלע מיינס!" — האָט סטראָגאָוו אויס-געשריגן — "דאס איז שוין די לעצטע אנשטרענגונג".

ער האט זיך געפונען אויף אַ הויכן פעלזנשטיק איבער דעם שוימענדיקן שטראם פון אַב. אַ שפרונג פון דאַנען וואלט געווען אַ משוגעת — אָדער אַ וואונדער פון העלדישקייט. פונ-דעסטוועגן האט סטראגאוו געוואַגט א שפרינג צו טון. קיין

יינער פון די טאטארן האט נישט געוואגט אים נאָכצושפּרינ־
גען. אָבער מען האָט דאָך גישט געוואָלט לאָזן אים אַנטלויפן —
האָט מען אָנגעהויבן אים באשיטן מיט אַ האָגל קוילן. דאָס איי־
דעלע פערד האָט באַקומען אַ קויל אין דער זייט און האָט
זיך אַרונטערגעלאָזט. זיין בלוט האָט רויט געמאַכט ס׳וואַסער.
סטראָגאָוו האָט מיט אַ קלאָרן געדאַנק באַפרייט זייב[illegible]יס פון
די רימענס. ער האָט זיך געפונען אין געווירבל אין מי[illegible]ן טייך.
כדי אויסצומיידן דעם שונאס קוילן איז ער געש[illegible]ומען א גנטע[illegible]ן
וואַסער מיט די לעצטע כוחות. ער האָט ענדלעך דערגרייכט
דעם רעכטן ברעג און זיך באַהאַלטן אין דער געדיכטקייט פון
די וואַסערשטענגלעך, וואָס זענען געוואקסן אויפן ברעג פון אָב.

פסוקים און קופּלעטן

אָן אַ פערד, ווייט פון אירקוצק, אָן אַ ביסל שפּייז אין אַ לאַנד, וואָס איז פאַרוויסט געוואָרן דורכן שונא, אָבער העלדיש אין גייסט — האָט סטראַגאָוו אויסגעשריגן צו זיך אויף אַ קול:

„כ׳וועל דערגרייכן דעם ציל. גאָט באַשיצט דאָס הייליקע רוסלאַנד!“

ער האָט זיך געררוקט צווישן די וואַסערגעוויקסן אויף דער בלאָטיקער וואַסערדיקער ערד, ביז ער האָט צנדלעך אָנגעטאַפּט מיט די פיס אַ טרוקענעם באָדן. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיטן ברעג פון אָב. אויף צוויי וויאָרסט פאַר זיך האָט ער געזען אַ שטעטל, וואָס איז מאַלעריש געלעגן צעוואָרפן אויפן רוקן פון אַ בארג. די גרינע ביזאַנטישע קופּאָלן פון די קליינע צערקוועס האָבן זיך פריילעך אַרויסגעשניטן אויפן גראָען פאָן פון הימל. דאָס איז געווען קאָליוואַן, וואָס

איז נאך נישט געווען פארנומען דורך די טאטארן; אזוי האָט ער יעדנפאלס גערעכנט.

אָבער וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, אלץ מער האָבן אים אפגעקלונגען אין די אויערן טויבע קלעפּ, טרוקענע קנאלן, און ווייסלעכע נעפּלען און שווארצע רויכן האבן זיך פון צייט צו צייט באוויזן פאר זיינע אויגן. ס'האבן געזעצט הארמאטן, ס'האבן געקלאפּט ביקסן. מען שלאגט זיך ביי קאליוואן...

ער איז פּארזיכטיק אראפּ פון טראקט און צוגעגאנגען צו א הייזל, וואס איז געשטאנען אין א זייט ווייט הינטער דער שטאָט. דאס איז געווען די טעלעגראף-סטאציע. דאָ האט זיך געפונען איין באאמטער, וואס איז געטריי פארבליבן אויף זיין פּאָסטן. ער איז געזעסן און פלעגמאָטיש גערייכערט זיין פּאַפּיראָס.

„וואס ווייסטו?"

„גארנישט. מען שלאגט זיך."

„ווער ווער ווער זיגן."

„מיר אדער זיי".

„דער דראָט איז טעטיק?"

„ער איז איבערגעריסן" צווישן קאָליוואן און קראסנאָיארסק; ער פונקציאנירט אבער צווישן קאליוואן און דער רוסישער גרענעץ. איר ווילט אויפגעבן א דעפּעשע? ביטע! —צען קאפּיקעס פאר א ווארט."

איידער סטראגאוו האט צייט געהאט צו ענטפערן, אז ער איז געקומען בעטן א ביסן ברויט און א שלוק וואסער, זענען צוויי מענטשן אריינגעלאפן מיט א גערויש אין דער שטוב. דאס זענען געווען די צוויי באקאנטע קארעספּאנדענטן, וואס האבן זיך שוין געהאט אין וועג באפריינדעט, און איצט ווידער קאנקורענטן, אפילו שונאים, זייענדיק דא אויפן מלחמה-פלאץ. די

ב׳ירע האבן זיך זויף סטראגאזון נישט אומגעקוקט. ער ווידער איז געשטאנען ביים פענסטער און זיך צוגעקוקט צו זייערע צוועגונגען. הארי בלאונט איז דער ערשטער צו צום פענסטערל און אריינגעשטופט דעם טעלעגראפיסט אין דער האנט א טעלע־ראמע, געשריבן מיט א בליישטיפט. אלסיד זשאליווע האט זיך מיט א טרויעריקע גרימאסע געזשופט נאך אים, האלטנדיק אין דער האנט אן ענלעכע טעלעגראמע.

„צען קאפיקעס פארן ווארט!”, האט געזאגט דער טעלע־גראפיסט.

בלאונט האט אים צוגעווארפן א גרויסע סומע.

„איר טעלעגראפירט... און איך וועל שרייבן דעם המשך פון דער טעלעגראמע”.

[illegible] האט גענומען שרייבן אויף די בלעטלעך פון זיין בלא[illegible].

דער טעלעגראפיסט האט געקלאפט אויפן אפאראט, דיקטירנ־דיק זיך אויף א קול:

„דיילי טעלעגראף לאנדאן. היגטער קאליוואן א שלאכט. דער רוסישער גארניזאן האט געהאט גרויסע פארלוסטן. די טאטארן זענען אריין אין שטאט. די רוסן פארטיידיקן זיך”.

דער טעלעגראפיסט איז אנטשוויגן געווארן. זשאליוע האט העפלעך געזאגט:

„איצט איז מיין רייע”.

„נאך נישט... איך שרייב”.

„אבער דערדאזיקער הער האט דאך שוין געענדיקט! נעמט איצט צו מיין טעלעגראמע!”

„ער האָט באַצאָלט... האָט ער נאָך רעכט!“ האָט דער באַאַמטער פלעגמאַטיש געענטפערט.

„אָבער דערווייל האָט ער דאָך נישט וואָס מודיע צו זיין!“

בלאונט האָט געגעבן אַ ריס ארויס אַ בלעטל פון בלאָק און איבערגעגעבן דעם טעלעגראַפיסט. דער האָט באלד אָנגעהויבן קלאַפּן, לעזנדיק שטיל:

„אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד“.

זשאָליווע איז געווען אין איין רציחה. מען זאָל טעלעגראַפירן פסוקים פון דער ביבל! און דער ענגלישער זשורנאַליסט האָט מיט רויקן ערנסט אָבסערווירט דורך אַ לוגעטע די געשעענישן אין שטאָט. שטיקלעכווייז האָט ער יעדעס מאָל צוגעגעבן דעם ווייטערן טעקס פון דער טעלעגראַמע:

„צוויי צערקוועס אין פלאַמען. די שרפה רוקט זיך איבער אויף לינקס. און די ערד איז געווען אומפערמיק און לער און אַ פינסטערניש איז געווען איבערן אָפּגרונט, און דער גייסט פון גאָט“...

„סטאָפּ! אייער סומע האָט זיך אויסגעשעפּט. איצט איז אייער ריי!“ האָט זיך דער טעלעגראַפיסט געווענדעט צום פראַנצויז. בלאונט האָט פארביסן די ליפּן. זשאָליווע האָט פאַרנומען אַן אָרט ביים פענסטערל און, צוואַרפנדיק דעם באאמטן אַ גרעסערע סומע, האָט ער אים איבערגעגעבן די טעלעגראַמע.

דער טעלעגראפיסט האט גענומען קלאַפּן אויפן אפאראט לייענדיק אויפן קול:

„מאגדאלענא זשאליווע, 10 פארשטאט מאָנטמארט, פאריז. קאליוואַן איז פארנומען דורך דער טאטארישער קאוואַלעריע. די רוסן זענען אַנטלאָפן פון שטאָט...“

זשאַליווע האט זיך אויפגעדרייט פון טעלעגראַף פענסטערל און אנגעהויבן זיך איינקוקן דורך א לונעטע אין שלאכט-פעלד.

„דערדאזיקער הער האט געענדיקט״, האט בלאונט געזאגט, צוקומענדיק צום פענסטערל מיט א רולאָן זילבערגעלט.

„נאך נישט!״ האט געשמייכלט זשאליווע — „איך דיקטיר גאָר!״

און האט דיקטירט:

„געווען אמאל א מלכל א קליינס,
איז דאס געווען א מענטשעלע א פיינס...״

„וואס איז דאס?״ האט בלאונט אויסגעשריגן.

„דאס איז נישט קיין ביבלישער פסוק, נאר ס'איז בעראנזשעס א לידל.״

„אהאו!״

אין דערדאַזיקער רגע איז דורכן פענסטער אַרייַנגעפאַלן א גראַנאַט... ער האָט זיך אַ קאָלער געטון און אויפגעריסן. בלאַונט איז אַנידערגעפאַלן באַגאָסן מיט בלוט.

זשאליווע האָט פאַרענדיקט די טעלעגראַמע:

„דער קאָרעספאָנדענט פון דיילי טעלעגראַף, האַרר בלאַונט, איז נעבן מיר געפאַלן פאַרוואונדעט פון אַ גראַנאַט...״

„דער דראָט איז איבערגעריסן!״ האָט געזאָגט דער טעלעגראַפיסט און פאַרמאַכט ס'פענסטערל.

„סטראַגאַוו איז צוגעגאַנגען צום פאַרוואונדעטן באַנדאַזשירן אים די וווּנד.

אינדעם איז געשען עפעס שרעקלעכעס... א גרופע טאַטאַרן האָט שוין אַרומגערינגלט ס'הייזל. אַ טייל פון זיי זענען אַריין דורך דער טיר, אנדערע זענען אַרייַנגעשפרונגען דורכן

פענסטער. ס'האָבן זיך געהערט געשרייען און שאָסן. עטלעכע
ניפגעהויבענע שטילעטן האבן א בליץ געטון פאר סטראגאוס
און זשאַליוועס אויגן. ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען זיך
ארויסצודרייען פון דאנען.

אין א ווײַלע ארום האבן זיך ביידע געפונען ביי די טא-
טארן אין די הענט.

סוף פון ערשטן טייל

צווייטער טייל

דער טאַטאַרישער לאַגער

איין טאָג גאַנג פֿון קאָליוואַן, עטלעכע ווערסט פֿון דיאַ-טשינסק, ציט זיך אַ ריזיק פּלאַכלאַנד, וואָס ווערט באַשאָטנט פֿון הויכע סאָסנעס און צעדערן. געוויינלעך נוצט עס אַלס פּאַ-שעאָרט פֿאַר די מענגע סטאַדעס פֿון די סיבירער פּאַסטוכער. איצט האָט דאָס אָרט געקאָכט מיט אַ גאַנץ אַנדער לעבן.

נאָך דער בלוטיקער שלאַכט מיט די רוסן, האָט זיך דאָ צעלייגט מיטן לאַגער דער גרויזאַמער עמיר פֿון בוכאַרע, פעאָ-פאַר־כאַן. דאָ האָט מען דעם 7-טן אויגוסט אהערגעברענגט די רוסישע געפֿאַנגענע פֿון קאָליוואַן, עטלעכע הונדערט זעלנער, וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון די טאַטאַרישע קוילן. אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך די אינוואַזיע גערוקט ווייטער אין טיפֿן סיביר. אירקוצק, וואָס איז געווען אָפּגעריסן פֿון אַ קאָמוניקאַציע מיט אייראָפּע, האָט אומזיכער געוואַרט אויף זיין גורל. מיטן פֿאַלן פֿון דערדאָזיקער הויפּטשטאָט האָט רוסלאַנד געדראָט צו פֿאַרלירן

סיביר. צי וועלן די מיליטער־אפּטיילונגען פון אַמור־קאַנט און פון יאַקוצק באַוויי̈זן צו קומען אין דער ריכטיקער צייט אָפּצושטויסן דעם שונא? אָדער דער גרויספירשט איז גאר אריינגעפאַלן אין די פאַרעטערישע הענט פון נקמה־דורשטיקן איוואַן אָגאַרעת?

מיכאַיל סטראָגאָוו איז אָפּגעפירט געוואָרן צווישן אַ סך אַנדערע געפאַנגענע צום טאַטאַרישן לאַגער. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ געגלייבט, אַז כּל־זמן ער האָט ביי זיך דעם צאַרס בריוו און מען ווייסט נישט ווער ער איז, וועט ער זיין ציל דערגרייכן. צווייטנס, פירט מען דאָך אים אין דער זייט פון אָמסק, און אויב אַזוי דערנענטערט ער זיך דאָך צו אירקוצק פאַר איוואַן אָגאַרעוון. ער האָט נאָר געקלערט וועגן דעם, וויאַזוי ער זאָל זיך אין געהעריקן מאָמענט אַרויסקריגן פון די טאַטאַרנס הענט.

די שפּיציקקיילעכדיקע געצעלטן פון פעל און זיידענע שטאָפן, וואָס האָבן געשימערט אין דער זון מיט פאַרשידנאַרטיקע לענטעס, האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט צו צו זיך מיט זייער צאָל און פאַרביקייט. אַ ספּעציעלער פּאַוויליאָן, באַצירט מיט אַ בונטשוק*), אַרומגעשטעלט מיט אַ וואַך, איז געווען די קוואַרטיר פון העכסטן פירער. די געצעלטן פון די הויכראַנגיקע אָפיצירן האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זייער רייכקייט און באַצירונג.

דאָ האָט געלאַגערט לכל־הפּחות אַ מתנה פון הונדערט און פופציק טויזנט זעלנער, וואָס האָבן אָנגעהערט צו פאַרשידענע מינים געווער: פוסג'ער, רייטער און אַרטילעריע. דאָס איז גע-

---

*) בונטשוק — פערדישער ווידל אויף אַ שטעקן, וואָס דינט ביי די טאַטאַרן אלס אַ מיליטערישע פאָן.

ווען אַ געמיש פון פאַרשידענע מענטשלעכע טיפּן, וואָס באַוווינען טורקעסטאַן און די ראַנדן פון סיביר. ס׳האָבן זיך דא געפונען די געלבבערדיקע און נידריקע איזבעקן, פלאַכפּנימדיקע קירגיזן, באַוואָפנטע מיט פּיילנבויגנס, שוואַרצהאָריקע מאָנגאָלן, און נעבן די מיאוסע טורקאָמענען האָט מען געקענט טרעפן שיינע אַראַ־בער. אויך פּערסישע קנעכט האָט מען געזען צווישן פּעאָפּאַרס באַנדעס. אויך יידן האָבן זיך דאָ געפונען אין דער ראָלע פון דינער. די פערד זענען אויך דאָ געווען פון פאַרשידענע ראַסן: פערד צום געשפּאַן און צום רייטן, נידריקע צון הויכע, האָריקע און גלאַטע. זיי האָבן זיך געפּאַשעט אויף די לאָנקעס ארום די געצעלטן. אין שאָטן פון די ביימער האָבן גערוט זעלטן שיינע קעמלען און דראָמאַדערן. אין לאַגער איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. מען האָט געשאָסן אויף שפּאַס, ס׳האָבן געשאַלט טרומייטן, ס׳האָבן געקלונגען קלינגערס.

פעאָפאַר־כאַנס געצעלט איז געשטאַנען אין מיטן לאַגערן עס איז געווען אײַנגעאָרדנט אויף אַ ריין מיליטערישן שטייגער, ווייל דער הארעם מיט דער דינערשאַפט איז אַוועקגעשיקט גע־וואָרן קיין טאָמסק. פאַרן געצעלט איז אויף אַ פיין אינקרוס־טירטן טיש געלעגן דער קאָראַן. אויף בלעטער פון גאָלד זענען געווען קינסטלעריש אויסגעקריצט מאַכמעדס געבאָטן. ארום דאָזיקן געצעלט זענען געשטאַנען די געצעלטן פון די הויכגעשטעלטע לייט.

אין דער צייט ווען מען האָט געבראַכט די געפאַנגענע האָט זיך דער עמיר נישט באַוויזן. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ גליק. איין זשעסט זיינער, איין וואָרט וואָלט גורם געווען צו אַ שחיטה. נאָר דער אָריענטאַלישער הערשער האָט נישט באַוויליגט צו אָפּט צו באַווייזן זיך פאַר זיינע אונטערטאַנען, בדי נישט צו וואַרן צו וואָכעדיק אין זייערע אויגן.

די געפאַנגענע האָט מען געהאַלטן הינטער אַ גרויסע

פאַרצוימונג זרומגעשטעלט מיט אַ וואך. זיי זענען געווען אויס־געשטעלט אויף דער ברענענדיקער היץ פון דער זון, מען האָט זיי כמעט נישט געשפייזט, גראָב באהאנדלט; זענען זיי פאַר־חלשט געוואָרן פון אָפּגעשוואַכטקייט, וואַרטנדיק אויף גענאָד אָדער אומגענאָד פון כאן.

צום געדולדיקסטן האט איבערגעטראָגן זיין גורל מיכאיל סטראָגאָוו. ער האָט זיך אונטערגעהערט, אַז ער וועט מיט אַ פּאַרטיע געפאנגענע איבערגעשיקט ווערן קיין טאָמסק. דאָס האָט געשטימט מיט זיינע אויסרעכנונגען. אלס געפאַנגענער איז ער געווען אין אַ געוויסער מאָס זיכערער אין אָקופּירטן פּאס אויסער דעם איז ער כסדר געגאַנגען אַ שפּאָרן וועג פאַר אַגארעוון. ער וועט זיך נאר אין דער ריכטיקער מינוט דארפן ארויסגליטשן פון די טאטארן, ווען מען וועט צוקומען צום אָרט, וואס געפינט זיך נאָך אין די הענט פון די רוסן. דאך האט ער מורא געהאַט, אז ס׳זאלן זיך פריער נישט פארייניקן פעאפאר־כאנס און אגארעווס ארמעען, און האט זיך כסדר איינ־געהערט, צי די פאנפארן זאגן נישט אן דאס אנקומען פון עמירס אדיוטאנט. אויסער דעם האט זיך אין אים צייטנווייז געקאָרטשעט ס׳הארץ פון ווייטיק, ווען ער האט געקלערט וועגן גורל פון נאדיאן און זיין מוטער, וואס געפינען זיך, פונקט ווי ער, אין טאטאַרישער געפאנגענשאפט. צו זיינע חברים אין געפאנגנשאפט, צו זשאָליוועז און בלאונטן, האָט ער זיך נישט דערנענטערט, נישט זייענדיק זיכער מיט זייער מיינונג וועגן אים זייט דעם אומיינגענעמען פארפאל וואָס האָט מיט אים פּאסירט אין אישים. צווייטנס, האָט ער בעסער געוואָלט רויק טראַכטן, איידער מיט זיי שמועסן.

זשאָליווע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער פילבאַר צו זיין ענגלישן קאָלעגע. ווען בלאונט וואָלט נישט געווען געשונגען

אַן אָנלױפן פראַנצױזס אָרעם, װאָלט ער זיכער געפאַלן אױפן װעג פון שװאַכקײט און בלוטאָפּלױף. דער קאָרעספּאָנדענט פון „דײלי־טעלעגראַף" האָט זיך נישט דערנידריקט צו פאַרופן זיך בײ די באַרבאַרן אױף זײן נײטראַליטעט — ער האָט געװוּסט, אַז ס'װעט גאָרנישט העלפן. אָבער זײן װירדע האָט אין געפאַנגענשאַפט מער געליטן, װי זײן קערפּער פון דער װוּנד. פאַרקערט, דער פראַנצױז מיט זײן פּראַקטישער פילאָזאָפיע האָט נישט פאַרלױרן זײן געװײנלעכן הומאָר.

נאָכן אָנקומען אין לאַגער אַרײַן האָט ער זיך פריער פאַר אַלעם גענומען באַקוקן בלאָונטס װוּנד.

„נישט קײן געפערלעכעס, טײַערער קאָלעגע. אַ לײַכטע װוּנד אױפן אָרעם. נאָך דרײַ איבערבינדונגען װעט זי זײַן פאַרהײלט."

„אָבער װער װעט מיר מאַכן די איבערבינדונגען?"

„איך."

„איר... זענט אַ מעדיקער?"

„אַלע פראַנצױזן זענען צו ביסלעך מעדיקער."

ער האָט צעריסן אַ נאָזטיכל, אַרומגעװאַשן די װוּנד און אַרומגעבאַנדאַזשירט דעם אָרעם. בלאָונט האָט זיך פאַרװוּנדערט אױף זײַן קאָלעגעס געשיקטקײט. בײם איבערבינדן האָט דער פראַנצױז גערעדט:

„איך הײל אײַך מיט דער הילף פון װאַסער, װאָס זײַן װוּנדערקראַפט איז דורך די דאָקטוירים אַנטדעקט געװאָרן ערשט נאָך זעקס טױזנט יאָר, אײַנפירנדיק די הידראָטעראַפּיע."

און אַזױ רעדנדיק האָט ער דעם קראַנקן אױסגעבעט מיט בלעטער אונטער אַ בױם...

„כ'דאַנק אײַך, קאָלעגע!" האָט געזאָגט בלאָונט, װערנדיק גערירט פון זשאַליװעס גוטסקײט.

„פאַר וואָס? דאָס זעלבע וואָלט איר אויך געטון אויף מיין אָרט...“

„כ'ווייס נישט“ — האָט בלאונט נאַיוו געענטפערט.

„געוויס! ענגלענדער זענען איידל...“

„פונדעסטוועגן די פראַנצויזן...“

„זענען גוט און נאַריש! נאָר מען קאָן עס פאַרענטפערן דערמיט וואס זיי זענען... פראַנצויזן. און לאָמיר שוין מער וועגן דעם נישט רעדן. איר מוזט האָבן פולשטענדיקע רו.“

„אויב איך קאָן נישט רעדן, קאָן איך דאָך אָבער הערן. ווי מיינט איר? זענען אונדזערע טעלעגראַמען אָנגעקומען?“

„פון קאָליוואַן — זיכער!“

„און אייער קוזינע... אין וויפל עקזעמפלארן טראגט פאנאנ־דער אייערע נייעסן?“ האט בלאונט צום ערשטן מאל געפרעגט א נישט דיסקרעטע פראגע.

„אך! זי וואלט זיך עס נישט געקאנט שענקען, ווען זי זאל געוואר ווערן, אז איך דערציי̇ל אייך וועגן איר, אין דער צייט וואס איר דארפט שלאפן“.

„איידער כ'וועל איינשלאָפן מוז איך וויסן, וואָס קלערט אייער קוזינע וועגן דערדאָזיקר טאַטאַרישער אינוואַזיע?“

„די רוסישע רעגירונג וועט זי איבערטראָגן.“

„די גאווה האָט שוין שטאַרקערע אימפעריעס אַנידערגע־לייגט“ — האָט בלאונט געזאָגט מיט אַ געוויסע דאָזע ענגלישע פאַרביסנקייט, צוליב דער קאָנקורירנדיקער רוסישער מאַכט אין אַזיע.

„אַך, קאָלעגע! אַ שמועס וועגן פּאָליטיק איז דורכן מעדי־ציניש̇ן פאַקולטעט פאַרבאָטן, אין דער צייט ווען מען האָט אַ וווּנד ביים אַקסל.“

„לאָמיר אַלזאָ רעדן וועגן אונדזער געפאַנגענשאַפט: איך

האָב נישט קיין חשק לאַנג דאָ צו בלייבן."

„היינט שטעלט זיך פאר — איך אויך נישט!"

„ווען מיר אנטלויפן?"

„אויב ס'וועט קיין בעסערע עצה נישט זיין."

„און וואס פאר א עצה?"

„מיר וועלן רעקלאמירן. אז מיר זענען נייטראל."

„ביי דערדאָזיקער בהמה פעאָפּאַר-כאַנען?"

„ניין, ביי זיין אַדיוטאַנט אָגאַרעוון."

„דאָס איז דאָך אָבער אַ אויסוואורף!"

„יאָ. פונדעסטוועגן איז ער דאָך אַ רוס. ער ווייסט, אַז מען דאַרף נישט גרינגשעצן דאָס פעלקער-רעכט. דאַביי וועט ער זיך סטאַרען אַרויסצוציען אַ מאָראַלישן פאַרדינסט פאַרן גוטן באַגיין זיך מיט אויסלענדער."

„ער איז דאָך אָבער נישטאָ דאָ."

„מען ריכט זיך אויף אים אַ ליאַדע מינוט."

„און וואָס וועלן מיר טון, ווען מיר וועלן זיין פריי?"

„ס'זעלבע וואָס ביז איצט. איר האָט שוין געהאַט ס'פאַרגעניגן פאַרוווּנדעט צו ווערן, דינענדיק דעם דיילי-טעלעגראַף. איצט מוז איך האָבן אַ שאַנס צו באַקומען אַ ווונד, דינענדיק מיין קוזינע. מיר וועלן אַוועק אויפן מלחמה-פלאַץ..."

בלאונט האָט שוין געדרעמלט. זשאָליוועט האָט עפעס געצייכנט אין זיין העפט, און באַלד אויך געמאַכט אַ קאָפּיע פאַר זיין קאָלעגע. אין אומגליק איז שוין קיין רייד נישט געווען וועגן קנאה.

איז אָט דאָס, וואָס איז נייטיק געווען פאַר די זשורנאַליסטן — דאָס אנקומען פון אָגאַרעוון — האָט געשראָקן סטראָגאָוון. און דערדאָזיקער קעגנזאָץ פון זיינע און זייערע אינטערעסן האָט

אים נאָך מער דערווייטערט פון די געוועזענע רייזע־קאָלעגן. ער האָט זיך באַמיט נישט אַריינצופאַלן זיי אין די אויגן.

ס׳זענען פאַרביי צוויי וואָכן. ווען אנטלויפן האָט קיין ר״ד נישט געקאָנט זיין, צוליב דער שטאַרקער וואַך. די געפאַנגענע האָט מען געשפּייזט מיט איינגעווייד פון ציגן און קומיס פון קלאַטשעס. ס׳זענען אויסגעשטאָרבן פאַרוואונדעטע, פרויען און קינדער. די געפאַנגענע האָבן געמוזט אליין באַגראָבן זייערע געשטאָרבענע. סטראָגאָוו און ביידע זשורנאַליסטן האָבן מיט עצות און טאַט געהאָלפן די אומגליקלעכע געפאַנגענע.

פעאָפאר־כאַן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געוואַרט. ביז ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג, אויף וועלכן ס׳האָבן אַזוי אַרויסגעקוקט די זשורנאַליסטן. דעם 12־טן אויגוסט האָבן אָנגעהויבן שאַלן די טרומייטן, און ס׳האָבן געקנאַלט שאָסן אויף באַגריסונג. פון קאָליוואַנער וועג האָט זיך אויפגעהויבן און דערנענטערט אַ געדיכטער וואָלקן. אין שפּיץ פון טויזנט מאַן איז אָנגעקומען איוואַן אָגאַרעוו.

ווי אזוי ושאליווע האט זיך פארהאלטן צום פארעטער

אָגאַרעוו האָט געבּרענגט צו פירן צום עמיר אַ גאַנצן קאָרפּוס — פוסגייער מיט רייטער. נישט קענענדיק איינעמען דעם אייבערשטן אָמסק, האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן בעלאַגערונגס־גאַרניזאָן, און כדי נישט צו פאַרהאַלטן די קאַמפּאַניע איז ער געקומען זיך פאַרייניקן מיטן כאַן. מיט אָגאַרעוון האָט מען אויך מיטגעפירט אַ קאָמפּאַניע געפאַנגענע. נאָכן קאָרפּוס זענען נאָכגעגאַנגען מאַסן בעטלער, רויבער, סוחרים, ציגײַנער — אַלע וואָס האָבן געזוכט אַ נוצן פון דער מלחמה אין דאָזיקן פאַרוויסטן לאַנד. צווישן זיי האָט זיך געפונען די גרופּע ציגײַנער, וואָס זענען געפאָרן מיט אָגאַרעוון אויפן דאַמפער „קאַווקאַז“. דידאָזיקע גרופּע איז אים פון גרעבלען הינטערשטעליק אויפן וועג קיין אישים, נאָר דערנאָך האָט זי זיך מיט אים פאַרייניקט. סטראָגאָוו האָט צווישן זיי דערקענט די ציגײַנערן סאַנגאַראַ. די פרוי־שפּיאָן, איז געווען אָגאַרעווס בייזער גייסט, די מיטהעלפערן פון אַלע זיינע אינטריגעס. זי האָט עס פאַר אים פאַרשאַפט צווישן איר באַנדע ציגײַנער פּיל שפּיאָנען.

דידאָזיקע ציגײַנערן איז געווען אַמאָל פאַר אַ פאַרברעכן

פארשיקט אויף סיביר. דאָרט האָט איר פיל געהאָלפן דערדאָ־
זיקער רוסישער אָפיציר, און אַלס דאנקבארקייט האט זי זיך
אים איבערגעגעבן מיט לייב און זעל. נישט האָבנדיק קיין פאָ־
טערלאנד און אויך נישט קיין פאמיליע, געטריי דעם אינסטינקט
פון איר ראַסע, האָט זי מיט פארגעניגן אנטייל גענומען אין
וואַנטוריסטישן לעבן פון דעם פארעטער. איר ווילדע נאטור
האָט נישט געוווסט פון קיין רחמנות. זי איז פעיק געווען אכ־
זריותדיק צו פייניקן מארטאן, כדי ארויסצובאקומען פון איר
דעם וויכטיקן סוד. נאָר דער געהעריקער מאָמענט איז נאָך נישט
געקומען. ביזאַהער האָט די אלטע סיביריאטשקע, וואָס איז נאָכ־
געשפיאָנירט געוואָרן פון דער ציגיינערן, געהאלטן אין איין
שווייגן, דאָס וואָרט „זון" איז פון איר מויל נישט ארויס.

אונטערן קלאנג פון די פאַנפאַרן זענען דער הויפטשטאל־
מייסטער און דער שעף פון דעם עמירס ארטילעריע ארויסגע־
גאַנגען מקבל־פנים זיין אָגאַרעוון און צו באַגלייטן אים צו
פעאָפאר־כאַנס געצעלט. אָגאַרעוו האָט אָנגענומען די אויסדריקן
פון פאַרערונג פון די טאַטארישע הויכגעשטעלטע לייט מיט
פשוטע גלייכגילטיקייט ער איז געווען געקליידט פראָסט. אין
זיין אומפאַרשעמטקייט האָט ער געטראָגן דעם אוניפאָרם פון
אַ רוסישן אָפיציר.

ווען ער איז געשטאַנען ביים קאָרדאָן פון לאַגער, איז
צו אים צוגעקומען סאנגארא.

„נו וואָס?" — האָט ער איר אַ פרעג געטון.

„נאָך גאָרנישט."

„זיי געדולדיק".

ס'דערנענטערט זיך דען די שעה, ווען די אַלטע וועט
נעמען רעדן?"

„יאָ, אין טאָמסק".

„ווען וועלן מיר דאָרט זיין?"
„אין דריי טעג ארום".
מיט בליצן אין אירע שוואַרצע אויגן איז זי צוריק אוועק.
אַגאַרעוו איז אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע רייטער אוועק צום כאַנס געצעלט. פּעאָפּאַר האָט געוואַרט אויף אים צווישן זיין קריגס־ראַט. אַגאַרעוו איז אַראָפּ פון פערד און געשטעלט זיך פאַרן גרויסן הערשער.
פּעאָפּאַר־כאַן איז אַלט געווען אַ יאָר פערציק. מיט זיין בלאַס געזיכט, בייזע אויגן, לאַנגער באָרד און הויכער פיגור — האָט ער געמאַכט אויף דעם צוקוקער אַ פּאַרכטיקן איינדרוק. אין זיין טייער קלייד, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט גאָלד און זילבער מיט די שווערד, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט טייערע שטיינער, אין די מיט דימענטן באַצירטע קאַסקע — האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מעכטיקן און גרויזאַמען הערשער, וואָס מיט איין זשעסט האָט ער געקענט צונעמען אַדער שענקען דאָס לעבן.
ווען אַגאַרעוו איז אַריין אין געצעלט, זענען דאָרט געזעסן אויף גאָלד־געשטיקטע קישעלעך די ראַטגעבער אַרום פּעאָפּאַר־כאַנען. דער הערשער האָט זיך אויפגעשטעלט און געשטעלט פּאַמעלעכע טריט אויפן בוכאַרישן טעפּיך אַנטקעגן גאַסט. ער האָט אים געגעבן אַ קוש — וואָס האָט באַדייט אַ צייכן פון העכסטן גענאָד: דאָס אָנגעמען אין מיליטערישן ראַט. אַגאַרעוו האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן כאַן אַלס הויכער שטאַבס־אָפיציר (קהאָדיא).
פּעאָפּאַר־כאַן האָט אָנגעהויבן רעדן:
„איך פרעג וועגן גאָרנישט, אָגאַרעוו. רעד אַליין. אַלע אויערן הערן דיך אויס."
„ ... אקסיר!" — האָט אָגאַרעוו אָנגעהויבן מיטן טיטל, וואָס ווערט געגעבן דעם סולטאַן פון בוכאַרע — „ס'איז נישט די צייט איצט

אויף פוסטע ווערטער. דיינע רייטער קאָנען לאָזן שווימען זייערע פערד אין אישים און אין אירטיש, וואָס זענען שוין טאַטאַרישע טייכן. דער סיבירישער טראַקט פון אישים ביז טאָמסק איז אונטער דיין הערשאַפט. קאָנסט דיינע זעלנער שיקן פאָרויס אויף מערב צי אויף מזרח — לויט דיין ווילן.״

„און אויב כ׳וועל גיין קעגן דער זון?״

„וועסטו פאַרנעמען ס׳לאַנד פון טאָבאָלסק ביז אוראַל.״

„און אויב כ׳וועל גיין מיטן לויף פון דער זון?״

„וועסטו צוזאַמען מיט אירקוצק פאַרנעמען די רייכסטע לענדער פון מיטל־אַזיע.״

„און די אַרמייען פון פּעטערבורגער סולטאַן?...״ ער האָט איבערגעריסן, אָנרופנדיק אַזוי מאָדנע דעם רוסישן צאַר.

„פאַר זיי האָב נישט קיין מורא נישט אויף מזרח־זייט און נישט אויף מערב־זייט. איידער זיי וועלן באַוויזן אָנצוקומען, וועט שוין אַלץ זיין אין דיין מאַכט. און וועלן זיי שוין אָנקומען — וועלן זיי פאַלן, אַזויווי ביי קאָליוואַן.״

„און וואָס הייסט דיך גיין מיט אונדז?״ האָט ווידער דער כאַן געפרעגט נאָך אַ רגע שווייגן.

„דאָס, וואָס מיטן אריינפאַלן פון די סיבירער סטעפּעס אין דיינע הענט וועט קלענער ווערן דעם צאַרס מאַכט, און מיטן פאַלן פון צאַרס מאַכט — וועט דער גרויספירשט אריינפאַלן אין מיינע הענט.״

אָגאַרעוו האָט זיך געהאַלטן פאַרן נאָכפאָלגער פון סטיענקאַ ראַזין, וואָס האָט געשטרעבט אין 17־טן יאָרהונדערט, צוצעשמעטערן רוסלאַנדס שטאַרקייט.

„גוט, איוואַן״, האָט געזאָגט דער כאַן.

„וואָס באַפעלסטו, טאַקסיר?״

„היינט וועט אונדזער הויפטקוואַרטיר איבערגעפירט ווערן קיין טאָמסק".

אָגאַרעוו האָט זיך אַ נייג געטון. ער איז ארויסגעגאנגען פון געצעלט, כדי צו דערפילן דעם כאנס באַפעל.

ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַרויפשטייגן אויפן פערד, כדי אַריבערצוריייטן אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, האָט ער פלוצלינג דערהערט געשרייען און עטלעכע שאָסן. ער האָט זיך פאַרווונדערט אומגעקוקט. צו אים זענען צוגעלאָפן צוויי געפאַנגענע נאָכגעיאָגט פון זעלנער. דער הויכער באַאַמטער, וואָס האָט באַגלייט אָגאַרעוון, האָט שוין געמאַכט מיט דער האַנט אַ זשעסט; דאָס האָט באַדייט פאַר די געפאַנגענע: טויט. אָגאַרעוו האָט אָבער אין די ביידע דערקענט אויסלענדער — און ער האָט אָפּגעהאַלטן די שטראָף.

דאָס זענען געווען אונדזערע גוטע באַקאַנטע: בלאונט און זשאָליווע. אַזויווי די ברוטאַלע ווערכטער האָבן זיי נישט דערלאָזט צו אָגאַרעוון, זענען זיי גענייט געווען אַרויסצולויפן פון געפאַנגענע-לאַגער, פאַרוואָס זיי האָבן שיער נישט באַצאָלט מיטן לעבן. אָגאַרעוו האָט זיי צוגערופן. צוגייענדיק צו אים האָט זשאָליווע איינגערוימט בלאונטן אויפן אויער:

„גיט נאָר אַ קוק! דאָס איז דאָך דערזעלבער גראָבער נפש פון אישים! כ'וויל אים נישט קוקן גלייך אין זיין געמיין פרצוף אַריין. דערציילט אים איר אונדזער ענין; איר האָט קעלטער בלוט..."

און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ זייט צום פאַרעטער אָגאַרעוו האָט פאַרשטאַנען פון פראַנצויזס אַרט שטיין, אַז ער פאַראַכטעט אים. נאָר ער האָט זיך געמאַכט נישטזעענדיק; ער האָט בעסער געוואָלט מאַכן אויף דידאָזיקע אויסלענדער אַ גוטן איינדרוק מיט זיין פיינע באַציונג צו זיי.

„ווער זענט איר, מיינע הערן?" האָט ער געפרעגט אוי־סערגעוויינלעך ווייך.

„צוויי קארעספּאָנדענטן פון אַ ענגלישער און פראַנצייזישער צייטונגען", האָט בלאונט געענטפערט.

„איר האָט דאָקומענטן?"

„געוויס. מיר האָבן פולמאַכטן פון אונדזערע רעגירונגען ביי דער רוסישער מאַכט. אָט זענען זיי!"

„אַ!" — ער האָט אויפמערקזאַם אַדורכגעקוקט זייערע פּאַפּירן — „און איר ווילט איצט אַ דערלויבניש נאָכצופאָרשן אונדזערע מיליטערישע אָפּעראַציעס?"

„מיר ווילן זיין פריי, כּדי מיר זאָלן קענען טון וואָס אונדז געפעלט."

„אייער ענטפער איז גרויסאַרטיק. איר זענט פריי. און מיט פאַרגעניגן וועל איך לייענען אייערע ידיעות אין דיילי־טעלעגראַף."

„ס'וועט אייך קאָסטן 6 פונט די צייטונג מיט איבערשיקן", האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט דער ענגלענדער.

אָגאַרעוו האָט אַפילו נישט אַ קנייטש געטון מיט די ברע־מען. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו די זשורנאַליסטן, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד — און איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן אין אַ נעפּל פון שטויב.

„וואָס קלערט איר וועגן אים?" האָט בלאונט אַ פרעג געטון זשאָליוועטן.

„ער האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין איינדרוק. דער זשעסט פון טאַטאַר, וואָס האָט געהייסן אָפּהאַקן אונדז די קעפּ, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקערן איינדרוק", האָט שמייכלענדיק געענטפערט זשאָליווע.

ביידע האָבן זיך געדריקט די הענט. אין אומגליק זענען

זיי צו זיך גענטער געוואָרן. איצט האָבן זיי ביידע פאַרייניקט ייערע עיקייטן — דאָס אויער מיטן אויג — צום גרעסערן פאַר־געניגן פון זייערע ענגלישע און פראַנצייזישע לעזער.

„ווען מיר הייסט עס געניסן פון אונדזער פרייהייט, און מיטגיין מיטן טאַטאַרישן מיליטער אַזש ביז קיין אָמסק, נישט אמת?" האָט געפרעגט בלאונט.

„מיר וועלן גיין אַזוי לאַנג מיט די טאַטאַרן, ביז מיר וועלן אָנטרעפן אויפן רוסישן מיליטער. כ'האָב גאָר קיין חשק נישט איינצולעבן זיך מיט די טאַטאַרן. כ'בין זיכער, אַז דער זייפנבלאָז פון דערדאָזיקער אינוואַזיע וועט פּלאַצן ביים ערשטן בלאָז פון רוסישן ווינט. דאָס איז אַ פראַגע בלויז פון צייט."

ביידע זשורנאַליסטן זענען דורך אָגאַרעוון באַפרייט גע־וואָרן, סטראָגאָוו האָט דערוואַרט דורך אים פאַרלוירן צוגיין. ער האָט זיך געשראָקן, אַז דער פאַרעטער וועט אים דערקענען, וועט זיך דערמאָנען אָן דער מחלוקת מיט אים אין אישים — און וועט נאָך פאַרשטיין, אַז דאָס איז ער דער צארישער קו־ריער. ער האָט באַשלאָסן שוין צו אַנטלויפן פון געפאַנגענלאַ־גער, ריזיקירנדיק צו ווערן נאָכגעיאָגט, אָדער שפּעטער גע־כאַפּט צו ווערן אין וועג. צום גליק האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אָגאַרעוו מיטן כאַן זענען אַוועקגעפאָרן קיין טאָמסק מיט אַ אוואַנגאַרד מיליטער. האָט ער באַשלאָסן דערווייל צו שלעפּן זיך מיט די געפאַנגענע ביז צו דערדאָזיקער שטאָט. דאָס האָט געדאַרפט דויערן דריי טעג. דערווייל איז די קאָמפּאַניע גע־פאַנגענע גרעסער געוואָרן מיט אַ גרופּע, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן דורך אָגאַרעוון און דורך די אויסשפּירער־אָפּטיילונגען די אומגליקלעכע האָבן זיך געשלעפּט אויסגעהונגערטע, געבראָטן אין דער זון, אונטערגעשטופּט מיט די קאָלבעס. ס'איז אויסגעקומען אדורכצומאַכן הונדערט און פופציק ווייאָרסט אויף שרעקלעכע

וועגן. פיל פון די געפאנגענע זענען אויסגעשטאָרבן. איבער־יאָגנדיק זיי אויף די פערד, האָבן זשאַליווע און בלאָונט גע־קוקט מיט צער אויף די מענטשן, וועמענס גורל זיי האָבן נאָר דורך אַ נס ניט מיטגעמאַכט ווייטער.

צווישן די געפאנגענע האָט זיך געפונען אַ אַלטיטשקע. ביים אָפּרוען איז זי געשטאַנען אומבאַוועגלעך און האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ סטאַטוע, וואָס דריקט אויס אומענדלעכע יסורים. טיילמאָל האָט סאַנגאַרא אַנגעשטעלט אויף איר אירע פייערדיקע אויגן. די אַלטע האָט ניט קיין פינטל גע־טון אפילו מיט אַן אויג. דידאָזיקע געפאַנגענע איז געווען מאַרטאַ סטראָגאָוו.

צווישן די געפאַנגענע האָט זיך אויך געפונען אַ יונג מיידל, זי איז געווען אַ זעלטן שיינע, מיט שוואַרצע טרויעריקע אויגן און מיט אַן אויסדריק פון ווירדיק איבערגעטראָגענע פיין אויף איר געזיכט. דאָס מיידל האָט זיך דערנענטערט צו דער אַלטיטשקער: זי האָט זי אונטערגעהאַלטן ביים גיין און געהאָלפן איר מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. האָט די אַלטע מאַרטאַ צו איר געפילט אַ דאַנקבאַרקייט און איז געוואָרן צו איר צו־געבונדן מיט איר צעווייטיקטער נשמה, דען זי האָט דערקענט אין מיידלס אומעט, אַז אויך איר פייניקט עפּעס אַ גרויסע זאָרג, וואָס איז שטאַרקער פון פיזישע ליידן.

דאָס מיידל איז געווען נאַדיאַ. זי האָט געליטן שרעקלעך פון געדאַנק, אַז איר פריינט איז פאַרלוירן געגאַנגען. זי איז געווען איינגאַנצן פאַרצווייפלט. צוזאַמען מיט דעם האָט זי פאַר־לוירן איר האָפנונג אַנצוקומען צום פאָטער.

ס'האָט איר שרעקלעך פאַרדראָסן, וואָס סטראָגאָוו האָט זיך ניט נוקם געווען אָן זיין באַליידיקער אין אישים. זי האָט געפאַנטאַזירט צו נעמען נקמה פאַר זיין באַליידיקונג, פאַר זיין

טויט. שטענדיק איז זיין געשטאַלט געשטאַנען פאַר איר. די ביידע פרויען האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז עס דערגענטערט זיי איין געדאַנק וועגן איין און דעמזעלבן געליבטן מענטש. ביידע האָבן אין געפאַנגענלאַגער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ באָבע מיט אַן אייניקל, און די געפאַנגענע האָבן זיך צו זיי באַצויגן מיט סימפּאַטיע.

אין די ערשטע טעג פון באַקאַנטשאַפט האָט מאַרטאַ גערעדט ווייניק מיט נאַדיאַ. זי פלעגט איר נאָר זאָגן: „זאָל דיר גאָט באַלוינען פאַר דיין גוטס, וואָס דו האָסט געטון פאַר אַזאַ אַלטע ווי איך!" מער האָט זי מורא געהאַט מיט איר צו רעדן. נאַדיאַ האָט די ערשטע איבערגעריסן ס'שווייגן מיט דערציילונגען וועגן איר גוטן און איידעלעם פאַרזאָרגער, כדי אויף אַזאַ אופן זיך אָפּצורעדן פון איר שווער געמיט. מאַרטאַ איז פון אירע רייד געוואָרן גערירט:

„דערציילשע מיר נאָך וועגן דאָזיקן גיקאָלאַי קאָרפּאַנאָוו. אָה! — דעמדאָזיקן נאָמען קאָן איך... אָ ווי טייער איז מיר אָט דער נאָמען! צי ביסטו זיכער, טאָכטער מיינע, אַז ער האָט געהייסן קאָרפּאַנאָוו?"

„פאַרוואָס האָט ער דען געזאָלט לייקענען?"

„דו זאָגסט, אַז ער האָט זיך פאַר גאָרנישט געשראָקן?"

„אָ, ער האָט נישט געוווּסט פון קיין שרעק!"

„אַזוי־ווי מיין זון" — האָט געקלערט ביי זיך די אַלטע.

„און ער איז געווען אַ שטאַרקער — וואָס פאַרלירט נישט דעם קאָפּ אין אַ געפאַר — און צוגלייך אויך מיט איידעלע געפילן?"

„ער איז פאַר מיר געווען אַ ברודער... אַ שוועסטער — אַ מוטער!"

„און האָט דיך פאַרטיידיקט ווי אַ לייב?"

„ווי אַ לייב!"

„מיין זון!" — האָט געזאָגט אין געדאַנק די אַלטיטשקע. „און פונדעסטוועגן האט ער פאַרשוויגן אין אישים אַ באַליידיקונג?"

„יאָ! אָבער פאַראכט אים נישט!" האָט מיט אַ ציטער ארויסגערעדט נאַדיא. „דעמאָלט גראד האב איך אים אמ-שטארקסטן באַוווּנדערט. עס איז אויף אים געלעגן עפּעס אַ ריזיקע געהיימע פליכט... ער איז דעמאָלט פּרעכטיקער געווען — ווי אַ אנדערש מאָל..."

„דאס איז געווען מיין זון!" האט זיך ארויסגעריסן פון דער אַלטערס קעל.

„דיין זון?!"

„צי האט ער דיר אמאָל דערציילט וועגן זיין מאַמען?"

„אָ, יאָ! ער האט זי געוואַלטיק ליב געהאט... נאר ער האט מיר געזאגט, אַז ער סאר זי נישט זעען איידער ער וועט דערפילן זיין שליחות."

איצט האט שוין מארטא אַלץ פארשטאַנען. זי האט שוין מער נישט געצווייפלט, אַז אירע אויגן האבן זי נישט אָפּגע-נאַרט, און דאָס, וואָס איר טייערער זון האָט זי פאַרלייקנט, האָט ער געטון לויט דער פאָדערונג פון זיין ריינעם געוויסן. און דעם הייליקן חוב זיינעם וועט זי הייליק אָפּהיטן, זי זאָל אפילו וויסן צו פאַרלירן ס'לעבן דורך די שרעקלעכסטע ענויים.

„כ'דאנק דיר, נאַדיאַ, פאַרן דאָזיקן שמואַל, וואָס דו האָסט געוואָרפן אין מיין אָרעם האַרץ. זיי מיר מוחל, וואָס כ'קאָן דיר מער וועגן דעם נישט זאָגן."

זי האָט מורא געהאט — אויס מורא פאַרן מיידלס מעג-לעכע אומפאָרזיכטיקייט — צו דערציילן איר, אַז סטראָגאָוו לעבט. זי האָט נאָר געלייגט האַנט אויף איר פריינדנס קאָפּ און געזאָגט:

„האָף, מיין קינד. דער רחמנותדיקער גאָט וועט געבן, אַז דו וועסט נאָך זעען דיין פאָטער, און אפשר אויך... דיין פריינט. גאָט קאָן אַ נס באַווייזן. דעמדראָזיקן טרויער טראָג איך יעט נאָך מיין זון".

א קלאפּ פאַר א קלאפּ

מאַרטאַ האָט אַ טרייסט געפֿונען. זי האָט שוין פֿאַרשטאַ־נען דעם זונס אויפֿפֿירונג אַנטקעגן איר. נאַדיאַ ווידער האָט געדאַנקט גאָט פֿאַרן דערגענטערן זי מיט דער מוטער פֿון דעם, וועמען זי האָט באַוויינט. ביידע האָבן אָבער איינס נישט גע־ווּסט: אַז סטראָגאָוו גייט מיט זיי צוזאַמען קיין טאָמסק אין דער זעלבער פּאַרטיע געפֿאַנגענע. מיכאַיל סטראָגאָוו, וואָס האָט זיך געפֿונען אין די ערשטע רייען צווישן די אָמשטאַרקסטן באַוואַכטע גרופּע, איז אויך גאָר אויפֿן געדאַנק נישט געקומען, אַז די צוויי פֿרויען, די נאָענטסטע צו זיין האַרצן, גייען מיט אים מיט אויף זיין דאָרנדיקן וועג.

איבער זיי האָט נישט איין מאָל געפּייפּט די בייטש. זיי האָבן אין זיך איינגעשלונגען געדיכטן שטויב, וואָס איז אויפֿ־געהויבן געוואָרן דורך דער פּאָרויסרייטנדיקער קאַוואַלעריע. זיי האָבן זיך געבראָטן אויף דער אומרחמנותדיקער היץ. די

סטאַציעס זענען געווען קורצע, געמאַרשירט האָט מען שנעל — האָבן הונדערט פּופציק וויאָרסט זיך אויסגעוויזן ווי אַ וועג אָן אַ סוף. די טויטע קערפּערס פון די געפאַנגענע האָבן געדיכט פאַרשיט דעם גרויסן סיבירער טראַקט.

מיכאַיל סטראָגאָוו האָט ווי ווייט מעגלעך צוגעגעבן מוט די אומגליקלעכע חברים זיינע. ער איז דערשינען אומעטום, וווּ ס'איז נויטיק געווען הילף, אַזוילאַנג ווי דעם קאַוואַלעריסטס שווערד האָט אים נישט ווידער געוויזן זיין אָרט אין די רייען. אַנטלויפן איז אוממעגלעך געווען. ער האָט זיך נאָר געטרייסט, אַז ער „רייזט אויפן עמירס רעכענונג ביז קיין טאָמסק."

דעם 15-טן אויגוסט איז די קאָמפּאַניע צוגעקומען צום שטעטל זאַבאַדיעראָ, דרייסיק וויאָרסט פאַר טאָמסק. דער וועג האָט זיך דאָ געצויגן מיטן ברעג פון טאָם. די דורשטיקע געפאַנגענע האָבן זיך געוואָרפן צום טייך נאָך וואַסער; אָבער די וואַך האָט זיי אָוועקגעיאָגט, מורא האָבנדיק, אַז עס זאָלן נישט אַנטלויפן די, וואָס קענען שווימען. סטראָגאָוו האָט געפּלאַנט דאָ צו אַנטלויפן, וואַרפנדיק זיך אין די ברויזעדיקע פאַליעס.

דאָס מיליטער האָט דאָ ביים ברעג אויפגעשטעלט דעם לאַגער אויף ביינאַכט. צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען געזאָלט זיך איינאָרדנען אין טאָמסק. פעאָפאַר-כאַן האָט צוליב דערדאָזיקער געשעעניש באַשטימט אַ יום-טוב. אָגאַרעוו האָט אים דערוויייל איבערגעלאָזט אין טאָמסק און צוריקגעקערט קיין זאַבאַדיעראָ כדי צו אָרגאַניזירן דעם מאָרגנדיקן אַריינמאַרש פון דער אַרמיי אין דער נייער הויפּטקוואַרטיר אין אַ אימפּאָזאַנטן אָרדנונג. די געפאַנגענע האָבן זיך פאַרמאַטערטע אַוועקגעלייגט איבערצושלאָפן די נאַכט.

נאַדיאַ האָט די אַלטע מאַרטאַ צוגעפירט צו אַ פליסנדיקן

קוואל. די אַלטע מאַרטא האָט אַנידערגעקניט, און סמודל האָט איר אָפּגעפּרישט ס׳פּנים מיט וואסער. דערנאָך האָט זי זיך אויך אַ ביסל אָפּגעוואַשן. די נאַכט איז געווען העל באַלויכטן פון אַ פולער לבנה.

זיי זענען צוריקגעגאַנגען. פּלוצלינג האָט נאַדיאַ אויסגע־דרייט איר קאָפּ. קענען איר ווילן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פון איר ברוסט. אנטקעגן איר איז געשטאַנען — מיכאַיל סטראַגאָוו.

ער האט אַ ציטער געטון... ער האָט זיי ביידע מאָמענ־טאַל דערקענט. נאר ער האט באַקעמפט זיין געריירטקייט. ער איז אָן אַ וואָרט אוועק. נאַדיאַ האָט אים געוואָלט נאָכלויפן — „מאַמע! דאָס איז ער! ער לעבט!"

„בלייב דאָ!" האָט זי מאַרטאַ איינגעהאַלטן. „איך — זיין מוטער — ריר זיך נישט פון אָרט. טו אַזוי ווי איך."

יענע נאַכט האט סטראַגאָוו איבערגעלעבט שרעקלעכע גיהנום־ליידן. צוויי אַזעלכע נאָענטע וועזנס זיינע געפינען זיך נעבן אים — און ער קאָן זיך צו זיי נישט דערנענטערן. אויב ס׳וועט זיך אים איינגעבן צו אַנטלויפן, וועט ער מוזן אוועק, נישט דריקנדיק זיינע טייערעס הענט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפרייט, וואס נאַדיאַס אויסגעשריי האָט נישט גורם געווען קיין אומגליק, נישט אים און נישט זיי!

ער האט אבער אַ טעות געהאַט. כאָטש יענע סצענע איז געווען אַזאַ קורצע, איז זי פונדעסטוועגן נישט פאַרביי אומבאַ־מערקט פאַר די אויגן פון סאַנגאַראַ־שפּיאָן. אמת, זי האט נישט געקענט דערבליקן דעם געפאַנגענעם, וואס האט זיך האַס־טיק אוועקגעדרייט און פאַרשוונדן, אבער זי האט באַמערקט די מוטערס איינסטינקטיוון ציטער און דעם בליץ אין אירע אויגן. די ציגיינערן האָט שוין איצט קיין שום ספק נישט גע־

האַט, אַז דער צאַרישער קוריער, די אַלטעס זון, געפינט זיך צווישן די געפאַנגענע. זי האָט געוווּסט, אַז די ווייטערדיקע שפּיאָנירונג וועט אים נישט קענען אַנטדעקן.

א צען מינוט שפּעטער האַט זי אַנגעקלאַפּט אין הייזל, וווּ אַגאַרעוו האַט געוווינט.

„וואָס ווילסטו, סאַנגאַרא?" האַט ער געפרעגט, אַרויסגיי־ענדיק אין דרויסן.

„מאַרטאַס זון געפינט זיך דאָ אין לאַגער."

„א געפאַנגענער?"

„א געפאַנגענער."

„האסט אים געזעען?"

„ניין. כ'האָב אָבער געזעען ווי די מוטער האַט זעענדיק אים א ציטער געטון."

„ביסט אין דעם זיכער?"

„כ'בין זיכער".

„אָבער אין לאַגער געפינען זיך טויזנטער געפאַנגענע, טאָ וויאַזוי וועסטו אים דערקענען?"

„איך וועל אים נישט דערקענען... אָבער — די מוטער..."

„זי וועט נישט זאָגן!"

"דאַרף מען מאַכן, אַז זי זאָל יאָ זאָגן."

„כ'פאַרשטיי דיך! מאָרגן וועט זי רעדן."

זי האָט גענומען זיין האַנט און אונטערטעניק, ווי א שקלאַף, זי א קוש געטון.

די לבנה איז אונטערגעגאַנגען. אויסניצנדיק די פינסטער־ניש, האָט סאַנגאַראַ זיך אַריינגערוקט צווישן די געפאַנגענע און געלייגט זיך נאָענט נעבן מאַרטאַן און נאַדיאַן, כדי אויסצו־הערן זייערע געשפּרעכן. דען דיביידע פרויען זענען פון גרויס געריטקייט נישט געשלאָפן, נאָר אויס פאָרזיכטיקייט

האָבן זיי פונדעסטוועגן צווישן זיך נישט גערעדט גאָרנישט. דער ציגײַנערן האָט זיך גאָרנישט אײַנגעגעבן עפּעס אויפצוכאַפּן.

צומאָרגנס, דעם 16־טן אויגוסט, האָבן די פּאַנפּאַרן אויפגעוועקט דעם לאַגער גלײַך ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. די עלנער האָבן, ווי זייער שטייגער, געכאַפּט זיך צום געווער. איוואַן אָגאַרעוו איז אין שפּיץ פון אָפיצירן אַרײַנגעריטן אין מיטן לאַגער. סטראָגאָוו האָט פון הינטער די פּלייצעס פון אַנדערע געפאַנגענע בעזעען זײַן געזיכט. ס'איז אויף דעם געלעגן עפּעס אַ שאָטן פון אומעט און ס'האָט אויסגעדריקט אַ ווילדערן צאָרן, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט עס צום ערשטן מאָל געזען. סטראָגאָוס האַרץ האָט זיך אַ קורטשע געטון פון שלעכטן פאָרגעפיל.

אָגאַרעוו איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד און געשטעלט זיך אין סאַמע צענטער פון לאַגער, אַרומגערינגלט פון די הויכע טאַטאַרישע מיליטערלײַט. סאַנגאַרע האָט זיך אַדורכגעשטיפּט צו אים און געזאָגט שטיל: „קיין נײַס, זיי האָבן געשוויגן.” ער האָט נישט אפילו קיין פינטל געטון מיטן אויג — און באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דעם וואַן־אָפיציר.

באַלד האָבן אָנגעהויבן פאַרבײַגיין מאַסן געפאַנגענע, געשטופּטע צום פּלאַץ מיט בײַטשן און שווערדן. אַ פירפאַכער קאָרדאָן פון רײַטער האָט זיי אַרומגערינגלט. אַרויסקריגן זיך פון דאַנען איז געווען אַ אוממעגלעכע זאַך.

אַ שטילשווײַגן. אַ נײַער צייכן פון אָגאַרעוון. סאַנגאַרע דערנענטערט זיך צו מאַרטאַן. די אַלטיטשקע האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס עס דאַרף פאָרקומען. אַ שמייכל פון פאַראַכטונג האָט אַדורכגעשוועבט אויף אירע פאַרוועלקטע ליפּן. זי האָט זיך צוגעבויגן צו נאַדיאַן און איר אײַנגערוימט:

„קאָנסט מיך נישט! ווען זיי זאָלן מיר אפילו די גרעס־

טע ליידן אַנטון – וועל איך פאַרעקשנט שווייגן, עס האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן מיר – נאָר וועגן אים!"

סאַנגאַרא האָט אָוועקגעלייגט אַ האַנט אויף דער אַלטערס אַקסל:

„קום!"

מאַרטא שטייט שוין פאַר אַגאַרעוון. איר זון האָט אַראָפּ-געלאָזט די אויגן, כדי זיך נישט אויסצוגעבן דורכן פייערל, וואָס האָט אין זיי געברענט. די אַלטע האָט פאַרלייגט אירע הענט אויף דער ברוסט.

„דו ביסט סטראָגאָווס מוטער?" האָט זיך אָנגערופן צו איר איוואַן אַגאַרעוו.

„יאָ."

„געדענקסט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט מיט דריי טעג צוריק אין אָמסק?"

„ניין."

„אַז דו ווייסט נישט צי מיכאַיל סטראָגאָוו, דער צאַרי-שער קוריער, געפינט זיך אין אָמסק; אַז דו האָסט אים נישט געזען אויף דער פּאָטשטסטאַציע."

„כ'ווייס נישט, כ'האָב נישט געזען."

„און האָסט אים אויך נישט געזען צווישן די געפאַנגענע?"

„ניין."

„אָבער ווען איך זאָל אים דיר ווייזן – וואָלסטו אים דערקענט?"

„ניין!"

א שטילער רויש האָט זיך אדורכגעטראָגן צווישן די פּאַרי-זאַמלטע ביי דעמדאָזיקן אומגעריכטן ענטפער. אַגאַרעוו האָט איינגע-האַלטן זיך נישט אויפצוהייבן קעגן מאַרטאַן א דראָענדיקע האַנט.

„הער אויס, מאַרטא סטראָגאָוו, ס'וועלן איצט פאַר דיר

פארבייגיין אלע געפאנגענע, וואָס זענען גענומען געוואָרן פון אָמסק ביז קאַליוואַן, און אויב דו וועסט נישט דערקענען דיין זון — דערוואַרט דיך דער קאַנטשוק !"

אָגארעוו האט פארשטאנען, אז די פארעקשנטע מוטער וועט איר זון נישט אויסגעבן. נאָר ער האָט אויסגעקוקט עפעס א גערנוויליקן זשעסט פון זון — עפעס א אינסטינקטיוון ציטער, מיט וועלכן דערדאָזיקער וועט זיך אליין פאראטן. וואָס אן אמת, ער וואָלט געקאָנט הייסן רעווידירן אלע געפאנגענע. אָבער דעמאָלט וואָלט סטראָגאָוו געווען פארניכטעט דעם צארס בריוו. צוויטנס, ווען ס'זאל זיך אים איינגעבן צוצוקומען ביז אירקוצק, וואָלט ער דאך אליין געווען א רעדעוודיקער בריוו. ס'איז נייטיק געווען צו האלטן אין די הענט דעם שליח אליין, אפילו אָן בריוו. נאדיא האט דאס אלץ צוגעזעען און צוגעהערט; זי האט איצט שוין פארשטאנען וואס פאר א וויכ- טיקע פליכט עס איז געלעגן אויף איר פריינט.

פאַר מארטאָן זענען פארבייגעגאנגען רייען געפאנגענע. זי איז געשטאנען אזויווי א סטאטוע. אפילו איין מוסקול האט אויף איר פנים נישט קיין ציטער געטון. איר זון איז געגאנ- גען אין די לעצטע רייען. נאדיא האט פארמאכט די אויגן, כדי נישט צו קוקן.

סטראָגאָוו איז געגאנגען פארביי דער מוטער גלייכגיל- טיק און רויק. קיינער האט נישט געזעען, ווי זיינע האנט- פלאכן האבן געבלוטיקט, ווייל ער האט אין זיי זיינע נעגל אריינגעשניטן, כדי אַזויארום צו דערהאלטן זיין אויסערלעכע רויקייט!

אגארעוו איז באזיגט געוואָרן — דורכן זון און דורך דער מוטער!

„אויסגעצייכנט!" האָט ער צאָרנדיק אויסגעשריגן, „שמייסן

זאָל מען דידאָזיקע מכשפה, ביז וואַנען זי וועט דעם לעצטן אָטעם נישט אַרויסלאָזן!"

א טאַטאַרישער זעלנער איז צוגעקומען מיט אַ קאַנטשוק. די מעטאַלענע קיילעכלעך, וואָס זענען צוגעטשעפּעט געווען צו די לעדערנע רימענס האָבן געהאַט די ווירקונג, אַז צוואַנציק שמיץ האָבן באַדייט דאָס זעלבע וואָס טויט־שטראָף. מען האָט די אַלטע אָוועקגעשטעלט אויף די קני, אָפּגעדעקט איר די פּלייצעס און צוגעבונדן איר די הענט אויף הינטן. מען האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד אַ שווערד איינגעבויגן פּונקט קעגן איר ברוסט אַזוי, אַז ביי איר מינדעסטן איינבייגן זיך פון ווייטאָג, האָט די שאַרף זי געמוזט אַדורכשטעכן. מאַרטאַ האָט געוווּסט, אַז עס דערוואַרט זי דער טויט. נאָר זי האָט אויף אים רויק געוואַרט.

דער זעלנער מיטן קאַנטשוק האָט געוואַרט אויף א צייכן

„שמייס!" האָט א קאָמאַנדע געגעבן אַגאַרעוו.

דער קאַנטשוק האָט א פייף געטאָן אינדערלופטן. נאָר איידער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, האָט עמעצנס האַנט פּאַר־האַלטן דעם תליונס אָרעם.

מיכאַיל סטראָגאָוו האָט דעמאָלט איבערגעטראָגן יענעם קלאַפּ, וואָס איז געפאַלן אויף זיין פּנים. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין כוח איבערצוטראָגן דעם קלאַפּ, וואָס האָט געדראָט זיין מוטער.

„מיכאַיל סטראָגאָוו!" האָט אָגאַרעוו אויסגערופן מיט ניצחון.

„אַך! אַ באַקאַנטער פון אישים!" האָט ער צוגעגעבן דער־נענטערנדיק זיך צו אים.

„אמת טאַקי! — און דיין בעל־חוב!" האָט סטראָגאָוו גע־ענטפערט, און — אַרויסרייסנדיק פון טאַטאַרס האַנט דעם קאַנ־

טשוק — האָט ער אַ פעסטן שמיץ געטון אָגאַרעוון אין דער באַק אַריין. דאַביי האָט ער אויסגערופן:

„אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ!“

„פיין באַצאָלט!“ האָט אויסגערופן עפּעס אַ שטים פון דער מאַסע.

צוואַנציק זעלנער האָבן זיך געוואָרפן אויף טטראָגאָוון, וועלנדיק אים דערהרגענען אויף אָן אָרט; נאָר איוואַן אָגאַרעוו, אַ געשריי טוענדיק פון ווייטיק און שרעקלעכן צאָרן, האָט זיי מיט אַ האַנטבאַוועגונג צוריקגעהאַלטן.

„דערדאָזיקער מענטש וועט איבערגעגעבן ווערן צום עמירס משפּט!“

ביים רעווידירן האָט מען בײַ סטראָגאָוון צוגענומען דעם בריוו.

דער, וואָס האָט געליבט דעם „גוט באַצאָלטן קלאַפּ“, איז געווען זשאָליווע. ער און בלאונט האָבן צוגעזען דידאָזיקע גאַנצע סצענע.

„ס'האָט זיך דאָ שיין פאַרענדיקט די אישימער אוואַנטורע“, האָט דער פראַנצויז געזאָגט צו זיין קאָלעגע. „דידאָזיקע רוסישע באַרבאַרן פאַרמאָגן אין זיך אַזעלכע זשעסטן, וואָס מוזן פאַרווונדערן די מערב-פעלקער“.

„דאָס איז נאָך נישט דער סוף!“ האָט אומעטיק אָפּגעענטפערט דער ענגלענדער, און באַלד האָט ער צוגעגעבן:

„דער סוף וועט ערשט קומען. סטראָגאָוו איז אַ פאַרורטיילטער צום טויט. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט מישן.“

„און לאָזן די מוטער שמייסן?“

„איר מיינט, אַז ער האָט אָפּגעראָטעוועט די מוטער...

און אויך די שוועסטער?“

„פונדעסטוועגן וואָלט איך אויך נישט אַנדערש געהאַנדלט.

אַזאַ שאַנדצייכן אויף דעם פאַרעטערס פּיסק! און ווידער, מען האָט דאָך אין די אָדערן נישט קיין וואַסער, נאָר בלוט!"

„פּעדנפאַלס איז עס אַ פּרעכטיק אַרטיקל פאַר דער צײַטונג", האָט בלאַונט געזאָגט. „אַ שאָד נאָר וואָס סטראַגאָוו האָט אונדז נישט אָפּגעגעבן דעמדאָזיקן בריוו".

אפּווישנדיק ס'בלוט פון דער באַק, האָט אָגאַרעוו אָפּגעבראָכן די חתימה פון בריוו. ער האָט אים שטאַרק פאַרטון געלעזן, ווי ער וואלט וועלן איינקריצן דעם אינהאַלט זיינעם ביי זיך אין מוח.

סטראגאָוו איז אונטער אַ שטאַרקע וואך אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טאָמסק. דאָרט אהין איז אויך אוועק אָגאַרעוו אין דער שפּיץ פון דער ארמיי. ס'האָבן געשאַלט די טרומייטן, ס'האָבן געפויקט די פויקן. די אַרמיי האָט מיט אַ פּאַראַד-מאַרש געמאַרשירט פאַרן געזיכט פון העכסטן מיליטער־אָנפירער.

דער ניצחונדיקער אריינמאַרש

טאָמסק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1604 כמעט אין האַרץ פון אַזיאַטיש רוסלאַנד, איז איינע פון די באַדייטנדיקסטע סיבירישע שטעט. זי געפינט זיך בײַם הויפּט־טראַקט, וואָס פירט פון אירקוצק ביז קיאַכטאַ וואָס בײַ דער כינעזישער גרענעץ. טאָמסק ליגט בײַם טײַך טאָם, אויף די רוקנס פון באַרגיקע שטחים, וואָס זענען אַ אָפּצווײַגונג פון די אַלטײַער בערג, אין וועלכע ס׳געפינען זיך אוצרות פון גאָלד, זילבער, קופּער, אײַזן, בלײַ, קוילן, גראַניט, יאַספּיס א. אז. וו. דידאָזיקע שטאָט פון. סוחרים און אינדוסטריעלער קאָנקורירט מיט איר לוקסוס מיט די אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט. וועגן אויסזען פון דערדאַזיקער שטאָט האָבן די צוגערייזטע פאַרשידענע מיינונגען; אייניקע רעדן וועגן איר מאַלערישער לאַגע, אַנדערע ווידער — וועגן דער שמוציקייט און שיכרות, וואָס הערשט אין איר. יעדנפאַלס איז זי אין דער צײַט פון דער טאָטאַרישער אינוואַזיע

געווען שרעקלעך מיאוס, זי איז אינגאַנצן געווען צעשטערט און אויסגעליידיקט דורך די באַרבאַרישע האָרדן.

פונדעסטוועגן איז ווערט צו באַשרייבן די שיינקייט פון דער קבלת-פנים-פייערונג, וואָס דער עמיר האָט איינגעאָרדנט פאַר זיין זיגרייכער אַרמיי.

דער געביט פארן דאָזיקן פאראד איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ שיין אָרט אויפן רוקן פון אַ גרין בערגל, אונטער די שאָטנס פון סאָסנעס און צעדערן, אינדערמיט פון מאלעריש צע-זייטע אין אַ קרייז פרעכטיקע בנינים און מיט קופּאָלן באַקריינטע צערקוועס. אויף אַ הויכע טעראסע האט מען אויפגעשטעלט אַ אימפּראָוויזירטן פאלאץ אין סטיל פון האלב-טאטאריש, האלב-מויריטאניש. דאָס איז געווען א לאָזשע פאַרן כאן און זייגע הויפלייט, פארשידענע מיליטערלייט, פאָרשטייער פון פארבינ-דעטע העושער, צוזאמען מיט זייערע הארעמס.

צווישן עולם האָבן זיך אויסגעצייכנט פארשידענע טראכטן און געזיכטסשטריכן. אָריענטאלישע קאָסטיומען, באהאָנגענע מיט אַ גרויסע מאסע גאָלד, פון אַ מאָדנעם שניט, פארשידנפארביקע, לאנגע מיט שלעפּעס און קורץ-אונטערגעהאקטע, און דעקאָל-טירטע ביי דער ברוסט און די אקסלען. פארשידענע טורבאנען-איידלשטיינער, בראַנזאָלעטן, און אוירינגלעך אפילו אין די אויערן פון די מענער. ווי-נישט-ווי האָט מען אויך באַמערקט פארשלייערטע דאמען, אָנגעקליידטע אין שווערע האפטן און שפּינוועבסדיקע שטאָפן. באצויבערנדיקע אויגן מיט בלאַנקעדיקע ווייסע ציינדלעך, וואָס האָבן באצירט די צארטע פרויען-געזיכ-טער, האבן זיך אָפּגעשלאגן פון די שטרענג-פאריסענע און שטאָלצע אויגן מיט די שארפע שטריכן פון די מענער-געזיכ-טער. און דא דערנעבן — מיאוסע פיסקעס פון ווילדע, וואס דערוועקן אַ ציטער און אַן עקל. דאס פארשידנארטיקע געוועור

באפוצט מיט רייכע אָרנאַמענטן, האָט פאַרשטאַרקט דעם כּישופֿ־דיקן רייץ פֿון אַלגעמיינעם בילד.

אונטן האָבן זיך געפּאַקט די נידריקע מיליטערלייט און אַ ציווילער עולם, וואָס איז געקומען צוקוקן צום ניצחון־פּייערונג פֿון די נייַע הערשער פֿון דערדאָזיקער שטאָט, — דאָס איז געווען אַ אומבאַשרייַבלעכער געמיש פֿון טיפּן. מען האָט דאָ געקענט זען פֿרעמדע פֿון מאַנדזשוריע, בוכאַרע, פּערסיע, כינע, טורקעסטאַן. בלויז סיביריאַקן האָבן דאָ געפֿעלט. אויף וויפֿל זיי האָבן נישט קיין צייַט געהאַט צו אַנטלויפֿן, זענען זיי געווען פֿאַרשלאָסן אין די הייַזער, ציטערנדיק ביים געדאַנק וועגן ראַבירן, וואָס קאָן זיך אָנהייבן נאָך דער פּייערונג מיט דער דערלויבניש פֿון עמיר.

דאָס מיליטער האָט געמאַכט אַ דעפּילאַדע פֿאַר פּעטאָפּאַר־כאַנען, וואָס איז געזעסן אויף אַ פֿערד, אויף וועמענס קאָפּ ס׳איז געווען אָנגעהאַנגען אַ זייער גרויסער דימענט. נאָך דער דעפּילאַדע איז פּעטאָפּאַר אַראָפּגעשטיגן פֿון פֿערד און אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער טעראַסע. אים אַנטקעגן איז אַרויסגעגאַנגען אין פּרעכטיקע קיניגלעכע קליידער זייַן ערשטע פֿרוי פֿון הערעם. דאָס איז געווען אַ פּערסיאַנערין, אַ בילדשיינע, מיט אַ אָפּגעדעקט געזיכט, קעגן דעם מאַכמעדאַנישן דין, נאָר אין הסכּם מיטן קאַפּריז פֿון איר מאַן און געביטער. זי האָט פֿאַרנומען אַן אָרט אין דער לאָזשע ביי דער זייַט פֿון כאַן.

דעמאָלט האָבן זיך אַרומגעזעצט אויף די קלענערע כאַנען און הויכגעשטעלטע לייַט אין אַ האַלבן קרייַז אַרום אַ טישן אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דאָס אָפֿענע בוך פֿון הייליקן קאָראַן.

איוואַן אָגאַרעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר דעם כאַנס לאָזשע. ער איז אַראָפּגעשטיגן פֿון פֿערד און אַרויף אויף דער טעראַסע. ער איז געגאַנגען אין דער שפּיץ פֿון אַ גרופּע אָפֿי־

צירן. ער האָט איצט געטראָגן אַ טאַטאַרישן אוניפאָרם. אויפן געזיכט איז אים נאָך פאַרבליבן דער בלוטיקער שטרייף פון אינדערפרי. עמעצער פון המון האָט שטיל אַ זאָג געטון: „דער שטרייף" — און דערדאָזיקער צוגאָמען איז פון אַלע אָנגענומען געוואָרן מיט אַ שטילע הסכּמה. פעאָפּאַר־כאַן האָט מיט אַ קאַל־טער גדלות פון אַ אָריענטאַלישן דעספּאָט געענטפערט אויף אָגאַרעווס באַגריסונג.

זשאָליווע און בלאונט זענען געווען אנטציקט פון כאנס פארשטיין וויאזוי צו פארהאלטן זיך אין מאיעסטעטישער גדלות. דיביידע האָבן זיך געפונען צווישן גרויסן עולם צוקוקער.

דע זעענדיק דעם פארעטער, האט זיך זשאליווע מיט פאר־אכטונג אוועקגעדרייט און האט געזאגט צו בלאונטן, א שטיי־גער ווי ער וואלט זיך געפונען אין טעאטער:

„טייערער קאלעגע! דערדאָזיקער פּראָלאָג עקלט מיך. מען האט באדארפט אהערקומען נאכן אויפהייבן די קורטינע... צום באלעט ביים סוף."

„וואס פאר א באלעט?"

„ס'וועט זיכער געגעבן ווערן א באלעט!" האט געזאגט זשאליווע, צולייגנדיק א לאָרנעטע צו די אויגן, ווי ער וואלט געזוכט די „פרימאבאלערינע פון פעאפאר־כאנס טעאטער."

נאר פריער האט זיך נעמוזט אפשפילן די שוידערהאפט. טיקע סצענע פון דערגנידריקן די באזיגטע. פארן כאן האבן באדארפט פארבייגיין די מחנות געפאנגענע, געטריבן מיט בייטשן, איידער זיי וועלן ווערן איינגעזעצט אין די שטאטישע תפיסות.

אין די ערשטע רייען איז געגאנגען מיכאיל כטראגאוו, וואס איז באזונדערס שטארק באוואכט געווען דורך א ספעציע־לע מיליטער־אפטיילונג. נאך אים זענען געגאנגען די מוטער

מיט נאדיאן. די אלטע האט געציטערט פארן גורל, וואס דער־
ווארט איר זון. זי האט גוט געוווּסט, אז אויב אגארעוו האט
נישט באלד געטייט איר זון, האט ער עס געטון דערפאר,
וואס ער האט געהאַפּט אויף א שווערערע שטראף פון דער
אזיאטישער געדעכטיקייט פאר זיין באליידיקער. די מוטער מיטן
זון האָט מען נישט געלאָזט אַ רגע זיין אין דער נאַנט
און רעדן צווישן זיך אַ וואָרט. און ווי שטארק האָט זי באַ־
גערט צו בעטן ביי אים פארצייונג פאַר איר אומפאַרזיכטיק
ארויסברעכן מיט איר מוטערלעך געפיל צו אים! סטראָגאָוו ווי־
דער האָט געציטערט ביים געדאַנק, אַז מען פירט נאָך אים זיין
מוטער, כדי זי זאָל זיך מיטפייניקן מיט זיין פיין — אפילו בלויז
מיט איר מוטערלעך הארץ. און נאדיא האָט נאָר געקלערט
איינס: וואָס עס זאָל איצט נישט געשעען — מוז זי זיך פאַר־
האַלטן אויסערלעך רויק, כדי צו בלייבן לעבן אין דער צו־
קונפט, ווען זי וועט געפונען די געלעגנהייט נקמה צו נעמען
פון דאָזיקן פארעטער.

די ערשטע געפאַנגענע האָבן אָנגעהויבן פאַרבייגיין פאָרן
כאַן. יעדער פון זיי האָט געמוזט פאַלן צו דער ערד און דעם
שטערן אַריינשטעקן אין זאמד, אַלס צייכן פון אונטערטעניקייט.
די פארעקשנטע האָבן די וואך־זעלנער צוגעבויגן דעם נאַקן צום
זאמד.

„דאָס איז געמיין! לאָמיר אוועק פון דאַנען!" האָט זשאָ־
ליוועט געזאָגט אין אויפרעגונג.

„ניין! דער חוב פון אַ זשורנאַליסט איז אַלץ צו זען,
כדי ער זאָל קענען אַלץ דערציילן, כדי אַלדאָס בייז זאָל דער־
ווייטערטווערן פון לעבן," האָט געענטפערט בלאָונט.

„קוק!" האָט פּלוצלינג זשאָליווע אַ געשריי געטון. „דאָס
איז זי... זיין שוועסטער. מיר מוזן זי אַרויסראַטעווען."

„מיט אונדזער אַריינמישן זיך קענען מיר נאָך ברענגען איר אַ שאָדן.“

פאַרשטעלנדיק זיך ס׳געזיכט מיט די האָר, איז נאַדיאַ שנעל פאַרביי דעם כאַן, און אַזוי האָט זיך איר איינגעגעבן אויסצומיידן דאָס בוקן זיך פאַר אים צו דער ערד.

מאַרטאַ איז פאַרבייגעגאַנגען אויסגעגלייכט. פון הינטן האָבן די זעלנער איר ברוטאַל אַ שטויס געגעבן. זי איז אַני־דערגעפאַלן. מיכאיל האָט געמאַכט אַ דראָענדיקע באַוועגונג, באָר די וואַך האָט אים גלייך צוריקגעהאַלטן. די אַלטע האָט זיך אויפגעהויבן — און די זעלנער האָבן זי אונטערגעשטופּט זי זאָל גיין ווייטער.

„זאָל זי דאָ בלייבן!“ האָט אָנאַרעוו באַפוילן.

איצט איז פאַרן כאַן פאַרבייגעגאַנגען סטראָגאָוו.

„מיטן שטערן צו דער ערד!“ האָט אַ געשריי געטון אָגאַרעוו.

„ניין!“ האָט סטראָגאָוו געענטפערט.

צוויי זעלנער האָבן אים געוואָלט איינבייגן דעם נאַקן. אָבער ער האָט זיי ביידע מיט איין מעכטיקן שטויס אַנידער־געוואָרפן אויף דער ערד.

„וועסט שטאַרבן!“ האָט געשריגן צו אים אָגאַרעוו.

„וועל איך שטאַרבן! אָבער דיין געמיין פּרצוף וועט ביזן טויט אַריין טראָגן דעם צייכן פון בייטש, דו פאַרעטער!“

אָגאַרעוו איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן. דער כאַן האָט אים קאַלט געפרעגט:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש?“

„אַ רוסישער שפּיאָן!“ האָט אָגאַרעוו געענטפערט, זייענ־דיק זיכער אין דער געהעריקער ווירקונג פון דערדאָזיקער באַ־שולדיקונג.

עטלעכע זעלנער האָבן צוגעהאַלטן סטראָגאָנוון, וואָס האָט
זיך געריסן צום פּאַרעטער מיט אַ געוואַלטיקן צאָרן.

דער כאַן האָט אָנגעוויזן אויפן בוך פון קאָראַן. ס'איז
צווישן דער מאַסע געוואָרן אַ באַוועגונג, ווייל אַלע האָבן פאַר־
שטאַנען דעם ערנסט פון דעמדאָזיקן מאָמענט. אַללאַה אַליין
האָט געזאָלט ארויסגעבן אַ שטראָף. דאָס הייסט, אַז דעם עמירס
פינגער וועט אָנרירן אויפן בלינדן טראַף אַ פּסוק פון קאָראַן,
וואָס וועט דורכן הערשער ווערן אויסגעטייטשט.

אַ הויכער מאַכמעדאַנישער גייסטלעכער האָט דעם פּסוק,
כאַנס פינגער, הויך איבער־
וואָס איז געוואָר
בעלעזן:

„און ער וועט מער נישט זעען קיין זאַך אויף דער ערד".

„רוסישער שפּיאָן!" — האָט דער כאַן געזאָגט — „ביסט
געקומען זעען, וואָס עס טוט זיך אין טאַטארישן לאַגער. נו,
מאַך־זשע אויף דיינע שליפּיעס — און קוק!

מאך אויף די אויגן!

„מאַך אויף די אויגן!“

איוואַן אָגאַרעוו, וואָס האָט געקענט די טעאַטראַלישע מנהגים, האָט פאַרשטאַנען דעמדאָזיקן פּירוש צום איבערגעליינטן פּסוק. און דערפאַר האָט אַ גיפטיקער שמייכל אויסגעקרומט אויף איין מאָמענט זיין פּנים.

ער האָט פאַרנומען אַן אָרט נעבן כאַנס טראָן, געדולדיק וואַרטנדיק אויף דער עקזעקוציע.

סטראָגאָנאָוס מוטער איז צוגעפאַלן צו דער ערד זייער דערשלאָגן, נישט האָבנדיק קיין כּוח צו הערן אָדער זען:

די טרומייטן האָבן געגעבן אַ סיגנאַל, אַז די פאָרשטעלונג הייבט זיך אָן.

„אָט איז דער באַלעט!“ האָט זשאָליווע באַמערקט. „די־דאָזיקע באַרבאַרן גיבן אים, קעגן פּרינצים, פאַר דער דראַמע“.

מיכאיל סטראָגאָוו, אַ געשמידטער אין קייטן, האָט דער־האַלטן אַ באַפעל צוצוקוקן. און ער האָט געקוקט.

אַזוי ווי אַ וואָלקן האָבן זיך טענצערנס אין אָריענטאַלישע וואָלן אַריינגעריסן אויפן פּלאַץ. ס'האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ אָרקעסטער, וואָס איז באַשטאַנען פון אויסטערלישע אָריענטאַלישע אינסטרומענטן: דוטאַרעס, קאָבזעס, טשיביזגן און טאַם-טאַמען. עס האָבן אָפּגעקלונגען די האַלב-טענער פון אַ אָריגינעלע מוזיק. די דיסאָנאַנסן האָבן געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע האַרמאָניע. די מוזיק איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ כאָר מיט אַ בייגעזאַנג פון האַלדזשטימען. אויסער דעם האָבן געקלומפּערט האַרפעס און מאַנדאָלינעס פון אַ אַנדערן מין, ווי די אייראָפּעישע.

און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די טענץ. די טענצערנס זענען נישט געווען קיין געפאַנגענע, נאָר פאַרשיקטע פּערסיאַנערנס. פאַרשיקט ווערנדיק פון טעהעראַן, צוליב דער שטרענגקייט פון זיטן אין נייעם מאָנאַרכישען הויף, האָבן זיי זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכן זייער גליק. זיי זענען געווען געקליידט אין גרויסאַרטיקע נאַציאָנאַלע קליידער, וואָס האָבן געפינקלט מיט פּערל, מיט זילבערנע און גאָלדענע לענטעס און בריליאַנטענע קלאַמרעס. אויף זייערע פּורפּורענע גירטלען זענען געווען אויסגעהאָפטן פּסוקים פון קאָראַן... זייערע געזיכטער זענען געווען אָפּגעדעקט, נאָר ביי דער גראַציעזקייט פון טאַנץ זענען זיי געוואָרן פאַרהילט מיט אַ גאַנצע צוגלייך מיט זייער גאַנצער שלאַנקער פיגור. אָט האָבן זיי זיך גרופּנווייז געבויגן נידריק צו דער ערד, אָט האָבן זיי אויסגעשפּרייט די הענט צום הימל מיט אַ שפּרונג, אַזוי ווי זיי וואָלטן אויסגעדריקט זייער באַגער צו פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די הוריסן אין מאַכמעדס גן-עדן...

הינטער סטראָגאָוון איז געשטאַנען דעם כאַנס תּליון מיט אַ גרויסע שווערד אינדערהייך און האָט דעם פאַרמשפּטן דערמאָנט פון צייט צו צייט די שטראָפרייד:

„מאַך אויף די אויגן און קוק!‟

דערווייל האָבן דינער געבערענגט אַ דרייפוס, אויף וועלכן ס'האָבן געטליעט רויכלאָזע קוילן. ס'האָט זיך פון זיי געטראָגן אַ ריח פון ווייררויך.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ציגיינערישער באַלעט. זשאַ־ליווע האָט דערקאָנט אין זיי יענע וואַנדערנדיקע טרופּע פון גיזשני. ער האָט איינגערוימט בלאָנטן אויפן אויער:

„די אויגן ברענגען דידאָזיקע ציגיינערנס מער פאַרדינסט, ווי זייערע פיס!‟

אויך סטראָגאָוו האָט דערקענט די אָנפירערן פון דידאָ־זיקע גרופּע שפּיאָנען: סאַנגאַראַן. זי האָט אויסגעזען שטאָלץ און ערנסט אין איר נאַציאָנאַלע יום־טובדיקע קליידער, וואָס האָבן זי נאָך פיל שענער געמאַכט. זי האָט נישט געטאַנצט אַליין. זי האָט מיט פלינקע באַוועגונגען פון איר שיינער פיגור. אויסגעפירט מימישע סצענעס אינדערמיט פון אַ קרייז טענ־צערנס, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די אָריגינעלע טיפּן פון ציגיי־נערנס פון דער גאַנצער וועלט. צימבלען, קלומפּערלעך און טאַמבורינען האָבן געוועקט דעם חשק צום טאַנצן ביי דידאָזי־קע אמתע קאַריבאַנטן. דערנאָך איז אַרויסגעטרעטן אַ פּופּוליע־ריקער ציגיינער און האָט אָנגעהויבן זינגען אַ לידל מיט אַ אויסטערלישן ריטם, קלאַפּנדיק דערביי צום טאַקט אויף צוויי קלינגעדיקע סטרונעס פון זיין דוטאַרע. די טענצערנס האָבן אים אַרומגערינגלט אין אַ טאַנצעדיקן קראַנץ.

פון עמירס הענט, און נאָך אים אויך פון די הויכע־לייטס הענט, האָט זיך אַ שאָט געטון אַ אמתער רעגן פון גאָלד און זילבער.

„אַ וווּנדערלעכער גנבישער רעגן!‟ האָט זשאַליווע שטיל באַמערקט.

דאָסדאָזיקע געלט איז אינדעראמתן געווען פון רויב, דען אויסער טאַטאַרישע טאָמאַנען און צעקינען, האָבן זיך אויך געשיט מאָסקווער דוקאַטן און רובלס.

די אַלץ מער טרוקענע שטים פון תּליון האָט הינטער סטראָגאָווס פּלייצעס איבערגעחזרט די ווערטער: „עפן אויף די אויגן און קוק!"... נאָר דער אויספירער פון אורטייל האָט שוין איצט די שווערד נישט געהאַלטן אין דער האַנט...

דערווייל האָט זיך די זון געזעצט. די טונקלקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד. אויפן פּלאַץ זענען אָנגעקומען הונדערטער קנעכט מיט פּאַקלס אין די הענט. די ציגיינערנס און פּערסיאַנערנס האָבן זיך אויסגעשטעלט גרופּנווייז אין אָריגינעל געבויגענע פּאָזעס פאַרן טראָן פון כאַן, וויגנדיק אין זייערע פינגער פאַרשידנפאַרביקע לאַמטערנדלעך. ס'האָבן געקלונגען הארפּעס. ס'האָבן אָפּגעהילכט די האַלדזטענער פון די כאָרן. די זיך וויגנדיקע אילומינאַציע האָט געשאַפן אַ כּישופֿדיק בילד.

איצט האָבן זיך אין די גרופּעס טענצערנס אַריינגעמישט זעלנער. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָכען מיט די בלאַנקע שווערדן און שיסן פון רעוואָלווערן; פון ביקסן, וואָס זענען געווען אָנגעפּילט מיט כינעזישן פאַרביקן פּולווער, האָבן זיך געשלענגלט וואָלקנדלעךשלאַנגען: רויטע, גרינע, בלאָע... די זעלנער מיט די טענצערנס זענען שטאַרק לוסטיק געוואָרן און האָבן זיך אין ווילדן תּענוג אויסגעמישט אין אַ משוגעת־טאַנץ...

זשאָליווע האָט זיך מיט אינטערעס צוגעקוקט צו דערדאָזיקער פּייערונג. און כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער ליץ, האָט ער פונדעסטוועגן געמאַכט מיטן קאָפּ אַזאַ באַוועגונג, וואָס אויפן בולוואַר מאָנמאַרט אין פּאַריז באַדייט עס: „נישט שלעכט! גאָרנישט שלעכט!"

מיט איינמאָל איז אזיבן צייכן פון כאַן אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרשווונדן פון דער סצענע. בלויז די קנעכט מיט די פאַקלס זענען געבליבן אויף זייערע ערטער.

„איך רעכן, אַז די פּאַר די לעזער פון דיילי־טעלעגראף וועט נישט זיין שטאַרק אינטערעסאַנט צו לייענען די פּרטים פון דער טאַטארישער עקזעקוציע", האָט זיך זשאָליווע אָנגערופן מיט אַ אויסערגעוויינלעך טרויעריקע שטים.

„כ׳רעכן, אַז אויך דיין קוזינע איז נישט אימשטאַנד אויף אַלעם צו קוקן", האָט פאַראומערט געענטפערט בלאָונט.

„אַלזאָ מוזן מיר אַוועקגיין, דען מיר קענען דעמדאָזיקן אומגליקלעכן בחור מיט גאָרנישט העלפן", האָט זשאָליווע באַשלאָסן. „כאָטש ס׳איז אונדזער הייליקער חוב אָפּצודינען אים פאַר זיין הילף, וואָס ער האָט אונדז געגעבן!" האָט ער געזיפצט.

„מיר קענען נאָר טון איין זאַך: מיר וועלן אַריבער צום רוסישן מיליטער און אויפוועקן אין זיי דעם ווילן אָפּצורעכע־נען זיך מיט די טאַטאַרן", האָט באַמערקט בלאָונט.

זיי זענען שנעל אַוועקגעגאַנגען. אין אַ שעה שפּעטער זענען שוין זייערע פערד געלאָפן אויפן וועג קיין אירקוצק.

די גאַנצע צייט איז סטראָגאָוו געשטאַנען אויסגעגלייכט פאַרן כאַן. אויף אָגאַרעוון האָט ער נישט געקוקט, פילנדיק צו אים שרעקלעכע פאַראַכטונג. ער האָט רויק דערוואַרט דעם טויט.

דער כאַן האָט געזאָגט צו סטראָגאָוון:

„ביסט געקומען קוקן, רוסישער שפּיאָן. מיט אַ רגע פריער האָבן דיינע אויגן צום לעצטן מאָל געקוקט".

הייסט עס — נישט קיין טויט... נאָר עפּעס שרעקלעכערעס פון טויט!... ס׳האָט אים געדראָעט בלינד צו ווערן.

ער האָט פונדעסטוועגן נישט קיין ציטער געטון, הערנ־

דיק פון עמירס מויל זיין גרויזאַמען אורטייל. נאָר די אויגן האָט ער ברייט צעעפנט, אַזויווי ער וואָלט וועלן דאָס גאַנצע לעבן זיינס קאָנצענטרירן אין דאָזיקן לעצטן בליק... בעטן זיך אפשר ביי דידאָזיקע אכזריותדיקע מענטשן? — ווען ס׳וואָלט אפילו נישט געווען נוצלאָז, וואָלט עס אָבער געווען פאַר אים אַ דערנידערונג. אין דערדאָזיקער רגע האָט ער שוין געקלערט נאָר וועגן זיין נישט דערפילטער הייליקער מיסיע; וועגן זיין מוטער און וועגן נאַדיאַן, וועלכע ער וועט שוין מער קיינמאָל נישט זעען. ער האָט זיינע געפילן אָבער נישט אַרויס געוויזן. ער האָט זיך בלויז געווענדעט צו אָגאַרעוון מיט דער קללה:

„איוואַן פּאַרעטער! מיין לעצטן בייזן בליק ווענד איך אויף דיר און שיק דיר אַ קללה, אַז ס׳זאָל אויף דיר קומען אַ שטראָף פון הימל.“

יענער האָט גלייכגילטיק באַוועגט מיט די אַקסלען.

סטראָגאָוו האָט אַ טעות געהאַט. גלייך אַנטקעגן אים איז געשטאַנען זיין מוטער. זי האָט צוזאַמענגענומען אירע אַלע קרעפטן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין איר אויסגעמאַטערטן גוף, און איז געקומען צוצולויפן צו איר איינציקן זון, אַריינצוקוקן אין זיינע זעעוודיקע אויגן צום לעצטן מאָל.

„אָ, מאַמע!“ — האָט ער אויסגעשריגן — „איידער זיי וועלן מיך בלינד מאַכן, גיב איך דיר מיין לעצטן בליק — און נישט אָט דעם מערדער! אָ, לאָמיך זעען צום לעצטן מאָל דיין ליב געזיכט!“

„אַוועקטרייבן זי!“ האָט אַ געשריי געטון אָגאַרעוו.

צוויי זעלנער האָבן זי אַוועקגעשטופּט. זי האָט זיך אַ וואַקל געטון, נאָר זי איז געבליבן שטיין אייניקע טריט ווייטער אויסגעגלייכט, ווי אַ סטאַטוע.

ס׳האָט זיך באַוויזן דער תּליון. אין האַנט האָט ער גע־

האַלטן אַ ווייס-אָנגעגליטע שווערד, וואָס ער האָט ארויסגענו מען פון די שמעקנדיקע קוילן אויפן דרייפוס.

סטראַגאָוו האָט די לעצטע רגעס געשלונגען מיטן בליק זיין מוטער. די אַלטע האָט צו אים אויסגעצויגן די הענט און געקוקט אים אין די אויגן אריין, שטייענדיק קעגן אים צוגע-שמידט צום אָרט.

דער תּליון האט דעם אנגעגליטן שטאָל פאַרבייגעפירט פאַר זיינע אויגן. סטראַגאָוו איז בלינד געוואָרן. — —

די צוקוקער זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. ס'זענען נאָר פאַרבליבן די מענטשן מיט די פאַקלס און — אָגאַרעוו. דער מערדער האט דעם אומגליקלעכן נאָך געוואָלט דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ — מאַכנדיק חוזק פון אים; ער האט אים צוגע-רוקט דעם צאַרס בריוו צו די בלינד געוואָרענע אויגן און געזאָגט מיט סאַרקאַזם:

„נו, לייען איצט איבער, וואָס דאָ איז געשריבן, און גיי זיי עס מודיע אין אירקוצק. איצט איז איוואַן אָגאַרעוו צאַרי-שער קוריער!...“

ער האָט שמייכלענדיק באַהאַלטן דעם בריוו און איז אַוועקגעגאַנגען. נאָך אים זענען אַוועק די מענטשן מיט די פאַקלס׳

מיכאַיל איז געבליבן אַליין נאָענט פון זיין מוטער, וואָס איז פריער אַנידערגעפאַלן — אפשר שוין אָן לעבן. ער האָט אויסגעשפּיצט די אויערן. פונדערווייטנס האבן זיך געלאָזט הערן די לוסטיקע אָרגיע־געשרייען און געזאַנגען.

ער האָט זיך גערוקט אויף דער ערד, טאַפּנדיק מיטן גאַנצן קערפּער אַרום זיך. ער האט אָפּגעפונען זיין מוטער, האָט ער אָנגענומען איר האַנט און צוגעלייגט ס'אויער צו איר ברוסט. ער האָט זיך איינגעהאָרכט צי ס'קלאַפּט איר האַרץ.

דערנאָך האָט ער איר עפּעס שטיל איינגערוימט אין אויער. די מוטער איז געלעגן אָן באַוועגונג...

ער האָט זי געקושט אין שטערן, אויף די גראָע האָר. דערנאָך האָט ער פּאַרזיכטיק זיך גערוקט צום עק פּלאַץ, פּרוּווּנדיק צו באַפרייען די הענט פון די באַנדן.

פלוצלינג איז אונטערגעקומען נאַדיאַ.

זי איז געגאַנגען גלייך צו אים; אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שטילעט. מיט איין פעסטן קלאַפּ האָט זי איבערגע־שניטן די באַנדן אויף סטראַגאַווס הענט.

„ברודער!“ האָט זי שטיל געזאָגט.

ער האָט שוין געוווּסט ווער ס'האָט אים באַפרייט.

„נאַדיאַ!“ — האָט ער געקרעכצט — „נאַדיאַ!“

„לאָמיר גיין, ברודער!“ האָט זי זיך צו אים אַנגערופן: „איצט וועלן מיינע אויגן זיין דיינע און וועלן דיך אַוועקפירן קיין אירקוצק“.

א פריינט אויפן וועג

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען סטראַגאַו און נאַדיאַ שוין געווען הינטער טאמסק.

עס האט זיך דעם מיידל איינגעגעבן צו אנטלויפן, דער־פאר וואס דאס מיליטער איז געווען בגילופין און האט נישט בעלייגט קיין אכט אויף די געפאנגענע. ס'זענען יענעם טאג אנטלאפן פיל געפאנגענע.

זי איז געשטאנען אויסגעמישט מיט דער מאסע און האט אלץ צוגעזען. אבער כאטש אַ שרעקלעכער צער האט געריסן איר הארץ, זעענדיק ווי די ווייס־אַנגעגליטע שווערד רוקט זיך פאַרביי איר „ברודערס" אויגן, האט זי פונדעסטוועגן נישט אַרויסגעגעבן דעם מינדסטן געשריי. זי האט זיך געשטארקט מיט איין געדאַנק: „כ'וויל זיין דעם בלינדנס הונט!"

דערנאך האט זי זיך ארויסגעקריגן פון דער מאסע און

א״ז אין סונקלקייט פון צווונט צו צו דער טעראסע, אין נ א מענט ווען סטראגאוו האט זיך גערוקט אויף דער ערד צו דער מוטער...

באַלד דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגענומען ביי די הענט און זענען אַרויס פון שטאָט אומגעשטערט, אַ דאַנק דעם גליק-לעכן צופאַל, וואָס די וואַכן זענען געווען שיכור.

און אַזוי האָבן זיי אַ ביסל שפּעטער זיך געפונען אויפן וועג הינטער טאָמסק.

דאָס מיידל האָט איר טייערן חבר געצויגן נאָך זיך, דען פאַרטאָג קענען זיי נאָכיאָגן די אויסגעניכטערטע זעלנער. ס׳איז נייטיק געווען צו קומען קיין קראסנאָיארסק, וואָס געפינט זיך ווייט פון דאנען 533 וויאָרסט, פאַר די טאטאַרן.

פונוואַנען האָט זיך צו זיי גענומען אַזא פיזישע און מאָ-ראַלישע קראַפט אַדורכצומאכן אזא שווערן וועג אין דערדאָזי-קער נאכט פון 16-טן אויפן 17-טן אויגוסט? נאָר א פאַקט איז, אז מיט 12 שעה שפּעטער האָבן זיי זיך שוין געפונען אין שטעטל לעניליאָווסקאָיע, 50 וויאָרסט נאָך טאָמסק. ער האָט גאָרנישט גערעדט. גיכער האָט ע ר געהאלטן א י ר האנט און געגאנגען מיט זיין געוויינלעכן פעסטן טריט, איידער ז י האָט א י ם געפירט. בלויז דער ציטער פון איר האנדפלאַך האָט אים אָנגעוויזן ווו צו גיין.

דאָס שטעטל איז געווען לער. די איינוווינער זענען פון דאנען אַנטלאָפן מיט זייער האָב און גוטס פאַרן אָנקומען פון די טאטאַרן. נאַדיאַ האָט סטראָגאָוון אַריינגעפירט אין עפּעס אַ פאַרלאָזן הייזל אין אַ עק שטאָט. ביידע האָבן זיך שטאַרק געניייטיקט אין רו, און האָבן אויך געמוזט קלערן וועגן עפּעס איבערצובייסן און אויך וועגן אַ ביסל שפּייז אויפן וויייטן וועג.

זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. דאָס מיידל האָט

בסדר געקוקט איר חבר אין די אויגן אריין. ווען ער וואָלט געקאָנט זען, וואָלט ער באַמערקט אין איר בליק געוואַלטי-קע טריישאַפט און ליבשאַפט צו אים.

דעם בלינדנס אויגנלעדנדלעך זענען געווען פאַרויטלט, אָבער טרוקן און עטוואָס אַראָפּגעלאָזן. דורך זיי האָבן אַרויס-געקוקט פאַרגרעסערטע אַפּלען, די ברעמען און וואָנסן זענען געווען אָפּגעברענט דורך דעם אָנגעגליטן שטאָל. דאָס פאַרבנ-הייטל פון די אויגן האָט אויסגעזען בלאָער, נאָר בכלל האָט דער בליק נישט געליטן. אויב ער האָט נישט געזעען, האָט עס געמוזט זיין אַ רעזולטאַט פון אָפּגעשוואַכקייט פון דער ראיה-נערוו.

„ביסט דאָ, נאַדיאַ?" האָט ער זי געפרעגט.

„יאָ... און כ׳וועל נעבן דיר זיין שטענדיק. כ׳וועל דיך נישט פאַרלאָזן, מיכאַיל."

צום ערשטן מאל האָט זי אים אָנגערופן ביי זיין אמתן נאָמען. ער האָט אַ ציטער געטון. הייסט עס ,זי ווייסט שוין, אַז ער איז מאַרטאַס זון.

„נאַדיאַ, מיר מוזן זיך צעשיידן."

„פאַרוואָס, מיכאַיל?"

„איך וויל נישט זיין דיר קיין שטערונג אין דיין נסיעה צום פאָטער".

„דער פאָטער וואָלט מיך פאַרשאָלטן, ווען איך וואָלט דיך איצט פאַרלאָזט, כ׳בין איצט מער נייטיקער דיר, ווי דעם פאָ-טער. דו האָסט דאָך נישט אויפגעגעבן דיין פּלאַן צו גיין קיין אירקוצק?"

„קיין מאָל נישט!" ער האָט איר געדרוקט די הענט אַזוי פעסט, דאָס זי האָט דערפילט, אַז ער האָט נישט פאַר-לוירן זיין אַמאָליקע ענערגיע...

„אָבער... האָסט דאָך נישט דעם בריוו".

„אַגאַרעוו האָט אים מיר צוגענומען. אָבער סמאַכט נישט אויס, נאַדיאַ! מען איז זיך מיט מיר באַגאַנגען, ווי מיט אַ שפּיאָן, טאָ וועל איך ווי אַ שפּיאָן אַוועקגיין קיין אירקוצק און וועל דאָרט דערציילן, וואָס כ'האָב געהערט און געזען. און כ'שווער ביי גאָט, אַז כ'וועל זיך מיטן פּאַרטעטער גאָך זען אויג אויף אויג. נאָר ס'איז נייטיק, אַז כ'זאָל פאַר אים אַנקומען קיין אירקוצק".

„און וואָס דען רעדסטו וועגן צעשיידן זיך מיט מיר?"

„נאַדיאַ, דידאָזיקע מערדער האָבן ביי מיר אַלץ צוגענומען".

„כ'האָב עטלעכע רובל און אויגן פאַר אונדז ביידע".

„אָבער וויאַזוי וועלן מיר מאַכן די ווייטערדיקע נסיעה?"

„צופוס!"

„און פון וואָס וועלן מיר לעבן?"

„פון נדבות".

„לאָמיר גיין, נאַדיאַ!"

„לאָמיר גיין, מיכאַיל!"

און זיי זענען אַוועק ווייטער. זיי זענען שוין געווען צו זיך גאַנץ נאָענט און זיך גערופן ביים נאָמען.

נאַדיאַ האָט אויפן וועג געפלעגט ערגעץ-ווו אויסבעטלען אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט אַ ביסל האָניק. ער איז געווען אומרויק פון דעם, וואָס זי פלעגט פאַר זיך גאַנץ ווייניק ברויט איבערלאָזן. נאָר זי האָט אים כּסדר באַרויקט, אַז זי האָט גע־געסן צו דער זעט. אינדערעמתן זענען ביידע נישט געווען זאַט.

און אַזוי זענען זיי געגאַנגען אָן אָפּרו. דאָס מיידל האָט פון זיך פאַרטריבן איר מידקייט און האָט שנעל געפירט איר חבר אַלץ ווייטער און ווייטער. ווען ער זאָל זי נישט האָבן נעבן זיך, וואָלט ער געוואָלט אַוועקלייגן זיך אינמיטן וועג און אויס־

וויכן די נשמה. נאר האפטיק נאדיאן געבן דיך, האט ער גע־רעכנט, אז אין קראסנאיארסק וועט ער אנטדעקן פארן גובער־נאטאר ווער ער איז, און וועט אויף אזא אופן באקומען פון אים הילף.

די ביידע וואנדערער האבן צווישן זיך ווייניק גערעדט, זייענדיק פארטון יעדער אין זיינע אייגענע געדאנקען. און ווידער — זיי האבן נישט באדארפט צווישן זיך פיל צו רעדן, כדי צו וויסן איינער דעם אנדערנס געדאנקען. אז ער פלעגט אמאל צו איר זאגן: „רעד צו מיר א ביסל, נאדיא!" — פלעגט זי אים ענטפערן: „צו וואס?... מיר קלערן דאך אינאיינעם".

אין דערדאזיקער שווערער נסיעה האט זיך זיי איינמאל בעטראפן א גליקלעכער צופאל.

עטלעכע שעה גאנג פון לעניאוואקאיע האט סטראגאוו א פרעג געטון דעם מיידל:

„נאדיא, צי איז קיינער נישטא אויפן וועג?"

„קיינער!"

„פונדעסטוועגן הער זיך נאר איין..."

„ווירקלעך עפעס א גערויש".

„אויב דאס זענען טאטארן דארף מען זיך באהאלטן..."

ער איז צוגעפאלן אין געדיכטן גראז צו דער ערד. נאדיא איז ארויפגעלאפן אויפן טראקט און איז באלד צוריקגעקומען.

„א קיביטקע פארט".

„וויפל פאסאזשירן פארן אויף איר?"

„איינער א יונגערמאן".

סטראגאוו האט זיך דערפרייט. ס'איז אים נישט געגאנגען וועגן זיך; ער וואלט צופרידן געווען בלויז אנצושפארן זיך אן דער קיביטקע און נאכגיין נאך איר, כדי צו פארלייכטערן זיך ס'גיין. אבער דאס מיידל איז שוין געווען גאר פון די כוחות.

אָ, ווען ער זאָל קענען באַקומען פאַר איר אַן אָרט צום פאָרן!
צו א קיביטקע זענען געווײנלעך אײנגעשפּאַנט דרײ פערד,
און דרײ פּאסאזשירן פאָרן אויף איר. אָבער דידאָזיקע קיביטקע
האָט געשלעפּט אײן פערד, א נידריקס און א האָריקס. פון דער
סיבירער ראסע. דער פּאסאזשיר האָט ווײזט אויס געזשאַלעיועט
ס׳פערד, דען עס איז געגאנגען מיט פּאמעלעכע טריט. דער
יונגערמאַן, וואָס איז זיך אזוי קאַלטבלוטיק געפאָרן אויף אזא
סכנותדיקן וועג, איז געווען א רוס. ער איז געווען שטארק
פארנומען מיט זײן הונט, וואס האט געהאַלטן אָנגעשפּארט דעם
קאָפּ אויף זײנע קני. דערזעענדיק צווײ מענטשן שטײן אויפן
וועג, האט זיך דער יונגערמאַן פארהאַלטן:

„ווּהין גײט איר עס?“ האָט ער געפרעגט סטראָגאָוון.

„קײן אירקוצק.“

„אָהאָ, ס׳איז ווײט ביז דאָרטן!... און צופוס!“

„כ׳ווײס, אַז ס׳איז ווײט.“

„און די פרײלן — אויך צופוס?“

„דאָס איז מײן שוועסטער!... אויך צופוס.“

„מײן טײערער! גלײב מיר, אַז דײן שוועסטער וועט ביז
אַהין נישט דערגײן!“

„כ׳ווײס עס אַלײן. און איך בעט אײך טאקי: בעמט זי
אויף! איך וועל לויפן נאָך דער קיביטקע.“

„איך וויל נישט, פאַניע!“ — האָט זיך ס׳מײדל אַרײנגע-
מישט — מײן ברודער מוז פאָרן. ער איז בלינד.“

„בלינד?!“ האָט דער יונגערמאַן איבערגעחזרט מיט אַ גע-
רירטע שטים.

„די טאטאַרן האָבן אים אויסגעברענט די אויגן!“

„אך, אַזוי?!... אָרים פאָטערל מײנס! נו, אויב אזוי...
פאָר איך קײן קראַסנאָיאַרסק. ס׳וועט געפֿינען אָרט פאַר אונדז

אלע דריי. און מיין הונט וועט אייך אָפּטרעטן זיין אָרט. סיר-קאַ, גיי נאָר אַראָפּ!"

דער הונט איז אַראָפּגעשפּרונגען. נאַדיאַ און סטראָגאָוו האָבן זיך אויף דער קיביטקע געפילט ווי אין אַ נעסט, אַ אויסגעבעטע מיט היי.

דער יונגערמאַן האָט זיך געזעצט פון פאָרנט.

„אייער נאָמען?" האָט אים געפרעגט סטראָגאָוו.

„ניקאָלאַי פּיגאַסאָוו."

„כ'וועל דעם נאָמען נישט פאַרגעסן. דערלויבט מיר אייך צו דריקן די האַנט."

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און מיט איר געזוכט די האַנט פון זיין חבר.

„ביטע, דריקט די האַנט, אויב עס פאַרשאַפט אייך פאַרגעניגן."

די קיביטקע האָט גערירט פון אָרט. דאָס איינטאָניקע קלאַפּן פון די רעדער האָט נאַדיאַן באַלד איינגעשלעפערט. סמיידל איז איצט געווען אינגאַנצן ווי אין אַ חלשות. ניקאָלאַי פּיגאַסאָוו איז געווען אויסערגעוויינלעך גערירט. און אויב סטראָ-גאָוו האָט נישט געלאָזט קיין טרער, איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיינע טרערן זענען געווען אויסגעטריקנט פון אָנגעגליטן שטאָל פון תּליון.

„זי איז זייער אַ ליבלעכע אייער שוועסטער", האָט זיך פּיגאַסאָוו אָנגערופן צו סטראָגאָוון.

„אָ, זייער!"

„איר גייט פון ווייט?"

„פון זייער ווייט."

„ס'האָט אייך עפּעס שטאַרק וויי געטון, ווען מען האָט אייך אויסגעברענט די אויגן?"

„אָ, זייער!“

„איר האָט נישט געוויינט?“

„כ'האָב געוויינט“.

זיי האָבן ביידע א רגע געשוויגן. סטראָגאָוו האָט זיך באלד פון אָנהייב אָן אויסגעוויזן, אז ער האָט שוין אמאָל געהערט דידאַזיקע שטים.

„צי האָט איר מיך נישט געזעען שוין אמאָל?“

„קיינמאָל נישט!“ האָט פארווונדערט געענטפערט פיגאסאָוו.

„פונדעסטוועגן איז מיר באקאנט אייער שטים.“

„פונוואַנעט? איך בין א קאָליוואַנער.“

„אַ! איר האָט נישט געדינט אין טעלעגראף?“

„יאָ“.

„ווען אַ געוויסער ענגלענדער האָט טעלעגראפירט ביבלישע פסוקים, און אַ געוויסער פראנצויז — קופלעטן?“

„מעגלעך... נאָר איך האָב נישט די נאַטור צו געדענקען דעם אינהאַלט פון טעלעגראַמען. פארגעסן — דאָס איז מיין פליכט.“

אַזוי איז מען געפאָרן צוויי שעה. איין שעה האָט מען געגרוט. ניקאָלאַי האָט זיינע געסט געבעטן עסן פון זיינע זאַפּאַסן, וואָס האָט געקענט גענוגענען פאַר צוואנציק פערזאָן ביז קראסנאָיארסק.

נאָכן טאָג פאָרן איז נאַדיא אביסל געקומען צו די קרעפטן. ביינאכט איז זי אויסגעצייכנט געשלאָפן. פיגאסאָוו האָט אויך נישקשהדיק געכראָפעט. דעמאָלט האָט סטראָגאָוו אנגענומען די לייטשן און האָט אונטערגעיאָגט ס'פערדל.

אַזוי איז מען אָפּגעפאָרן א שפּאָרן וועג. דעם 22-טן אויגוסט איז מען, נאָך זעקס טעג פאָרן, אנגעקומען קיין אטשינסק. זיי זענען נאָך ווייט געווען 120 וויאָרסט פון קראסנאָיארסק. נאַדיא און סטראָגאָוו האָבן מיט שרעק געקלערט וועגן מאָמענט,

ווען זיי וועט אויסקומען זיך צו שיידן מיטן ליבן, כאָטש פלעג-מאטישן, חבר. דערדאָזיקער יונגערמאן האָט זיך געסטארעט צו צעשטרייען דעם בלינדן, שילדערנדיק פאר אים די דורכגעפאָ-רענע געגנטן.

איינמאָל האָט סטראָגאָוו אזוי א פרעג געטון אים:

„וואָס פאר א וועטער איז היינט?"

„נישט קיין מיאוס. סוף זומער. דער הערבסט געדויערט דאָך דאָ נישט לאנג. באלד וועט אָנקומען דער ווינטער. אפשר וועלן זיך די טאטארן אָפּהאלטן פון זייער מארש קיין אירקוצק".

„זיי וועלן זיך נישט אָפּהאלטן פון מארש! כ'בין אין דעם זיכער."

„ביסט גערעכט. זיי האבן עמעצן, וואָס שטופט זיי. האָסט געהערט וועגן איוואן אָגארעוון?"

„יא."

„דאָס איז א פארעטער, צו פאראטן ס'אייגענע לאנד — דאָס איז א געמיינהייט!"

„געוויס!" האָט סטראגאוו געענטפערט, פארהאלטנדיק מיט גרויס אָנשטרענגונג זיין רויקייט.

„פאָטערל! דו באזיצסט נישט גענוג רוסיש הארץ, ווי-באלד דו רעגסט זיך נישט אויף ביים קלאנג פון דאזיקן נאמען.

„שרעק זיך נישט, איך האס אים גענוג!"

„נישט אזוי, ווי איך. ווען כ'זאל באגעגענען דעמדאזיקן מענטש, וואס האט אזוי פיל צרות געברענגט אונדזער הייל-קער מאמען רייסן, וואלט..."

„וואס וואלסטו געטון?"

„דאכט זיך מיר, אז כ'וואלט אים דערהרגעט!"

„און איך וואלט עס געטון אויף געוויס!" האט סטראגאוו געענטפערט.

איבערן טייך יעניסיי

אין אכט טעג ארום נאכן ארויסגיין פון טאמסק, דעם 26־טן אויגוסט, זענען נאדיא און מיכאיל אנגעקומען קיין קראסנאיארסק.

די טאטארישע פּאַרפּאָסטנס האבן זיך נאך דא נישט געפונען. דאָס האט סטראגאָוון שטארק געוווּנדערט. דען ער האט נישט געוווּסט פון דעם, אז דעם 25־טן אויגוסט האבן די רוסן זיך געשלאגן מיט די טאטארן ביי טאמסק, פרווונדיק ארויסצושטופּן זיי פון שטאט. עס האט זיך אבער די קליינע צאל רוסן נישט איינגעגעבן צו באזיגן די גרויסע טאטארישע ארמיי, וואס איז באשטאנען פון א פערטל מיליאן זעלנער. נאר דידאזיקע שלאכט האט פארהאלטן דעם ווייטערדיקן מארש פון שונא. יעדנפאלס האט סטראגאָוו געוווּסט, אז ער איז שוין אפּגעגאנגען פאָרויס די טאטארן אייניקע טעג גאנג און ער האט געהאט א גרויסע האפנונג, אז ער וועט אנקומען קיין אירקוצק — נאך 900 ווערסט ווייט פון זא־

צען – פאָרן שונאס חיילות. ער האָט גערעכנט, אַז אין קראַסנאָיאַרסק וועט אים דער גובערנאַטאָר, וועמען ער וועט דערציילן וועגן זיין שליחות, געבן הילף אויפן ווייטערדיקן וועג.

אָבער אויך פּיגאַסאָוו האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אָוועקפירן נאַדיאַן אויף זיין קיביטקע צו איר פאָטער – אַזוי שטאַרק האָט דעם מיידלס פּנים אים אָנגענומען ביים האַרץ. דער פינקטלעכער באַאַמטער האָט לכתחילה געוואָלט פאַרבלייבן אין קראַסנאָיאַרסק, „אויף וויפל ער וועט דאָ באַקומען אַ טעלעגראַפיסטן־פּאָסטן". אין פאַל ווען ער זאָל דאָ נישט געפינען אַזאַ פּאָסטן, איז ער גרייט געווען צו פאָרן קיין אודינסק — און אפילו אַזש ביז אירקוצק, און דורכדעם טאַקי אויך צו דינען נאַדיאַן און איר ברודער מיט זיין וועגעלע אויפן ווייטערן וועג.

אַ זייגער זיבן אין אָוונט האָט זיך די קיביטקע פאַרהאַלטן. אויפן טונקעלן הימל האָט זיך אָפּגעצייכנט דער סילועט פון אַ צערקווע.

„ווו זענען מיר, שוועסטער?" האָט סטראָגאָוו געפרעגט.

„אַ האַלבן ווערסט ווייט פון די ערשטע הייזער פון שטאָט", האָט זי געענטפערט.

„עפּעס מאָדנע! איך הער נישט קיין קלענסטן גערויש".

„און איך זע נישט קיין שום באַלייכטונג".

„אַ אויסטערלישע שטאָט!" האָט פּיגאַסאָוו מיט פאַרוווּנדערונג געמורמלט. „ווייזט אויס, אַז מען לייגט זיך דאָ פרי שלאָפן".

סטראָגאָוו האָט געהאַט אַ שלעכט פאָרגעפיל.

„צו וואָס האָט מען זיך דאָ פאַרהאַלטן?" האָט ער אַ פרעג געטון.

„כ׳האָב מורא אויפצוזוכן די אינזשעניערן", האָט פּיגאַ-סאָו געענטפערט.

ער האָט ליכט אַ שמייכל געטאָן דעם פערד. דער הונט האָט שטאַרקע מאָל געבילט די דריי פּאַסאַזשירן זענען פּאַמע-לעך פאַרפאָרן אויף דער הויפּטגאַס פון שטאָט, נאָר וואָס פאַר אַ אנטוישונג! גאַנץ קראַסנאָיאַרסק איז געווען אויסגעליידיקט. קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך אין דערדאָזיקער שטאָט נישט געפונען. די סיבה פון דעם איז געווען די לעצטע קייזערלעכע טעלעגראַמע, וואָס האָט באַפוילן אַרויסצופירן פון שטאָט אַלץ, וואָס וואָלט געקענט אַ נוצן ברענגען דעם שונא. זענען אַלע, סיי מיליטערלייט און סיי ציווילע באַפעלקערונג, באַלד אַוועק קיין אירקוצק.

אומדזערע פאַרשוינען זענען געווען געוואַלטיק איבער-ראַשט, ווען זיי זענען אַדורכגעלאָפן דידאָזיקע אויסגעשטאָר-בענע שטאָט. סטראָגאָוו איז איין מאָמענט געווען שרעקלעך בייז, צוליב דעם וואָס זיין האָפנונג איז צערינען געוואָרן. ער האָט זיך ווירקלעך געפונען אין אַ פאַרפאַלענע לאַגע. עס איז דאָך איצט אויסגעקומען אַריבערצופאָרן דעם טייך „יעניס", וואָס איז טיף און שטאַרק שטראָמיק אין דערדאָזיקער צייט פון יאָר, און אָן ספק האָבן די אַנטלאָפענע מיטגענומען מיט זיך אַלע פאַרשידענע מינים שיפן, און האָבן אויך געוויס צע-שטערט די פּראָמען און בריקן, אַזוי אַז עס וועט אוממעגלעך זיין אַריבערצוקומען צום אַנדערן ברעג.

„מאָרגן וועלן מיר זען!" האָט פּיגאַסאָוו געפּרוווט טרייסטן סטראָגאָוון.

נאַדיאַ האָט געזיפצט אינדערשטיל. דער יונגערמאַן האָט פאַרשטאַנען און האָט אויסגעבעסערט:

„אַנטשולדיקט מיר! כ׳וויס אַז פאַר אייך איז טאָג און

נאכט — אלץ איינס. נאר מארגן וועלן מ"ר באקוקן די ברעגן פאר אייערטוועגן".

צומארגנס, גלייך מיטן מארגנשיין, איז ס'וועגעלע צוגעקומען צום ליגקן ברעג יעניסיי. אבער אומזיסט זע:ען נאדיא און סטראגאוו געלאפן אהין און אהער מיטן ברעג פון טייך. אומ-זיסט האט סטראגאוו ביי זיי זיך נאכגעפרעגט, איינקוקנדיק זיך דאביי אליין מיט די בלינדע אויגן אין די גנעפלען, פונקט ווי ער וואלט ביכולת געווען זיי אדורכצודרינגען מיט זיין בליק:

„נו, איר זעט עפעס?"

„ניין, קיין איין שיפל אדער טראטווע געפינט זיך נישט דאָ", האבן זיי אים געענטפערט.

זיי האָבן אָנגעהויבן פאָרן מיטן ברעג פון טייך מיט דער האָפנונג, אַז ס'וועט מיט זיי פּאַסירן עפּעס אַ גליקלעכער צופאַלי-באַנט פון ליידיקן פאָרט האָבן זיי געזעען אַ גאַסטהויז. זיי זע-נען אהין אַריין — ס'איז געווען ליידיק.

„וואָס איז דאָס?" האָט סטראָגאָוו אַ פרעג געטון, טאַפּנ-דיק די ווענט מיט די הענט.

„דאָ הענגען לעדערנע זעק אָנגעפילטע מיט קומיס". האָט פיגאַסאָוו פריילעך אויסגעשריגן. „מיר האָבן דאָ אַזעלכע צוועלף זעק מיט קומיס. מיר וועלן האָבן פראָוויאַנט!"

„נעמט עטלעכע. די רעשט ליידיקט אויס. איצט ווייס איך, אַז מיר וועלן אַריבער דעם טייך".

„אויף וואָס פאַר אַ אופן?"

„מיר וועלן די זעק אויפהענגען אויף די זייטן פון דער קיביטקע. וואס איז אזוי אויך גאַנץ לייכט, און אויף די היפטן פון פערד. זיי וועלן אונדז נוצן אַלס פענכערס..."

דער פּלאַן איז געווען אַ דרייסטער, אָבער ער האָט אויס־
געוויזן צו זיין אויסגעהאַלטן.

„שרעקסט זיך נישט, נאַדיאַ?" האָט סטראַגאַוו געפרעגט
דעם מיידל, ווען די אָריגיגעלע „שיף" האָט זיך געלאָזט איבערן
טייך.

„ניין!" האָט ס׳מיידל געענטפערט. „און איר, פּיגאַסאָוו?"

„איך בין אַנטציקט! אַ שיינע געשיכטע צו פאָרן אויפן
טייך אין אַ קאָטש!"

די סכנה איז פונדעסטוועגן געווען גרויס. ס׳פערד האָט
זיך אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער ביז איבערן האַלדז, עס
האָט אים געדראָט דערשטיקט צו ווערן. אַ שטאַרקער שטראָם
האָט ס׳וועגעלע געריסן אַראָפּ צום גרונט. אַ ליאַדע מינוט האָבן
אַלע געקענט דערטרונקען ווערן. נאַדיאַ האָט אָבער נישט גע־
טון אפילו איין געשריי. פּיגאַסאָוו האָט זיך אונטערגעפייפט;
אפשר האָט ער נאָר געמאַכט אַזאַ פּאָזע פון קאַלטבלוטיקייט.
סטראַגאַוו ווידער — האָט די סכנה דאָך נישט געקענט זעען...
פונדעסטוועגן איז ער אין דער לעצטער מ׳נוט, פונקט ווי ער וואָלט
געווען געפירט פון אינסטינקט, אַריינגעשפרונגען אין וואַסער
אַריין, לייכטערמאַכנדיק מיט דעם די משא פון וועגעלע; ער
האָט אָנגעטאַפּט די לייטשן — און מיט אַ פעסטער האַנט האָט
ער אַרויסגעפירט די קיביטקע אויפן אַנדערן ברעג.

„הוראַ!" האט פּיגאַסאָוו אויסגעשריגן, פּאַטשנדיק דאָביי
זיין הונט, וואס האט אַראָפּגעטרייסלט פון זיך די וואַסער־
טראָפּנס נאכן אריבערשווימען דעם טייך.

ווען מען האָט זיך אָפּגערוט און זיך געטריקנט אויף דער
זון, האט סטראַגאַוו געמאַכט אַ באַמערקונג.

„דאָס, וואָס איז אַזוי שווער געווען פאר אונדז, וועט
מיט גאָטס הילף אוממעגלעך זיין פאר די טאַטאַרן".

א האַז איז פֿאַרבייגעלאָפֿן איבערן וועג

איצט אַז אונדזערע פֿאַרשוויַנען האָבן זיך געפֿונען אויפֿן אַנדערן ברעג, זענען זיי שוין געווען אַ שפּאָר ביסל פֿאָרויס די טאַטאַרן, דען יענע וועלן זיך מוזן פֿאַרזאַמען אַ היבשע צייט ביי יענעם ברעג, איידער זיי וועלן אויפֿשטעלן די פּאָנ־טאָנען בריקן. סטראָגאָוו האָט באַקומען פֿרישן מוט, ער וועט נאָך אָנקומען צו דער ריכטיקער צייט קיין אירקוצק.

ס׳איז איצט אויסגעקומען צו פֿאָרן דורך אַ אורוואַלד, וווּ די הויכע צעדערן און סאָסנעס האָבן מיט זייערע געדיכטע קרוינען פֿאַרשטעלט די רייזנדע פֿון דער גרויסער היץ.

די געגנט איז געווען אַ שיינע און אַ רייכע, נאָר צוליב דער אויסוואַנדערונג פֿון דער באַפֿעלקערונג האָט זי דערוועקט אַ פֿיינלעך געפֿיל פֿון אַנגסט און אומעט.

דאָס וועטער איז געווען גינסטיק: ס׳זענען נישט געווען קיין שטורעמס און קיין רעגנס. די נעכט האָבן מיט זייער פֿריַ־שער לופֿט דערקוויקט די דריי העלדישע רייזנדע. פּיגאַסאָוו איז געווען גאָר אַנטציקט:

„אינדעראמתן איז טאקי בעסער אַזוי זיך אַדורכצופאָרן, ווי צו זיצן צוגעשרויפט צוועלף שעה דורכאנאנד אין פאָטעל פארן טעלעגראַפישן אַפּאַראַט!"

צר איז געווען אויך שטארק איבערגענומען מיט זיין אויפגאַבע אומצוקערן די טאָכטער צו איר פאָטער דעם פאַר־שיקטן, און דערפאר האָט ער מכּוים געווען אונטערצודריאָגן זיין פערדל, וואָס איז, אגב, געווען גאַנץ קרעפטיק און לייכט גע־שלעפט די קיביטקע מיט די דריי פּאַסאַזשירן.

„איך מוז זיין אין אירקוצק ביי דער סצענע פון באגע־גענען זיך פון פאָטער מיט די קינדער. וואָס פאַר אַ פריידי! אך, ווען נישט דערדאָזיקער צער... א בלינדער זון. טרערן און פרייד — אלץ מישט זיך אויס אינאיינעם אין לעבן..." אזוי האט ביי זיך געטראכט ניקאלאַי פיגאַסאָוו.

האָט מען אויף אַזאַ אופן אדורגעמאכט צען — צוועלף וויאָרסט אַ שעה. דעם 28־טן אויגוסט איז מען פארבייגעפאָרן באלייסק, דעם 29־טן — ריבינסק. צומארגנס איז מען אנגעקומען קיין קאמסק. אומעטום אין די שטעט איז געווען פוסט. מען האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין אָפּן גאסטהויז. מען האָט זיך בלויז דערנערט מיט די זאַפּאַסן פּראַוויאַנט פון דעם אויס־גערעכנטן פיגאַסאָוון — מיט א געשמאקן קוכן, וועלכן מען האט פארטרונקען מיטן קראַסנאָיארסקער קומיס.

ביז ביריושינסק איז די רייזע אדורך גלאטיק. ביים אַרויס־פארן פון דאזיקן ישוב האט עפּעס פאסירט. פיגאסאוו האָט פּלוצלינג א געשריי געטון: „אך!"

„וואס איז געשען?" האט אומרויק געפרעגט סטראגאוו.

„האסט נישט געזען? אך, אמת, דו זעסט דאך נישט..."

„איך האב אויך נישט געזען", האט זיך אנגערופן נאדיא.

„גאט מײַנער! א האז איז אונדז פארבײַגעלאפן דעם װעג".

„הײ, פיגאסאװ! װאס איז דא פאראן מורא צו האבן?" האט סטראגאװ געזאגט שמײכלענדיק, דען ער האט נישט געהאלטן פון רוסישן פאלקס אבערגלויבנס און שלעכטע צײכנס.

אבער פיגאסאװ האט אפגעשטעלט די קיביטקע:

„פאר אײַך איז עס גארנישט... איר האט דאך נישט געזען... אבער פאר מיר איז עס אן אנזאג, זאל גאט אפהיטן!"

ער האט א שמיץ געטון דעם פערד, ארײַנפאלנדיק אין כעס. פונדעסטװעגן איז, נישטקוקנדיק אויפן שלעכטן צײכן, דער טאג אריבער בשלום.

אין אלסאלעװסק האט גאדיא געפונען אויף דער שװעל פון א אויסגעלײדיקט הויז צװײ סיבירער מעסערס. זי האט אײנס געגעבן מיכאילן, דאס צװײטע האט זי באהאלטן בײַ זיך.

מען איז איצט פארבײַגעפארן די לעצטע אפצװײַגונגען פון די סאיאנישע בערג. פיגאסאװ האט פארלוירן זײַן פריערדיקע בארעדזאמקײט און כסדר געװען אין א שלעכטן הומאר. פאר דאס איז די קיביטקע געפארן גאר שנעל, װײַל איר באַזיצער האט אויס מורא פארן שלעכטן צײכן, נישט געשפּאָרט מער דאס פערד.

נאר עס האט זיך אנגעהויבן אויסװײַזן, אז דער שלעכטער אנזאג װערט פארװירקלעכט! דרײַסיק װיארסט פאר ניזשני-אודינסק האבן די פאסאזשירן פון דער קיביטקע אנגעהויבן באמערקן סימנים פון פארװיסטונג, װאס זענען װאס װײַטער געװארן אלץ מער און האבן אנגעהויבן ארומנעמען אלץ גרעסערע שטחים ערד. די חרובע הײַזער און צעטרעטענע געװיקסן האבן עדות געזאגט, אז ערשט נישט לאנג זענען דא אדורכ-

געגאַנגען גרויסע מחנות פון פײַנטלעכע מיליטער. דאָס האָט ניט געקענט זײַן פּעטליוראַ־כאַנס אַרמײ, ווײַל זי איז נאָך געווען ווײַט הינטער די דרײַ רײַזנדע.

„וואָס פֿאַר אַ נײַער שונא גייט דאָס קענען רוסלאַנד?״ האָט סטראַגאָוו געקלערט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן.

מען האָט זיך פֿונדעסטוועגן פֿאָרזיכטיק גערוקט ווײַטער אינדערפֿרי דעם 8־טן סעפּטעמבער האָט ס׳פֿערד זיך פֿאַרהאַלטן און האָט ניט געוואָלט שטעלן קיין טריט ווײַטער. דער הונט האָט טרויעריק אַ וואיע געטון. פּיגאַסאָוו איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וועגעלע. אין אַ קורצע ווײַל אַרום האָט ער זיך צוריק אומגעקערט שטאַרק אויפֿגערעגט.

„אויפֿן וועג ליגט אַ טויטער פּויער! מיר מוזן אים באַגראָבן, כּדי די חיות זאָלן אים ניט צעפֿרעסן״...

„ניין! מיר טאָרן קיין איין שעה ניט פֿאַרהאַלטן זיך דאָ!״ האָט אויסגעשריגן סטראַגאָוו.

דאָס וועגעלע האָט גערירט פֿון אָרט און מען איז אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער. אינדערעמתן, ווען זיי וואָלטן געוואָלט באַגראָבן אַלע טויטע, וואָס זיי האָבן געזען ליגן אויפֿן וועג, וואָלטן זיי ניט מעגלעך געווען אָנצוקומען אַמאָל קיין אירקוצק.

דעמזעלבן טאָג פֿאַרנאַכט, ווען אויפֿן האָריזאָנט האָבן זיך פֿאַר די אויגן פֿון די דרײַ פּאַסאַזשירן געצייכנט די קופּאָלן פֿון די אַדינסקער צערקוועס, האָט נאַדיאַ צווישן געגעבן סטראָגאָוו, אַז אין יענער ריכטונג שפּיגלען זיך אָפּ אויפֿן הימל פֿײַערדיקע פֿלאַמען. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט משער זײַן ווער עס האָט דאָרט אונטערגעצונדן די הײַזער: די רוסן, כּדי ניט איבערצולאָזן גאָרנישט פֿאַרן שונא, אָדער די טאַטאַרן האָבן דאָס חרוב געמאַכט די הײַזער נאָכן פֿאַרנעמען די שטאָט. דער פֿאָרזיכטיקער סטראָגאָוו האָט גערעכנט אַראָפּצוקירעווען די

קיביטקע פון טראַקט און אַרומצופּאַקן די שטאָט פּונדערוויַיטנס,
פיגאַסאָוו האָט פאַרקירעוועט ס'פערד...

פלוצלינג האָט אין דער פינסטער אַ בליץ געטון, אַ קויל איז פאַרבייַגעפלויגן מיט אַ פייף. ס'פערד איז אַנידערגע־פאַלן. עפּעס רייַטער האָבן אַרומגערינגלט די קיביטקע. אין איין אויגנבליק זענען די דריי פּאַסאַזשירן געלעגן געבונדן. ווען סטראָגאָוו וואָלט אפילו געווען זעעוודיק וואָלט ער אויך נישט געהאַט קיין צייַט צו פאַרטיידיקן זיך — אַזוי אומגעריכט האָבן די רייַטער זיי אַרומגערינגלט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. ער האָט זיך נאָר געקענט אייַנהערן אין די אָנפאַלערס געשפּרעך. פון די אָפּגעריסענע זאַצן האָט ער שוין געוווּסט, אַז ער געפינט זיך אין די הענט פון די טאַטאַרן. דידאָזיקע רייַטער האָבן אָנגעהערט צום דריטן פליגל פון דער טאַטאַרי־שער אַרמיי. דערדאָזיקער פליגל איז באַשטאַנען פון די מחנות פון קאַקאַנד און קונדוז, וואָס האָבן דאָ אין דער געגנט אָפּע־רירט באַצייַטנס, נאָך איידער זיי האָבן זיך ביי אירקוצק פאַר־ראייניקט מיט די אַנדערע צוויי אַרמייען פון כאַן. דאָס איז פאַרגעקומען לויטן פלאַן פון אָגאַרעוון.

די סכנה פאַר אירקוצק איז אַלץ כסדר געוואַקסן. און ס'איזווירקלעך געווען אומפאַרשטענדלעך, וואָס די צוגעפּרעס־טע ליפּן פון בלינדן סטראָגאָוו האָבן געמורמלט נאָך אַלץ:
„כ'וועל נאָך אָהינקומען!"

די דריי געפאַנגענע האָבן זיך צומאָרגנס געשלעפּט מיט די זעלנער. נאַדיאַ האָט, ווי אַלע מאָל, רויק איבערגעטראָגן איר שווערן גורל. פיגאַסאָוו האָט קוים געקענט אייַנהאַלטן זייַן כעס. סטראָגאָוו ווידער האָט אונטערן יאוש געטראָגן די האָפ־נונג צו אַנטלויפן ביי אַ ליאַדע געלעגנהייט.

אַז די באַרבאַרן האָבן דערהערט, דאָס סטראָגאָוו איז

בלינד, האבן זיי אים ארויפגעזעצט אויף א בלינד פערד. „טאָ־מער זעט ער", האבן זיי געזאגט. דאס אומגליקלעכע פערד, מיט וועלכן כטראגאוו האט נישט געקענט פירן, און וועלכעס איז געטריבן געווארן דורך דעם וואָס מען האט עס געשטאכן און געשמיסן, איז איינגאַנצן צעמישט געוואָרן און האָט לויפנדיק זיך אָנגעקלאַפּט אן אַ בוים ביים וועג. פּלוצלינג האָט עס זיך געלאָזט לויפן אין א זייט — צום אָפּגרונט. באַדיאַ און פּיגאַסאָוו האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון פאַרצווייפלונג.

דאס פערד האָט זיך אַראָפּגעקאָלערט אין אָפּגרונט און האָט צעבראָכן די פיס. סטראָגאָוו איז מיט ניסים ניצל געוואָרן, אַרויסרוקנדיק זיך פון זאָטל אויפן ראַנד פון תהום, און ער איז אַרויס גאַנץ אָן איין וווגד. די אומגליקלעכע חיה האָבן די אכזרים געלאָזט אויסגיין אין טאָל, נישט דערשלאָגנדיק זי אפילו מיט אַ גענעדיקן קלאַפּ. סטראָגאָוו האָבן די זעלנער צוגעבונדן צו אַ זאָטל פון אַ פערד, און אַזוי האָט ער געמוזט נאָכגיין צופוס. דער „אייזערנער מענטש" איז געגאַנגען, נישט קלאָגנדיק זיך אויף דעם מיט קיין איין וואָרט.

אויף אייניקע פון די רו־פונקטן, הינטער כיבאַרלינסק, ווו די טאַטאַרן האָבן זיך אָנגעטרונקען מיט זייער פיל בראָנפן, האָט פּאַסירט אַ שרעקלעכער פּאָרפאַל, וואָס האָט גורם געווען צו זייער שווערע פּאָלגן. ביז אַהער איז באַדיאַ געווען געשוינט דורך די זעלנער, ווייל זי האָט מיט איר קאַלטן און ווירדיקן בליק דערוועקט אין זיי עפּעס אַ אַבערגלויבישע שרעק. דאָ אָבער האָט זיך פּלוצלינג צו איר דערנענטערט עפּעס אַ ווילדער פּאַר־שוין און האָט זי געוואָלט פאַרגוואַלטיקן.

סטראָגאָוו האָט נישט געזען, אָבער פּיגאַסאָוו האָט גע־זען, ווי ס'מיידל האָט זיך געאַמפּערט אין די אָרעמס פון זעלנער. נישט קלערנדיק קיין איין מינוט, כמעט אינסטינקטיוו,

האָט ער אַרויסגעצויגן פון אַ זאָטל־טאַש אַ רעוואָלווער און
אויסגעשאָסן אין אָנפאַלערס ברוסט, אַוועקלייגנדיק אים אַ טויטן
אויפן אָרט. דעם דערהרגעטנס חברים האָבן באַדיאַס דערליי־
זער געוואָלט צערייסן אויף שטיקער, נאָר אַ אָפיציר איז, הערנ־
דיק דעם שאָס, געקומען צולויפן און האָט זיי אָפּגעהאַלטן
דערפון. ער האָט באַפוילן צוצובינדן דעם אומגליקלעכן פיגאַ־
סאָון אין דער קווער צו אַ זאָטל פון אַ פערד און האָט אַ
קאָמאַנדע געגעבן: „אַוועקרייטן!...‟ און באַלד איז די גאַנצע
רייטער־אָפּטיילונג אַוועקגעריטן אין אַ גאַלאָפּ...

דער שטריק, מיט וועלכן סטראַגאָוו איז געווען צוגעבונדן
צום פערד, איז איצט פלוצלינג געפּלאַצט, ווייל דער געבונ־
דענער האָט אים צוביסלעכווייז געהאַט אַדורכגעביסן. די שיכו־
ער רייטער האָבן דאָס נישט געהאַט באַמערקט.

איצט זענען סטראַגאָוו און באַדיאַ געבליבן אַליין אויפן
וועג.

דורך די סטעפּעס

זיי זענען ווידער געווען פריי... אָבער איינזאַם אַוועקגע־וואָרפן אויפן פרייען סטעפּ אָן אַ ביסל שפּייז צו דערהאַלטן די נשמה, אָן אַ מיטל צו פאָרן ווייטער. דער פאַרלוסט פון געטריי־ען חבר האָט זיי שרעקלעך מצער געווען און נאָך פאַרשטאַרקט זייערע ליידן.

מיכאַיל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין ביים וועג צודריקנדיק דעם קאָפּ מיטביידע הענט.

„מיכאַיל!" האָט געזאָגט צו אים נאַדיאַ — „וווהין זאָל איך דיך איצט פירן?"

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט אויסגעזען צו זיין פאַרוווגדערט.

„קיין אירקוצק!" האָט ער געענטפערט.

„מיטן טראַקט?"

„יאָ, ער איז ליידיק, און דערפאַר איז ער זיכער. די

זענען שוין אַוועקגעפאָרן; יענע וועלן נאָך אַזוי שנעל נישט אָנקומען. מיר וועלן האָבן צייט אַראָפּצוגיין אויף היִנטערוועגן, דעמאָלט ווען ס'וועט נייטיק זיין".

און זיי זענען אַוועק, ווידער האַלטנדיק זיך ביי די הענט. אויפן וועג האָט זיך נאַדיאַ כסדר אומגעקוקט פאַרזאָרגט, צי ליגט נישט אַמאָל דאָ־ערגעץ פּיגאַסאָווס טויטער קערפּער, און אפשר – האָט זי געטראַכט – האָבן זיי אים דערוויילֿ גאָר־נישט געטון, כדי צו טייטן אים שפּעטער אין אירקוטסק?

דער הונגער האָט זיי געפּייניקט. צום גליק האָבן זיי אין עפּעס אַ ליידיק הייזל געפונען געטריקנט פלייש און סו־כאַרעס. עס איז פאַר זיי געווען אַ גאַנץ נאַרהאַפט מאכל, כאָטש ס'האָט שוין פון אַלטקייט געהאַט פאַרלוירן דעם טעם. קיין וואַסער האָט זיי שוין פאַר דאָס נישט געפעלט אין דאָזיקן אָנט, ווו ס'ברויזן טויזנט קוואַלן פון דער אַנג אַרא.

סטראָגאָוו האָט נישט געקענט זען נאַדיאַס פאַרמאַטערט־קייט, אָבער ער האָט עס געפילט.

„דו ביסט אויסגעמאַטערט, אָרים קינד", האָט ער צו איר געזאָגט.

„ניין", האָט זי אים געענטפערט.

„אויב דו וועסט נישט זיין אימשטאַנד צו גיין ווייטער, וועל איך דיך טראָגן!"

„גוט!" האָט מסכים געווען ס'מיידל.

זיי זענען געגאַנגען אַלץ ווייטער, האַלטנדיק זיך ביי ד, הענט. אומעטום זענען געשטאַנען פאַרברענטע געביידעס, אומע, טום זענען געלעגן טויטע קערפּערס. פונדעסטוועגן איז די סכנה נישט געגאַנגען פאַר זיי, נאָר געלויערט הינטער זיי. דערפאַר האָבן זיי גערוט וואס מעגלעך ווייניקער – צו זעקס שעה אין מעת־לעת. און נאַדיא האָט זיך אָפט אומגעקוקט

הינטער זיך.

ביידע וואנדערער האָבן צווישן זיך גערעדט גאנץ ווייניק, בלויז אָפּגעריסענע זאצן. פון צייט צו צייט האט נאדיאַ דערמאנט דעם גוטן פּיגאסאוון. סטראגאוו האָט זי געטרייסט — כאטש ער אליין האט נישט געגלייבט אין דעם — אז יענער לעבט נאָך. טיילמאָל ווידער האט סטראגאוו געבעטן דעם מיידל זי זאָל אים דערציילן פון זיין מוטער, און אז זי פלעגט אים דאס צוליב טון, פלעגט ער זיך איינהערן מיט אַ געוואַלטיקער גיריקייט אין אירע רייד. דאָ ווידער האט ער זיך פאר איר געקלאָגט, אַז זיין געוויסן פּייניקט אים צוליב דעם, וואָס ער האָט געבראָכן די שבועה און זיך אויסגעגעבן, שטעלנדיק אין געפאר זיין הייליקע מיסיע, דאַבּיי האָט ער אפילו זיין מוטער אויך נישט מציל געווען.

„צי: גאָט און דער צאַר וועלן מיר דאָס מוחל זיין?״ האָט ער געפרעגט.

„דאָס וואָס דו האסט נישט געקאָנט דערלאָזן, אַז מען זאָל דערשמייסן דיין מוטער? צי קאָן דען דאָס פאַרעכנט ווערן פאַר אַ זינד?״ האָט ס׳מיידל אים אפגעענטפערט מיט אַ פראַגע.

אויך דעם מיידלס געוויסן איז געווען באַאומרויקט. זי האָט געמיינט, אַז ער גייט איצט קיין אירקוצק, נישט־האבנדיק מיט זיך דעם צארס בריוו און נישט־וויסנדיק זיין אינהאַלט, בלויז פאר אירעטוועגן — כדי זי צו ברענגען צום פאָטער. נאר ער האט זי בארויקט:

„האסט אַ טעות! ס׳וועט געננוג זיין, אַז כ׳וועל זיך נאר שטעלן פארן גרויספירשט, איידער אגארעוו וועט אָנקומען״.

דאס מיידל האט אבער אלץ געהאט דעם איינדרוק, אַז ער באהאלט פון איר אויס עפּעט אַ וויכטיקן סוד.

דעם 15־טן סעפטעמבער זענען זיי אנגעקומען אָן אַ שטע־רונג צו דעם ישוב קימילטייסק. די טאַטאַרישע מחנה, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס זיי, איז פאַרביי דאָסדאָזיקע אָרט, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, זייער איילנדיק, דערפאַר וואָס די פאַרברענטע טיילן פון די געביידעס האָבן זיך שוין נישט געררייכערט, די טויטע קערפּערס זענען שוין געווען צעפוילט. דער אַוואַנגאַרד פון דער מערב-אַרמיי איז נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען. און דאָס איז געווען פאַר אירקוצק זייער געוווּנטשן, דערפאַר וואָס די־דאָזיקע שטאָט מיט אירע קרעפטן האָט געקענט אויסהאַלטן דעם אָנגריף פון איין באַזונדערן מיליטערישן פליגל.

דערפאַר האָט אָבער באַאומרויִקט סטראָגאָוון דאָס וואָס נאַדיאַ האָט זיך אָנגעהויבן עפּעטערס אָפּצושטעלן. אירע פוסטריט זענען געווען צעקאַלעטשעט. די וואַנדערער האָבן זיך שוין איצט געפונען אינגאַנצן 230 וויאָרסט ווייט פון אירקוצק — אַזוי ווייניק אין באצוג צום ריזיקן וועג, וואָס זיי האָבן געלאָזט הינטער זיך; פונדעסטוועגן איז איצט ס׳מיידל גרייט געווען טיילמאָל אויסצושרייען:

„לאָז מיך איבער אין סטעפּ! גיי אַליין! איך וועל זיך דאָ ערגעץ באַהאַלטן, דערנאָך וועסטו מיט מיין פאָטער מיך דאָ אָפּזוכן.‟

נאָר ער האָט ווי געטראָפן איר געדאַנק. ער האָט זי דעמאָלט גענומען אויף די הענט און זי געטראָגן; און מיט דערדאָזיקער טייערער לאַסט איז ער געגאַנגען גאַנץ שנעל, נישט־קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיינע פיס האָבן אויך געבלוטיקט. דערנאָך איז זי שוין געגאַנגען קרעפטיקער, מיט פרישן מוט.

אויף צוויי וויאָרסט ווייטער פאַר זיי האָט זיך שוין אָנ־געזעען דער טייך דינקאַ, וואָס שניידט אַדורך דעם וועג קיין אירקוצק.

„די נאַכט קומט אָן, לאָמיר זיך אויסרוען!" האָט נאַדיאַ געזאָגט צו סטראָגאָוון.

„נאַדיאַ! דאָס איז די לעצטע אָנשטרענגונג. מיר מוזן זיין אויפן אַנדערן ברעג פון דער דינקאַ."

און זיי זענען געגאַנגען ווייטער. די לופט איז געווע א שווערע, אַ אומבאַוועגלעכע. נאָר אויפן האָריזאָנט האָבן זיך צייטנווייז באַוויזן בליצן. פּלוצלינג האָט זיך אַ בילן פון אַ הונט פאַרבייגעטראָגן איבערן סטעפּ.

„דו הערכט?" האָט מיט אַ ציטער אויסגערופן נאַדיאַ.

באַלד דערנאָך האָט זיך געלאָזט הערן אַ יסורימדיק געשריי. עמעצער האָט גערופן הילף.

„פיגאַסאָוו! פיגאַסאָוו!" האָט אויסגערופן נאַדיאַ — און איז אַזוי שנעל אוועקגעלאָפן, פונקט ווי פאַרצווייפלונג און האָפנונג צוזאמען האָבן איר צוגעגעבן אויסערגעוויינלעכע כוחות. סטראָגאָוו האָט קוים געקענט זי דעריאָגן. פּלוצלינג איז צו נאדיאס פיס צוגעפאלן א הונט; ער האט א וואיע געטון און אנגעהויבן פירן ס'מיידל צו דעם ארט, פונוואנען ס'האט זיך געטראגן דאס טעמפּע געשריי, אין וועלכן ס'האט זיך נאר געהערט דער איינער נאָמען: „מיכאַיל!"

„דאָ... דאָ!" האָט נאַדיאַ פאַרצווייפלט גערופן צו סטראָגאָוו, פירנדיק אים מיט איר שטים צום אָרט, וווּ זי איז געשטאַנען.

נאַדיאַ האָט דערזען אַ שוידערלעכע סצענע: אַ מענטשלעכער קאָפּ — פיגאַסאָווס קאָפּ — וואָס קוקט אַרויס מיט אַ צעמישטן בליק און שרייט אָן אויפהערלעך, ווערט געפּיקט דורך אַ רויבפויגל. דעם רעשט קערפּער האָט מען נישט אַרויסגעזען, ווייל די טאַטאַרן האָבן איף זייער שטייגער איינגעגראָבן דעם אומגליקלעכן ביז איבערן האַלדז אין דער ערד. דריי טעג האָט

אים די זון געבאַקן; ער האָט אויך נישט געקענט זיך ווערן קעגן רויבפויגל. בלויז דער געטרייער הונט האָט אים געוועדט, אָבער אויך ער איז שוין געפאַלן פון די כוחות אין קאַמף מיטן ריזיקן פויגל. שוין אפשר דריי טעג ווי דער פאַרמשפּטטער האָט אומזיסט גערופן זיין פריינטס נאָמען.

נאַדיאַ איז געוואָרן פאַרשטיינערט. דער הונט האָט אנגע־הויבן אַ נייעם קאַמף מיטן פויגל, אָבער פון הונגער האט ער שוין געקעמפט גאַנץ שוואַך, און באַקומענדיק אַ שטאַרקן קלאַפּ פון פויגלס שנאָבל, איז ער פּאַר ז״ין האַרס קאָפּ געפאַלן טויט.

סטראַגאַוו איז אנגעקומען שוין ביי דער לעצטער מינוט, נאָך צייט האָבנדיק צו הערן פון אָפּשטאַרבנדיקנס מויל די לעצטע ווערטער:

„זייט געזעגנט, מיינע פריינט. כ׳בין צופרידן, וואָס כ׳זע אייך נאָך א מאָל. טוט תּפילה פאַר מיינעטוועגן.״

אומזיסט האָבן סטראָגאָוו און נאַדיאַ געגראָבן מיט די הענט די ערד; אומזיסט האָבן זיי ביז אין דער העלפט אויפ־געגראָבן דעם פאַרפּייניקטן. ס׳האַרץ זיינס האָט שוין מער נישט געקלאַפּט. נאַדיאַ האָט אנידערגעקניט און אָנגעהויבן תּפילה טון. סטראַגאַוו האָט צוריק פאַרשיט דעם טויטן קערפּער, און נעבן אים האָט ער געלייגט זיין געטרייען הונט סירקאָ.

אינדעם האט זיך איבערן סטעפּ געלאָזט הערן א טויב לאַפּערייַ.

„קוק, נאַדיא, קוק! וואס איז עס דאַרט?״

„טאַטאַרן!״ האט זי אַרויסגעקרעכצט דערשראָקן.

דאס זענען געגאַנגען די אוואַנגאַרדן פון כאַנס אַרמיי. פיגאַסאָוו האט מיט זיין טויט מציל געווען זיינע ביידע פריינט פון אַ פרישן אומגליק, דען ער האָט זיי מיט זיינע הילפסרופן אַראָפּגעצויגן פון ברייטן וועג ווייט אַוועק אויף אַ זייטיק אָרט.

אויף אזא אופן זענען זיי אין טונקלקייט פון אוונט נישט באַמערקט געוואָרן פון שונא.

„איך מוז פאַרענדיקן די קבורה; כ׳וועל זיין קערפּער נישט לאָזן אויף הפקר פאַר וועלף און רויבפייגל". האָט סטראַגאָוו געזאָגט, פאַרשיטנדיק דעם פריינטס קבר. „און איצט — לאָמיר גיין, נאַדיאַ!" האָט ער זיך אָנגערופן ווען ער איז שוין געווען דערמיט פאַרטיק.

דער טראַקט איז געווען פאַרנומען מיטן שונאס חיילות און מיט די אָבאָזן, וואָס האָבן זיך געצויגן אין לאַנגע רייען. סטראַגאָוו און נאַדיאַ האָבן געמוזט גיין מיט זייטיקע שטעגן, פאַרקירעווענדיק זיך אין דער זייט צו דרום-מזרח. זיי זענען איצט ווייט געווען פון אירקוצק הונדערט מיט עטלעכע צענדליק וויאָרסט. אָבער איז דען דאָס אַ מעגלעכע זאַך, אַז די צוויי פאַרמאַטערטע און דערשלאָגענע, דאָס יונגע מיידל און דער אומגליקלעכער בלינדער, זאָלן אָנקומען אהין, גייענדיק איבערן סטעפּ אויף קרומע וועגן, פאַר דער אַרמיי, וואָס רייט אַהין אויף פערד מיטן גלייכן טראַקט?!

פונדעסטוועגן זענען זיי געגאַנגען, און דעם 2-טן דעצעמבער האָט זיך פאַר זייערע אויגן אויסגעשפּרייט אַ ריזיק וואַסער — דאָס איז געווען דער באַיקאַל!

דער בייקאל און די אנגארא

די יעזשערע ב יי ק א ל, אדער הייליקער ים, די גרעסטע יעזשערע פון דער גאַנצער ערד (ערטערווייז דערגרייכט זי א טיפקייט פון 1400 מעטער), לויט איר גרויסקייט די דריטע פון דער רייע יעזשערעס פון טיף אַזיע, מיט אַ היקף פון קרוב צו 2000 קילאמעטער, מיט אַ שטח פון אַ ערך 35000 קילאָמעטער, — איז אַ ריזיקער רעזערוואַר פון זיסע וואַסערן, וואָס פליסן אַהער אַריין פון אַ מענגע שטראָמיקע טייכן, צווישן וועלכע דער באַדייטנסטער איז א נ ג א ר א.

אויף דער אנגאראס ווילדע און וויסטע ברעגן, וווּ צווישן די פעלזן נעסטן א אומגעהויערע צאָל פון מעוועס, קראָען און אַנדערע פייגל, — האָט סטראָגאָוון און נאַדיאַן, ווי ס'האָט אויסגעזען, דערוואַרטעט דער טויט — שוין אַזוי נאָענט צום ציל און נאָך אַזאַ לאַנגע מאַטערניש אויף אַזאַ שווערן וועג!

וצו גורל האָט אָבער פאַר זיי צוגעגרייט עפּעס אַנדערש. נאַדיאַ, וואָס איז געטראָגן געוואָרן אויף סטראַגאָווס הענט, און זי האָט אים געדינט פאַר אויגן, האָט פּלוצלינג אויסגעשריגן:

„מענטשן!"

ער האָט אַ ציטער געטון:

„טאַטאַרן?"

„ניין! רוסן!"...

זי איז אויף זײַנע הענט געפאַלן כמעט אין חלשות פון פרייִדיקע גערירטקייט. מען האָט זיי שוין געהאַט דערזעען. זיי זענען ביידע פּונקט אָנגעקומען אין דער ריכטיקער רגע. אַ גרופּע אַנטלאָפענע פּויערים מיט זייערע ווײַבער און קינדער, פאַרשידענע גזירים און פּילגרימער פון ווײַטע קאַנטן — אַלע האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן אויפן דאָזיקן אָרט, מיטן ציל אַדורכצוקריגן זיך קיין אירקוצק מיט דעם בײַקאַל און מיט דער אַנגאַראַ.

די פּויערים האָבן צעשניטן גראָבע ביימער און האָבן פון די קלעצער צונויפגעקלאַפּט אַ גרויסע טראַטווע, וואָס זאָל אויף זיך אַרויפנעמען דידאָזיקע גאַנצע מאַסע מענטשן פון עטלעכע צענדליק נפשות. דידאָזיקע טראַטווע האָט געזאָלט אַוועקשווימען אויפן האַסטיקן שטראָם פון בײַקאַל צו מערב צו, און דערנאָך — אויף די לויפעדיקע וואַסערן פון אַנגאַרא. די טראַטווע האָט געהאַלטן טאַקי ביים אָפּשווימען. די מענטשן האָבן אויף איר אַרויפגענומען סטראָגאָוון מיט נאַדיאַן. אַ אַלטער מאַטראָז — אַ ערנסטער און אַ שווײַגעדיקער — האָט איבערגענומען די אָנפירונג אויף דער טראַטווע.

נאַדיאַ איז פון מאַטקייט באַלד אײַנגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף. מיכאַיל איז שלאָפלאָז געזעסן נעבן איר פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען. אַרום אים האָבן די מענטשן געשמועסט וועגן

דעם וואָס אין דעם יאָר ווערן פרי פאַרפרוירן די וואַסערן (די טעמפּעראַטור איז פּלוצלינג געפאַלן ביז אונטערן זעראָ), וועגן די גרויסע קריעס, צווישן וועלכע די טראַטווע וועט זיך מוזן אַדורכשלאָגן. מ'האָט זיך געשראָקן פאַרד עס, אַז די אָנגעזאַמל־טע קריעס זאָלן נישט פאַרצוימען דעם וועג פאַר דער טראַטווע ביים אַרויפשווימען אויף דער אַנגאַראַ. דערוויל אָבער — ווי סטראָגאָוו האָט געקאָנט דערוויסן זיך פון זייערע שמועסן — האָבן די קריעס אָפּגעשלעפּט דאָס דערגענטערן זיך צום אָפּלויף פון טייך, וואָס איז אייגנטלעך געווען פאַר די פּאַסאַזשירן גאָר ווי געווונטשן, דען ס'איז געווען זיכערער צו־פאָרן ביינאַכט אויף די פּאַליעס פון דער אַנגאַראַ, אין דער צייט וואָס אויף אירע ביידע ברעגן האָבן זיך אַרומגעדרייט די פיינטלעכע חיילות. אין דער שטילקייט האָבן איבערן ביי־קאַל אָפּגעקלונגען אונטערן הימל די שטימען פון די נזירים. וואָס האָבן געזונגען זייערע תפילות, אין וועלכע ס'האָט זיך אומויפהערלעך איבערגעחזרט: „געלויבט איז גאָט!..."

צו פאַרנאַכט צו איז מען צוגעקומען צום אָפּלויף פון דער אַנגאַראַ, און כדי צו פאַריכטן די טראַטווע, האָט מען זיך פאַרהאַלטן אין קליינעם פאָרט ליווענישנאַיאַ, צווישן גראַ־ניט פעלזן. דער פאָרט איז געווען צוליב דער אינוואַזיע אינ־גאַנצן אָפּגעשטאָרבן. שפּעטער ווען מען האָט זיך שוין געגרייט אָפּצושווימען פון ברעג, זענען פון א הייזל וואָס ביים פאָרט אַרויסגעלאָפן צוויי מענטשן, שרייענדיק און מאַכנדיק מיט די הענט צו די מענטשן אויף דער טראַטווע; דאָס האָבן יענע גערופן און געבעטן מען זאָל זיי מיטנעמען. פון זייער געשריי האָט זיך נאַדיאַ אויפגעכאַפּט.

„וואָס איז געשעען?" האָט סטראָגאָוו זי געפרעגט.

„אונדזערע חברים פון די אוראַלער בערג — די זשורנאַליסטן".

סטראָגאָוו האָט אַ ציטער געטון. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים דערקענען צווישן פרעמדע מענטשן. און דאַ גאָר זענען אָנגעקומען דידאָזיקע מענטשן, וואָס ווייסן ווער ער איז אײַנדערהאמתן.

די זשורנאַליסטן האָבן געוואָלט באַצאָלן דעם מאַטראָז מיט געלד. נאָר יענער האָט טרוקן געענטפערט:

„גייט אַרויף! דאָ באַצאָלט מען נאָר מיט איינשטעלן זיך ס'לעבן".

„באַדיאָ!" — האָט שטיל געזאָגט סטראָגאָוו — „ווען זיי וועלן דאָ אַהערקומען וועסטו זיי צופירן צו מיר".

„גוט".

דער פּראַנצויז מיטן ענגלענדער האָבן געשטראַלט פון שמחה. פאַרלאָזנדיק דעם כאַנס אַרמיי, זענען זיי געוואָרן אָפּגעשניטן פון טייך דינקאַ, צוליב דעם וואָס פון דרום־זייט האָט זיך אַרויסגערוקט דער דריטער טאַטאַרישער פליגל. צושלעפּנדיק זיך ענדלעך צום דאָזיקן קליינעם פּאָרט בײַ דער אַנגאַראַ, האָבן זיי זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון דער מעגלעכקייט אַדורכצורײַסן זיך קיין אירקוצק, ווײַל קיין שום שיף אָדער טראַטווע האָט זיך פון לאַנג שוין דאָ נישט געפונען. און דאַ גאָר אומגעריכט איז זיי אונטערגעקומען אַזאַ בעלעגנהייט.

פלוצלינג האָט זשאָליווע דערפילט אויף זײַן אַקסל עמעצנס אַ האַנט. ער האָט זיך אויסגעדרייט — און האָט פריילעך אויסגעשריגן. פאַר אים איז געשטאַנען די חנעוודיקע ליוואָנערן. זי האָט אים געגעבן אַ צייכן ער זאָל שווייגן, צולייגנדיק אַ פינגער צום שמאָלן מײַלעכל. זשאָליווע האָט דעמדאָזיקן צייכן איבערגעחזרט פאַר בלאונטן, און ביידע זענען אַוועק נאָכן מיידל

איבער דער לענג פון דער טראַטואַר. מען קאָן זיך פאָרשטעלן די ביידעס פאַרווּנדערונג, דערזעענדיק פאַר זיך סטראָגאָוון, וואָס האָט, לויט זייער איבערצייגונג, שוין לאַנג באַדאַרפט זיין אויף יענער וועלט; און מען קאָן זיך אויך פאָרשטעלן זייער מיטגעפיל, דערהערנדיק פון מיידל, אַז די טאַטאַרן האָבן אים בלינד געמאַכט.

דאָס געשפּרעך צווישן סטראָגאָוון און די זשורנאַליסטן האָט זיך געפירט גאַנץ לאַקאָניש.

„איך בעט פון אייך, מיינע הערן, צו פאַרהאַלטן אין געהיים מיין נאָמען און דעם כאַראַקטער פון מיין רייזע. איר וועט דאָס טון פאַר מיר?"

„ערן וואָרט אַז יאָ!" האָט זיך אָנגערופן דער פראַנצויז.

„דאָס וואָרט פון אַ דזשענטעלמאַן!" האָט פייערלעך באַשטעטיקט דער ענגלענדער.

די ביידע זשורנאַליסטן האָבן איבערגעשטיל דערציילט סטראָגאָוון אַ זייער וויכטיקע נייס, אַז די דריי טאַטאַרישע פליגלען האָבן זיך שוין פאַרייניקט און זיי מאַרשירן אויף אירקוצק.

איידער זשאָליוועט איז זיך געגאַנגען לייגן, האָט ער סטראָגאָוון געדריקט די האַנט:

„איך בעט ביי אייך אַנטשולדיקונג, דערפאַר וואָס כ'האָב דעמאָלט נישט געזעגנט זיך מיט אייך אין אישים; נאָר כ'האָב זיך דעמאָלט נישט פאָרגעשטעלט אַז איר... וועט שפּעטער באַצייכענען מיט אַזאַ שטאַרקן שמיץ דעם פּיסק פון דעם פאַרעטער אָגאַרעוון".

„איר האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ פּחדן. איך נעם אויך דאָס נישט פאַר אומגוט. אין אישים האָב איך אויך זיך געמיאוסט מיט זיך אליין..."

אָוועקגייענדיק האָט בלאָונט געזאָגט צו זשאָליוועטן:

„דאָס איז אין איינמאָל אַ מענטש!" כ'געדענק נאָך דעמ־ דאָזיקן קייזערלעכן אויסדריק, וואָס איז מיר אַריינגעפאַלן אין אויער בשעתן באַל אין קרעמל".

זשאָליחע האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ רגע, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן שטאַרק סענטימענטאַל:

„ער איז א שטראַלעדיקער און א ברענעדיקער און א הויכער, ווי די הייסע קוואַלן, וואָס ברויזן אַרויס פון טיפן אָפּ־ גרונט פון בייקאַל. עפּעס מאָדנע שיינע מענטשן וואַקסן אויס פון פאַרטונקלטן באָדן פון דער רוסישער פאָלקס־נשמה".

די אייזנבערג האָבן זיך כסדר געריבן אָן די קלעצער פון דער טראַטואַר. די פרומע נזירים האָבן שטיל געזונגען קאַפּיט־ לעך תהילים. סטראַגאָווס און נאַדיאַס נשמות האָבן זיך געוויגט צווישן שרעק און האָפענונג. זיי האָבן זיך ד אָ ך דערנענטערט צו זייער ציל!

צווישן צוויי טייכן

ס'איז געווען די לבנה־באַנייונג. אַכט אין אוונט האָט שוין אַ טיפע פינסטערניש איינגעהילט דעם הימל און דעם טאָל פון דער אַנגאַראַ. פון מיטן טייך האָט מען די ברעגן נישט געקענט דערזעען מיטן אויג. דאָס איז געווען גאַנץ גינסטיק פאַר די אַנטלויפער, דען די צעשפרייטע אויף ביידע ברעגן טאַטאַרישע חיילות האָבן זיי נישט געקענט דערזעען.

צוליב פיל טעמים איז גוצלעך געווען אין דעם יאָר דאָס פריע רירן פון די קריעס. כאָטש די קריעס האָבן באַשווערט דאָס פאָרן אויף דער טראַטווע און האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער אָנפירער מיט זיין העלפער האָבן אומויפהערלעך געמוזט קעמפן מיט די אייזבערג מיט דער הילף פון גרויסע דרענגער — האָט פונדעסטוועגן זיך אויסגעוויזן, אַז די נאַטור אַליין האָט פאַרזאָמלט די שטיקער אייז, כדי צו פאַרבאַריקאַדירן פאַר די טאַטאַרן דעם וועג קיין אירקוצק. אויסער דעם

האָבן די ריזיקע שטיקער אייז פאַרשטעלט די פּאַסאַזשירן פון דער טראַמווע פון שונאס לאָקערנדיקע אויגן. די פּאַסאַזשירן זענען איצט שטיל געווען; זיי האָבן אין הארץ תפילה געטון...

שלעכט איז געווען דאָס, וואָס די טעמפּעראַטור איז פלוצ־לינג געפאַלן. ס'האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט און האָט געשטאָכן אין פּנים. זשאַליווע און בלאָונט זענען געווען צו־געדריקט איינער צום אנדערן און האָבן זיך געסטאַרעט קעגנ־זייטיק צו דערוואַרעמען זיך מיט דערדאָזיקער אנגלאָ־פראַנצייזי־שער פאַרייניקונג... נאַדיאַ און סטראַגאַוו האָבן איבערגעטראָגן די פראָסט אָן טענות, כאָטש זיי האָבן גאַנץ שטאַרק געליטן דערפון. סטראָגאָוון האָט פאַרנומען נאָר איין געדאַנק: די אַלץ מער אנקומענדיקע קריעס זאָלן נישט פאַרהאַלטן די טראַמווע איידער זי וועט צושווימען צו אירקוצק. נאַדיאַ ווידער האָט כּסדר זיך פאַרגעשטעלט אין איר פאַנטאַזיע דאָס בילד פון איר פאָטער, וועלכן זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, און האָט זיך געחזרט אין געדאַנק די ווערטער פון איר פאַר־שטאָרבענער מוטער צום פאָטער. דערנאָך האָט זי זיך פאָרגע־שטעלט ווי זי וועט ווייזן איר פאָטער דעם העלדישן „ברודער", וואָס האָט זי דאַ אהערגעבראַכט, און וועט אַליין נישט האָבן דאָס גליק צוצוזען דידאָזיקע רירנדיקע סצענע פון פאָטערס מיט דער טאָכטערס טרעפן זיך! ביים דאָזיקן געדאַנק האָט איר שרעקלעך פאַרקלעמט ביים הארצן.

זשאַליווע האָט, קוקנדיק אויף נאַדיאַ, זיך אָנגערופן צו בלאָונטן:

„פון איר וואָלט מען געקאָנט שאַפן אַ פּאָעמע, ווען נישט די שרעקלעכע קעלט..."

בלאָונט האָט געענטפערט:

„אויף דערדאָזיקער פּראָסט ווערט פאַרגליווערט אפילו די פּראָזע פון זשורנאַליסטישע איינפאַלן..."

פלוצלונג האָט די פינסטערניש אַדורכגעריסן אַ רויט פייער. דאָס האָבן געברענט די דערפער און וועלדער פון דער סביבה. די אָפּשפּיגלונג פונם פייער אויף די פילקאַנטיקע אייז-קרישטאָלן, וואָס זענען געשווימען אויפן וואַסער, האָט געשאַפן אַן אויסטערליש כישופדיק בילד.

מיט דידאָזיקע שרפות איז פאַרבונדן געווען אַ ניי געפאַר. זשאַליווע האָט וועגן דעם זיך דערוווסט און האָט דאָס צוויסן געגעבן זיין קאָלעגע. ביים אַראָפּלאָזן די האַנט אין וואסער אריין האָט ער דערפילט, אז דאס וואסער איז עפּעס פעט און קלעפּיק, האט ער די פינגער אויפגעהויבן צו דער נאז — און ער האט זיך אפּגעשאקלט פון שלעכטן ריח, וואס ער האט דערפילט".

„קאָלעגע!" — האט ער אויסגערופן צו בלאונטן — „מיר שווימען אויף אַ פּאַליע פון נאַפט".

ביידע האָבן אינדערשטיל אָנגעהויבן אַדורכשמועסן זיך. זיי האָבן געפּרווט צו טרעפן דידאָזיקע רעטעניש. צי האָט עס פון אַ אונטערוואַסערדיקן אַרטעזיאַנישן ברונעם אַרויסגעקוועלט אַ נאַפטקוואַל? אַזאַ זאַך טרעפט זיך אויפן קאַספּישן ים אָדער אויף די כינעזישע יעזשערעס... זאָל הייסט עס אירקוצק האָבן אונטערגענומען אַזאַ מין ריזיקאַליש פאַרטיידיקונגס-מיטל? צי די טאַטאַרן האָבן גאָר נאָכגעטון די באַק-קינגישע *) פאַרערער פון פייער — ביי וועלכע ס'איז אַ מינהג אנצוצינדן אויפן טייך פליסנדיקע נאַפטשטראָמען — און האָבן אויסגעגאָסן נאַפט אויפן

*) באַק-קינג — אַ שטאָט אין אינדיען

וואַסער, כדי אין אַ פּאַסיקן מאָמענט אים אונטערצוציגדן און לאָזן אַ ים פֿייער ביז אירקוצק?

די זשורנאַליסטן האָבן זיך נישט געשראָקן פֿאַר אַ אומפֿאָרזיכטיק באַגיין זיך מיט פֿייער אויף דער טראַטווע, ווייל די פּאַסאַזשירן האָבן קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. ס'איז אָבער געווען אַ מורא, אַז אַ פֿונק פֿון ברענענדיקן וואַלד ביים ברעג זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין טייך אַריין. נאָר זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו דערציילן וועגן דעראָזיקער סכנה, וואָס איז דאָך נישט געווען אַ באַשטימטע זאַך, די אומגליקלעכע פּאַסאַזשירן, כדי נישט איבערצושרעקן זיי. וואָרום אויסמיידן באַצייטנס די סכנה האָט מען דאָך סיי־ווי נישט געקענט, און אין פֿאַל פֿון אַ אומגליק איז ווידער געווען נאָר איין עצה: אַריינצושפּרינגען אין טייך אַריין און צו שווימען אונטערן נאַפּט ביז צום ברעג.

„נאָר איינער פֿון אונדז וועט זיך נישט קענען ראַטעווען" — האָט טרויעריק געזאָגט בלאָונט. ער האָט געמיינט דעם בלינדן סטראָגאָוון.

נאָר גיך האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע, נענטערע געפֿאַר. בלאָונט מיט זיין שאַרף אויג האָט דערזען, ווי אויף די אייזבערג פֿאַר דער טראַטווע רוקן זיך פֿאַרביי עפּעס גראָע געשטאַלטן.

„טאַטאַרן!" האָט ער אָנגעוויזן אויף זיי דעם מאַטראָז מיט שרעק אין זיין שטים.

„ס'איז נאָך נישט אַזוי שלעכט!" — האָט אים יענער געענטפֿערט: „דאָס זענען נאָר וועלף, נאָר מ'וועט דאַרפֿן זיך ווערן קעגן זיי. אָבער גאַנץ שטיל, אָן קלענסטן גערויש".

און ווירקלעך האָבן באַלד די הונגעריקע וועלף אָנגעהויבן צו באַפֿאַלן די טראַטווע. די מאַנספּערשוינען האָבן פֿאַרשטעלט די גרופּע פֿרויען און קינדער, וועלכע מען

אריינגענומען אינדערמיטן, און גלייכצייטיק האָבן זיי אנגעהויבן צו קעמפן מיט די וועלף. דער קאמף איז געווען זייער א שווערער, דערפאר וואָס מען האָט נישט געטאָרט זיך באנוצן מיט הייס געווער, און מען האָט געקעמפט בלויז מיט דרענ-גער און מעסערס. דער פראנצויז מיטן ענגלענדער האָבן אויך נישט געבטלט. זייערע הענט זענען געווען צעריסן פון וועלפי-שע נעגלאון ציין, אָבער אויך באַפלעקט מיט בלוט פון די רויב-חיות.

שווער איז געווען דער קאַמף! דעם אָרט פון די דער-הרגעטע האָבן פארנומען פרישע סטאַדעס וועלף.

„ס'נעמט דאָך גאָרנישט קיין סוף!" האט זשאַליווע אויס-געשריגן פארצווייפלט.

סטראָגאָוו האָט בלינדערהייט זיך גערוקט איבער דער טראַטווע, האָט מיט די הענט אָנגעטאפט די פירפיסיקע שונאים און האָט מעכטיק געשניטן זיי אויף רעכטס און לינקס. אָבער אָט זענען צענדליקער געוואַלטיק ריזיקע וועלף ארויפגעשפרונגען אויף דער טראטווע. זיי האָבן געפינקלט מיט זייערע ברענע-דיקע אויגן, האָבן אויפגעעפנט גיריק זייערע פיסקעס מיט אַ ג'ריק געוואָיעריי. די פארטיידיקער פון דער טראַטווע זענען שוין מיד געוואָרן... ס'האָט געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע...

נאר פלוצלינג איז אַ נס געשען! די חיות זענען אראפ-געפאַלן פון דער טראַטווע און פון די אייזבערג; זיי זענען גיך פאַרשווונדן געוואָרן פון ברעג...

באַלד האָט זיך אויפגעקלערט די סיבה פון די וועלפס אַנטלויפן: די טראַטווע האט זיך דערנענטערט צו פייער. ס'האט געברענט דער ישוב פּאָשקאָווסק. די וועלף האָבן, פאַרשטייט זיך, דערשראָקן זיך פארן פייער און האבן געמאַכט פליטה.

אבער דאסדאזיקע רעטונגס-פייער האט ווידער אנגעזאגט

די אַנטלויפּער וועגן אַ ניי געפאַר! די טראַטווע איז שוין איצט געשווימען אין פּאַס, ווו ס'האָט אָפּערירט דעם שונאס אַרמיי. עס האָבן געבערנט אַ סך הייזער — אַ גאַנצע שטאָט! ס'האָט זיך געהערט דאָס ווילדע געשריי פון די אונטערצינ־דער. זשאַליווע און בלאָונט האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, דען זיי אַליין האָבן דאָך נאָר געוווּסט וועגן גרויסן אומגליק, וואָס שטייט פאַר די טראַטווע אפילו פון איין פונק. אויסער דעם האָט דאָס ליכט פון די שׂרפות געקענט העלפן די זעלנער צו באַמערקן די אַנטלויפּער.

נאָר צום גליק האָבן די אייזבערג פאַרשטעלט די טראַטווע. מען איז ענדלעך אַריבער דעם שׂרפות־פּאַס און מען איז שוין ווידער געשווימען צווישן צוויי פינסטערע ברעגן. אָך, ווען ס'גיט זיך אַזוי איין דידאָזיקע מענטשן אַנצוקומען בשלום קיין אירקוצק איידער ס'וועט אָנהייבן טאָגן! זאָל נאָר די טראַטווע נישט פאַרהאַלטן זיך אין מיטן וועג...

אָבער דידאָזיקע האָפענונג איז געוואָרן צונישט. פּלוצלינג איז די טראַטווע געבליבן שטיין פאַר אַן אייזמויער און האָט שוין אויף קיין פאַל זיך נישט געקענט רירן ווייטער.

מיכאַיל סטראָגאָוו, וואָס האָט זיך נאָך פריער געריכט אויף דעם, איז צו צו נאַדיאַן און זי שטיל געפרעגט:

„ביסט גרייט?"

„גרייט!" האָט זי אָפּגעענטפערט, פּונקט ווי דעמאָלט אויפן פּראָם.

פּלוצלינג האָבן זיך געלאָזט הערן פון די ברעגן ווילדע געשרייען. ס'האָט אָנגעהויבן אויפצושיינען אַ גראָ באַגינענליכט. די זעלנער האָבן דערזעען די טראַטווע. פון רעכטס און פון לינקס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן אַ האָגל קוילן אויף די אומ־גליקלעכע פּאַסאַזשירן. זייער גורל איז שוין געווען באַשטימט:

פון יעדן ברעג האט צו זיי געקוקט דער טויט.

„נאַדיאַ! פיר מיך — האָט סטראָגאָוו אויסגעשריגן — און גיב אַכטונג, אז מען זאָל אונדז נישט באַמערקן, ווי מיר גייען אַראָפּ."

צווייי מענטשלעכע סילועטן האבן זיך אַראָפּגעגליטש פון ראַנד פון דער טראַטואַ און זענען פלינק אַריין צווישן די אייזבערג. קוילן זענען זיי נאָכגעפלויגן, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן די אייזיקע ווענט.ביידע אַנטרינענע זענען אַ לענגערע צייט געגאַנגען פאָרויס אויף די אָנגעזאַמלטע אייזשטיקער, ביז וואַנען זיי זענען ענדלעך צוגעקומען ביז דאָרטן, ווו ס'האָט זיך פאַר זיי ווידער אויסגעשפרייט דער גלאַטיקער וואַסערשפיגל. פונדערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן צו זייערע אויערן אַ פייפעריי פון קוילן און קרעכצן פון די אומגליקלעכע.

„אונדזערע ארימע חברים!" האָט נאַדיאַ געזיפצט.

זיי זענען אַרויף אויף אַ אייזשטיק, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער צוזאַמענגעקוועטשטער מאַסע אייז. דער שטראָם האָט זיך דאָ אַוועקגעדרייט אין אַ זייט; די פאַרזאַמלטע קריעס, וואָס האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ברעגן, האבן געשאַפן אַ וואַסערווירבל. דאָס אייזשטיק האָט סטראָגאָוון מיט זיין חברטע גיך אַוועקגעטראָגן.

„איך זע פייערלעך פון פיל הייזער", האָט נאַדיאַ געזאָגט. „דאָס מוז שוין אפשר זיין אירקוצק!"

אינדערראַמתן האָבן זיי זיך געפונען שוין נישט מער ווי אַ האַלב וויאָרסט ווייט פון זייער אַזוי געגאַרטן ציל!

„ענדלעך!" האָט סטראָגאָוו געשעפּטשעט טיף גערירט.

און אינדעם האָט נאַדיאַ אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי. סטראָגאָוו האָט זיך ביים דאָזיקן געשריי געגעבן אַ דריי אויס; — ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אויסגעצויגן די הענט אין

דער ריכטונג צו דער שטאָט. זיין געשטאַלט, אינגאַנצן באַגאָסן מיט א בלאָלעכן אָפשיין, האָט אויסגעזען ווי א סטאַטוע, וואָס דריקט אויס שרעקלעכן אַנגסט. די אויגן זיינע האָבן זיך ווי געעפנט אַקעגן דער ליכט — און ער האָט אויסגעשריגן:

„אָך! גאָט אַליין איז קעגן אונדז!"

אירקוצק

אירקוצק, די הויפּטשטאָט פון מזרח-סיביר, מיט אַ באַפעל־קערונג פון דרייסיק טויזנט שטענדיקע איינוווינער, ליגט אויפן רעכטן ברעג פון טייך אנגארא. דידאָזיקע שטאָט וואַרפט זיך אין די אויגן מיט אירע מאַלעריש צעוואָרפענע הייזער איבער באַרגפלאַכן. איבער אַלע שטאָט־געביידעס שטייגן אַריבער די טורעמשפּיצן פון דער פּראַוואָסלאַוונער קאַטעדראַלע. די קופּאָלן פון די גלאָקנטורעמס, די מינאַרעטן די יאַפּאַנישע געביידעס דאָס אַלץ גיט צו דער שטאָט אַן אָריענטאַליש אויסזען. דער ביזאַנטישער סטיל און דער כינעזישער סטיל מישן זיך גאַנץ אינטערעסאַנט אויס מיטן פיינעם אייראָפּעישן געשמאַק, וואָס טראָגט אויף זיך דעם סטעמפּל פון פּאַריזער נייעסן סיי אין כאַראַקטער פון די הייזער און סיי אין דער גאַסן־באַוועגונג.

אין דער צייט ווען ס'האָבן פּאַסירט די אַלע געשעענישן פון דערדאָזיקער דערציילונג, האָט אָט די הויפּטשטאָט פון גע־

נעראַל־גובערנאַטאָר און גרויסער האַנדלס־צענטער געפּולסירט מיט אַ דרייפאַך שטאַרקער לעבן, ווי געוויינלעך, דערפאַר וואָס אַהער זענען זיך צוזאַמענגעקומען גרויסע מאַסן אַנטלאָפענע, כדי צו געפינען שוץ הינטער די פעסטע מויערן, וואָס זע־ען געהיטן געוואָרן דורך אַ גרויסן גאַרניזאָן פון אַ פּולק סאָלדאַטן און אַ קאָרפּוס זשאַנדאַרן.

אין אירקוצק האָט זיך פאַרמאַכט דעם צאַרס ברודער, דער גרויספירשט, פון אָנהייב אינוואַזיע אָן; זינט ער האָט זיך וועגן דעם דערוווסט, צוריקקומענדיק פון דער רייזע ביים אָכאָצקישן ים, וועלכע ער האָט געמאַכט צוליב פּאָליטישע טעמים. אין קורצן איז ער אינגאַנצן געוואָרן אָפּגעריסן פון אייראָפּע.

דער גרויספירשט האט זיך פארהאלטן קאלטבלוטיק. ער האט לויט דער מעגלעכקייט אָרגאַניזירט די פארטיידיקונג. ער האָט געוווסט וועגן די מפּלות פון די רוסישע מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס זענען אין באַצוג צום שונאס גרויסע מחנות געווען אַ מינדערהייט. ער האט אויך געוווסט, אַז מען קאָן נישט שטאַרק רעכענען אויף שנעלער הילף פון אייראָפּעיש רוסלאנד. אָבער ער האט באַשלאָסן נישט אָפּצוגעבן די הויפּטשטאָט אויף קיין פאַל, און אויסצוהאלטן די באלאגערונג ביזן לעצטן אָטעם.

די אָנגעלאָפענע באַפעלקערונג האט מיט זיך מיטגעבראַכט אין שטאָט אריין גרויסע זאַפּאַסן שפּייז און געווער.

לויטן באַפעל פון גרויספירשט האט מען צעשטערט צוויי בריקן, וואָס האָבן געפירט צו אַ פאָרשטאָט ביים ברעג, ווו ס'גיסן זיך צונויף די ביידע טייכן אירקוט און אנגארא, דערפאר וואָס דעמדאָזיקן קווארטאל איז נישט מעגלעך געווען צו פאַרטיידיקן. די ציווילע באַפעלקערונג — סוחרים, דאָרפסלייט, פּאַרשיקטע — אין וועלכער דער גרויספירשט האָט דערוועקט פּאַטריאָטישע געפילן,

האָט צוגעהאלפן די זעלנער שיטן אָקאָפּעס, גראָבן רוּווּן און באַפעסטיקן די פאָרטן.

דער דריטער טאַטאַרישער פליגל, וואָס האָט באַלאַגערט אירקוצק, איז געווען צו שוואַך, אַז ער זאָל קענען נעמען די שטאָט מיט א שטורמישן קאַמף. די באַלאַגערער האָבן געוואַרט אויפן אָנקומען פון די צוויי אַנדערע פליגלען פון פעאָפארכאנען, דעם 25-טן סעפטעמבער האָבן זיך אַלע דריי אַרמייען פאַרייניקט. די באַלאַגערטע האָבן דידאָזיקע פאַראייניקונג מיט גאָרנישט געקענט שטערן.

איצט האט מיט די באלאגערונגס-אָפעראציעס אנגעפירט אַ אומבאקאנטער פאַרן גרויספירשט רוסישער אָפיציר, א גוט גערוטינירטער אינזשעניער — איוואַן אגארעוו. ער איז געניט געווען אָנצוהייבן א רעגולערע באלאגערונג, ווייל כדי צו נעמען די שטאָט מיט שטורעם האָט ער געהאט צו ווייניק הארמאטן און שוין צו ווייניק מיליטערישע קרעפטן. צווייטנס, האָבן די צוויי פרווון איינצונעמען די שטאָט אָנגעטראָפן אויף א עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון שטאָטישן גארניזאָן מיט דער ציווילער באַפעלקערונג — און האָבן זיך געענדיקט מיט גרויסע פאַרלוסטן פאַר די שטורמער.

אָבער ווען די באַלאַגערונג זאָל דויערן אַ לענגערע צייט, וואָס איז מעגלעך געווען צוליב דער גרויסער ענערגיע און די ריזיקע זאַפּאַסן שפּייז פון די באַלאַגערטע, וואָלט דאָס געדראָט מיט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר די טאַטאַרן. אָגאַרעוו האָט אויך געוווּסט, אַז רוסישע אַרמייען האָבן שוין אַרויסגעמאַרשירט פון יאַקוצקער גובערניע אויף צו העלפן דער שטאָט, און אַז דידאָזיקע אַרמייען האָבן זיך שוין קאָנצענטרירט ביי דער לענאַ און אין פאַרלויף פון זעקס טעג קענען זיי אַרומרינגלען די טאַטאַרן פון הינטן. דערפאַר האָט אָגאָרעוו גערעכנט, אַז

די שטאָט מוז געגומען ווערן פריער, איידער ס'וועלן אָנקומען די רוסישע הילפס־קרעפטן, דען צוריק אָפּנעמען אירקוצק ביים שונא, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט אין די פעסטונגען, וואָלט שוין געווען אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע.

דערפאַר האָט אָגאַרעוו באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט אַ שפּיצל: צו נעמען די שטאָט דורך פאַרראַט. ער איז טאַקי אויך באַלד צוגעטרעטן צום אויספירן דעם טייוולאָנישן פּלאַן.

דעם 2־טן אָקטאָבער אין אָוונט איז אין זאַל פון שענסטן אירקוצקער פּאַלאַץ פאַרגעקומען אַ גרויסע מיליטערישע באַראַ־טונג, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער גרויספירשט אַליין.

„נישט קוקנדיק אויף דער שווערער לאַגע — האָט דער גרויספירשט אָנגעהויבן, אָנווייזנדיק דורכן פענסטער אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון דער באַלאַגערונגס־אַרמיי — פאַרליר איך פונדעסטוועגן נישט די האָפענונג, אַז מיר וועלן דידאָזיקע האָרדן פאַרטרייבן פון אונדזער שטאָט. אין דעם פאַרזיכערט מיך די פּאַטריאָטישע שטעלונג פון דער באַפעלקערונג. אַ דאַנק גאָט — מירליידן דערווייל נישט קיין הונגער, מיר ליידן אויך נישט פון קיין עפּידעמיע. אין אַ זעקס טעג אַרום — אַזוי רעכן איך אויפן סמך פון דער לעצטער טעלעגראַמע — דאַרפן מיר באַקומען די הילפס־קרעפטן. זאָלן זיי נאָר נישט פאַרהאַלטן אין וועג די פרעסט און שנייען...“

ער האָט זיך געווענדעט צום גענעראַל וואָראָנצאָוו:

„מאָרגן וועלן מיר באַקוקן די אַרבעט אויפן רעכטן ברעג אַנגאַראַ; אויפן טייך זאָל האָבן זיך באַוויזן אַ גרויסע מענגע אייזבערג... דאָס באַאומרויקט מיך אַ ביסל. פון דערדאָזיקער זייט זענען מיר נישט גענוג באַפעסטיקט“.

דער אָנוועזנדער פּאַרשטייער פון די מוחרים האָט זיך אָנגערופן:

„אייער הויכקייט זאָל באַוויליקן צו נעמען אין אַכט, אַז די דידאַזיקע דערשיינונג איז דאָ ביי אונדז אַ גאַנץ געוויינלעכע אין דער איצטיקער צייט פון יאָר. כ׳האָב שוין געזעען, אַז די טעמפּעראַטור איז אַראָפּגעפאַלן אונטערן זעראָ ביז 30 און 40 גראַד, און די אַנגאַראַ איז פונדעסטוועגן נישט פאַרפרוירן געוואָרן אין גאַנצן — אַזוי שטאַרק זענען אירע פּאַליעס. כ׳בין זיכער, אַז פון דער זייט פון טייך וועט דער שונא נישט זיין ביכולת אריינצודרינגען אין שטאָט אַריין, וועלכע ווערט פאַרטיידיקט דורך דער באַפעלקערונג מיט אַזאַ איבערגעגעבנהייט".

„איך וויל טאַקי דערלאַנגען אייער פירשטלעכע הויכקייט — האָט געזאָגט דער פּאָליצמייסטער — אַ ביטע פון..."

„פון וועמען?" האָט איבערגעפרעגט דער גרויספירשט, צוליב דער נישט דרייסטקייט פון יענעם.

„פון 500 פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס געפינען זיך אין שטאָט. ס׳זענען פאַראַן צווישן זיי דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, לערער... ביז איצט האָבן זיי מיט דער ערלויבניש פון אייער פירשטלעכער הויכקייט אָנטיילגענומען אין דער פאַרטיידיקונג און האָבן אַרויסגעוויזן זייער פּאַטריאָטיזם".

„וואָס פאָדערן זיי?"

„זיי ווילן שאַפן אַן אייגענעם טויט־קאָרפּוס. דאָס זענען די בעסטע זעלנער!"

„זיי זענען מיט דער גאַנצער נשמה רוסן!" האָט געזאָגט מיט געפיל דער גרויספירשט. „איך קאָן זיי נישט אָפּזאָגן דאָס רעכט צו שלאָגן זיך פאַרן פאָטערלאַנד. אָבער ווו וועלן זיי נעמען אַ פּאַס׳יקן אָנפירער?"

„ס'איז דאָ אַזעלכער, וואָס האָט זיך שוין נישט איינמ
אויסגעצייכנט".

„אַ רוס?"

„יאָ, פון דער באַלטישער פּראָווינץ. ער הייסט וואַסילי פעדאָר".

דערדאָזיקער פעדאָר איז געווען נאַדיאַס פאָטער. מיט זיין איבערגעגעבן היילן די פאַרשיקטע האָט ער זיך ערוואָרבן יעדנס סימפּאַטיע; איצט האָט ער מיט זיין איבערגעגעבן קעמפן קעגן שונא אַלע באַגייסטערט און דערוועקט און יעדן העלדישע קרעפטן און מוט. ער האָט דאָס געשאַפן די אידעע וועגן אָרגאַניזירן אַ באַזונדערן קאָרפּוס. נישט קלערנדיק דאָבײַ, צוליב זיין עניוות, צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אַ קאָמענדאַנט.

"שוין לאַנג איז ער אין אירקוצק?"

„שוין צוויי יאָר; ער פירט זיך דאָ אויף מוסטערהאַפט..."

„גלייך אים פאַרשטעלן מיר!"

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער איז פארן גרויספירשט געשטאַנען וואַסילי פעדאָר. ער איז געווען הויכגעוויקסיק, פון אַ יאָר פערציק, מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַן ערנסט און אומעטיק געזיכט, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן שפּורן פון ליידן און קאַמף. די געזיכטסצוגן זיינע האָבן דערמאָנט אין די געזיכטסצוגן פון זיין טאָכטער. ער האט פון נאַדיאַס בריוו געוווּסט, אַז — נאָכן טויט פון דער מוטער — האט זי געזאָלט אַרויספאָרן צו אים דעם 10־טן יולי. די אינוואַזיע האט זיך אנגעהויבן דעם 15־טן יולי. וויבאַלד נאַדיאַ איז ביז אַהער נישט אָנגעקומען, אויסמיידנדיק דעם שונא, הייסט עס, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. דער באַאומרויִקטער פאָטער וועגן גורל פון זיין טאָכטער האט געברענט מיט אַ צווייפאַכער שנאה צו די ווילדע טאַטאַרן.

„וואַסילי פעדאָר! צי פאַרשטייען דיינע חברים, אַז זיי ווילן אויף זיך נעמען די פליכט איינצושטעלן ס'לעבן אין די ערשטע רייען, אָפּצוגעבן ס'לעבן אַלע ווי איין מענטש?"

„זיי ווייסן. דערפאַר ווילן זיי שאַפן דעם טויט־קאָרפּוס".

„און זיי ווילן דיך האָבן פאַר אַ אָנפירער?"

„מיך?"

„ווילסט מקריב זיין דיין לעבן?"

„אויב ס'איז פאַר רוסלאַנד בייטיק — יאָ!"

„קאָמענדאַנט פעדאָר: פון איצט אָן ביסטו נישט מער קיין פאַרשיקטער!"

„ווי־אַזוי וועל איך קענען זיין דער אָנפירער פון די, וואָס זענען נאָך פאַרשיקטע?"

„פון איצט אָן זענען זיי שוין אויך מער נישט קיין פאַרשיקטע!"

דער גרויספירשט האָט געוווּסט, אַז זיין ברודער וועט מיט זיין צאַרישן מאַניפעסט באַשטעטיקן דעמדאָזיקן אורטייל, אין וועלכן די קלוגע גערעכטיקייט איז פאַרייניקט מיט אַ גוטע פּאָליטיק. ער איז געשטאַנען ביים פענסטער און האָט געקוקט אויף די ברענענדיקע הייזער פון דער פאָרשטאָט. דערנאָך האָט ער געווענדעט דעם בליק אויף די אייזבערג, וואָס זענען געשווימען אויף די פּאַרויטלטע פּאַליעס און האָבן געבלישטשעט מיט פאַרשידנפאַרביקע שטראַלן. ווערנדיק באַשיינט פון די פלאַמען פון די ברענענדיקע הייזער — און אַזוי שטייענדיק האָט ער זיך פאַרטראַכט...

ער איז געבליבן אַליין. וואַסילי פעדאָר איז שוין געהאַט אוועקגעגאַנגען; ס'האָבן זיך שוין אויך געהאַט פאַנאַנדערגעגאַנגען די מיטגלידער פון קריגס־ראַט.

אינדעם האָט זיך געהערט אַ גערויש ביי דער טיר. ס'איז

אריינגעקומען דעם גרויספירשטס אדיוטאַנט... ער האָט מיט
אַ פרייד אין דער שטים געמאָלדן:
— אייער פירשטלעכע הויכקייט! ס'איז אָנגעקומען אַ קור-
יער פון זיין קייזערלעכן מאַיעסטעט!"

דער צארישער קוריער

די שטאבס־אָפיצירן זענען נאָכן ארויסגיין פון דער באַ־ראטונג געשטאנען ביים איינגאנג פון פאלאץ שטארק אומגעדול־דיק און ווי עלעקטריזירט. זיי האָבן דערזעען דעם צארישן קוריער... ווען זיי וואָלטן זיך געוועז פארטראכט וועגן דעם, וואָלטן זיי דאָס געהאַלטן פאר א אוממעגלעכקייט...

דער גרויספירשט האָט זיך שנעל דערנעענטערט צום אדיוטאנט:

„א קוריער פון צאר? ברענג אים שוין אהער".

באלד איז אריינגעקומען א מענטש, וועמענס פנים ס׳האָט אויסגעדריקט שטארקע מידיקייט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַן אנצוג פון א סיבירישן פויער, איינגאַנצן צעריסן און צעלע־כערט פון קוילן. א ווונד, וואָס האָט זיך שלעכט פארהיילט, האָט מיאוס געמאכט זיין לינקע באק; די צעריסענע שטיוול אויף זיינע פיס האָבן עדות געזאָגט וועגן א לאנגן און שווערן וועג, וואס איז געווארן אדורכגעמאכט צופוס.

„אייער פירשטלעכע הויכקייט?" האָט ער אויסגעשריגן נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל.

„דו ביסט א צארישער קוריער?"

„יאָ!"

„פונוואנען?"

„פון מאָסקווע".

„ווען ביסטו ארויסגעפאָרן?"

„דעם 15-טן יולי".

„דיין נאָמען?"

„מיכאַיל סטראָגאָוו."

דאס איז געווען דער חוצפהניק איוואן אָגארעוו. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס קיינער האָט אים דאָ נישט געקענט.

דער גרויספירשט האָט מיט א האנטבאוועגונג געהייסן ארויסגיין די אָפיצירן, וואָס האָבן מחמת דער אויפרעגונג, פארגעסנדיק אין דער עטיקעטע, זיך ארייגעשטופט אין זאל אריין נאָכן קוריער.

דער גרויספירשט איז געבליבן אליין מיטן פאלשן סטראָגאָוו. אָפּמעסטנדיק דעם „קוריער" מיט א פאָרשנדיקן בליק, האָט ער זיך צו אים אָנגערופן:

„ווו איז דער קייזער געווען דעם 15-טן יולי?"

„אין דער נאַכט פון 14-טן אויפן 15-טן יולי — אין קרעמל אויפן באַל."

„האָסט פון אים א בריוו?"

„אָט איז ער!"

דער גרויספירשט איז מיטן בליק אַדורכגעלאָפן דעם לאַקאָנישן בריוו.

„דער בריוו איז דיר איבערגעגעבן געוואָרן אין דעמ־דאָזיקן צושטאַנד?“

„ניין. איך האָב מיט אַ כיוון אָפּגעריסן דעם קאָנווערט, כדי אַז אין פאַל ווען מען זאָל מיך רעווידירן, זאָל איך קע־נען פאַרמאַסקירן דעם כאַראַקטער פון בריוו“.

„ביסט אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט?“

„יאָ. אויף אייניקע טעג. דערפאַר קום איך ערשט דעם 2־טן אָקטאָבער, נאָך 79 טעג וואַנדערן. כ׳וואָלט דאָ באַדאַרפט זיין שוין פון לאַנג“.

דער גרויספירשט האָט מיט כוונה געלייענט די אים גוט באַקאַנטע האַנטשריפט פון זיין ברודער דעם צאַר. דער אומ־צוטרוי פון דער ערשטער מינוט איז פאַרשוונדן. דער בריוו איז געווען אַ אמתער. דער מענטש, וואָס האָט אים געברענגט האָט געגעבן ריכטיקע תשובות. די ידיעות זענען געווען העכסט וויכטיקע.

„מיכאַיל סטראָגאָוו, דו ווייסט דעם אינהאַלט פון בריוו?“

„איך ווייס! איך האָב מיר געמוזט גוט איינחזרן דעמ־דאָזיקן אינהאַלט אין זכרון, כדי צו קענען אים איבערגעבן פון אויסווייניק אייער פירשטלעכער הויכקייט אין פאַל, ווען מען זאָל מיר דעם בריוו צונעמען“.

„צי ווייסטו, אַז דער בריוו באַפעלט אונדז צו שטאַרבן, איידער איבערצוגעבן די שטאָט דעם שונא?“

„איך ווייס“.

„צי ווייסטו, אַז דער בריוו איז מודיע וועגן אַרויסמאַרש פון אונדזער מיליטער מיטן ציל אָפּצוטרייבן דעם שונא?“

„איך ווייס... אָבער דערדאָזיקער אַרויסמאַרש איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן“.

„וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן?“

„איך רעד וועגן אישים, אָמסק און טאָמסק, ווי אונדזערע זענען געוואָרן באַזיגט".

„אָבער אונדזערע קאָזאַקן־פּולקן האָבן זיך דאָך נאָך נישט צוזאַמענגעשטויסן מיטן שונא!"

„פיל מאָל, אייער פירשטלעכע הויכקייט!"

„און זענען אָפּגעשטופּט געוואָרן?"

„ליידער! מחמת דער איבערגעוויכט אין קרעפטן פון די טאַטארן".

„ווו זענען פאָרגעקומען דידאָזיקע צוזאַמענשטויסן?"

„הינטער קאָליוואַן, הינטער טאָמסק".

ביז איצט האָט ער גערעדט אמת. נאָר כדי צו דערשלאָגן דעם מוט פון אירקוטסק, האָט ער מגזם געווען דעם זיג פון עמירס אַרמייען. דערפאַר האָט ער צוגעגעבן אַ ליגן:

„און ס'דריטע מאָל — הינטער קראַסנאָיאַרסק".

„א, אָט יענער קלענער צוזאַמענשטויס?"

„דאָס איז געווען אַ שלאַכט".

„אַ שלאַכט?"

„צוואַנציק טויזנט רוסן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער טאָבאָלסקער גובערניע, האָבן געקעמפט מיט איבער פופציק טויזנט טאַטאַרן. נישטקוקנדיק אויף דער וווּנדערלעכער גבורה, זענען אונדזערע געוואָרן צעריבן אויף שטויב".

„דו ליגסט!" האָט דער גרויספירשט אויסגעשריגן אַ אויפגעקאָכטער, נישט זייענדיק מער אימשטאַנד איינצוהאַלטן דעם כעס.

„כ'זאָג אמת" האָט דער כלומרשטער סטראָגאָוו קאַלטבלוטיק געענטפערט. „כ'בין געווען אַ עדות פון דערדאָזיקער שלאַכט. דאָרט בין איך אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 2־טן סעפּטעמבער. אַ דאַנק אָט דעם ניצחון האָבן זיך די טאַטאַרן געקענט קאָנצענטרירן אַרום אירקוטסק".

דער גרויספירשט האָט זיך באַהערשט. ער האָט אָגאַרעוון געגעבן צו דערקענען, אַז ער צווייפלט נישט מער אין זיינע ידיעות.

„דו רעכנסט יענע קרעפטן...?"

„אויף פיר הונדערט טויזנט מאַן!"

דאָס איז געווען אַ גרויסע גוזמא, וואָס איז געווען פאַרן ליגנער צו דער האַנט. דער גרויספירשט האָט שטיל געפרעגט:

„וועל איך, הייסט עס, נישט באַקומען קיין הילף פון מערב?"

„קיינע, אייער פירשטלעכע הויכקייט".

„הער־זשע, מיכאַיל סטראָגאָוו! עס זאָל אפילו קיין שום חילף נישט קומען נישט פון מזרח און נישט פון מערב, און דידאָזיקע באַרבאַרן זאָלן פאַרמאָגן אַ צאָל נישט פון פיר הונ־דערט טויזנט, נאָר פון אַכט הונדערט טויזנט — וועל איך אַליין נישט אונטערגעבן די שטאָט!"

אָגאַרעוו האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, באַהאַלטנדיק דעם צאָרנדיקן אויסדריק פון זיין בליק. דער גרויספירשט האָט שטאַרק אויפגערעגט אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן זאַל, א ביסל שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער און שווייגנדיק זיך פאַרקוקט אויף די שטערן, וואָס האָבן געפינקלט אויפן פאַר־וואָלקנטן הימל, און אויף די ווייטע פייערן פון שונאס לאַגער... הינטער אים האָבן אויף אים געקוקט אַ פּאָר בייזע אויגן, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך איינגעקוקט אין דעם קרבן פון לאַנג עפּלאַנטער נקמה. אזוי איז פאַרביי אַ פערטל שעה.

„מיכאַיל סטראָגאָוו! צי ווייסטו, אַז איך בריוו ווערט עווארנט, אַז כ'זאָל זיך היטן פאַר א געוויסן בוגד?"

„כ'ווייס".

„וועלכער וויל זיך דערוועַרבן מיין צוטרוי, כדי..."

„אָפּצוגעבן אירקוצק אין די הענט פון שונא. ער הייסט איוואן אָגארעוו. ער האט געשוואוירן נקמה צו נעמען פון צארס ברודער“.

„פאר וואס ?“

„פאר דעם וואס ער איז אראפּ אין א נידריקערער ראנג, לויטן אורטייל פון אייער פירשטלעכע הויכקייט.“

„איך דערמאן זיך... אבער דערדאזיקער אויסוואורף האט עס דאך פארדינט, וויבאלד ער האט כוח געהאט אנצורייצן אויף זיין פאָטערלאנד די טאטארישע מחנות !“

„זיין קייזערלעכער מאיעסטעט האָט מיר באפוילן גוט צו ווארנען אייער פירשטלעכע הויכקייט פאר דער סכנה, וואָס עס דראָט אייך, און האָט מיר אויך באפוילן אליין זיך צו היטן פאר דעמדאָזיקן פארעטער !“

„האָסט אים געטראָפן אויפן וועג ?“

„יאָ. ווען ער וואָלט געוואָר געוואָרן וועגן מיין שליחות וואָלט איך שוין נישט געלעבט“.

„וויאזוי ביסטו ניצול געוואָרן פון זיינע הענט ?“

„כ'האָב זיך געוואָרפן אין די פאליעס פון אירטיש !“

„וויאזוי האָסטו זיך אדורכגעריסן קיין אירקוצק ?“

„א דאנק דער אטאקע פון די פארטיידיקער, וואָס האָבן אָפגעשטויסן א אָפטיילונג פון שונא. איך האָב זיך אויסגעמישט מיט אונדזערע, אין דער מינוט ווען זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין שטאָט אריין. כ'האָב זיך געגעבן צו דערקענען און אָט... בין איך דאָ !“

„מיכאיל סטראָגאָוו ! האָסט באוויזן אויסערגעווינלעכע מוט און איבערגעגעבנהייט, וואָס לאָזן זיך נישט פארגעסן. האָסט עפּעס א פארלאנג ?“

„נאָר איינעם: צו שלאָגן זיך בײַ דער זײַט פֿון גרויס־פֿירשט”.

„גוט. פֿון הײַנט אָן ביסטו מײַן אַדיוטאַנט. וועסט וווינען אין מײַן פּאַלאַץ”.

„און אויב ס׳וועט פֿאַר אײַער פֿירשטלעכער הויכקייט זיך שטעלן איוואַן אָגאַרעוו אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען, ווי ס׳ווערט געוואָרנט אין בריוו?”

„וועלן מיר אים מיט דײַן הילף דעמאַסקירן, ווײַל דו קאָנסט דאָך אים. ער וועט שטאַרבן אונטער די שמיץ פֿון ריטער. קאָנסט גיין!”

אָגאַרעוו האָט מיליטעריש סאַלוטירט — און איז אַרויס פֿון זאַל.

אויף אַזאַ אופֿן איז דער פֿאַרעטער אויסגעצייכנט אַרײַן אין זײַן נײַער ראָל. ער האָט איצט גענאָסן פֿון פֿולשטענדיקן צוטרוי פֿון גרויספֿירשט. וווינענדיק אין פּאַלאַץ, האָט ער געוווּסט אַלע סודות פֿון די פֿאַרטיידיקונג. ער האָט אין זײַן האַנט געהאַלטן דעם שליסל פֿון דער לאַגע. קיינער האָט אים דאָ נישט געקענט, דערפֿאַר האָט ער זיך גאָרנישט געשראָקן, אַז מען קאָן אים נאָך אַמאָל דעמאַסקירן. און באַלד איז ער צוגעטרעטן צו פֿאַרווירקלעכן זײַן פֿאַרעטערישן פּלאַן.

ער האָט זיך צוגעקוקט צו דער פֿאַרטיידיקונגס־אַרבעט. ער האָט זיך אַרײַנגעשטופּט צווישן אָפֿיצירן, זעלנער, בירגער, וואָס האָבן אַלע גערן אויסגעהערט זײַנע אויסגעטראַכטע מעשׂיות וועגן זײַנע פּאַסירונגען אויפֿן וועג קיין אירקוצק. ער האָט זיך באַמיט אונטערצוברעכן מיט זײַנע פֿאַלשע ידיעות דעם מוט פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון דער שטאָט. אָבער ער האָט אָנגעטראָפֿן אין אַזאַ פּאַטריאָטישע עקשנות פֿון זייער זײַט, אַז

ער האָט באַלד געמוזט אויפהערן, כדי נישט צו דערוועקן אויף זיך קיין חשד, און ער האָט נאָך אַליין צוגעגעבן מוט:

„נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום זאַך — מוזן מיר פאַרטיידיקן די שטאָט ביזן לעצטן אָטעם!"

אַזוי אַרום האָט קיינער נישט באַמערקט די בייזע מחשבה, וואָס האָט געלויערט אין דער פינסטערער נשמה פון דאָזיקן בוגד.

באַלד אין אָנהייב האָט ער געדעכנט, אַז דער קערן פון יינע אינטריגעס וועט געפינען אַ גוטן באָדן צווישן די פאַר־שיקטע. ער האָט זיך צופעליק צוזאַמענגעטראָפן מיט וואַסילי פעדאָרן. דערדאָזיקער פאַרשיקטער דאָקטאָר איז געקומען צו אים, כדי געוואָר צו ווערן, צי האָט ער נישט אַמאָל געטראָפן זיך אויפן וועג מיט זיין טאָכטער. אָגאַרעוו האָט זי אַבּוֹמלט געהאַט געזען פאַרבייַלויפיק אויף דער פּאָסט־סטאַציע אין אישים, אָבער ער האָט אויף איר נישט געלייגט קיין אכט. איצט האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער פילט מיט דעם פאַרדאַגהטן פאָטער, און האָט אים גענומען אויספרעגן:

„ווען איז אייער טאָכטער אַרויסגעפאָרן פון אייראָפּעיש־רוסלאַנד?"

„אין דערזעלבער צייט וואָס איר".

„הייסט עס, דעם 15־טן יולי?"

„אַזוי האָט זי מיר טאַקי געשריבן אין בריוו פאַרן אַרויס־פאָרן".

„אַזוי... נו, מוזט איר האָפן, אַז זי איז נאָך נישט אַרויס־געפאָרן, דען ווען זי זאָל האָבן אַרויסגעפאָרן — וואָלט זי גע־מוזט אַריינפאַלן אין שונאס הענט".

וואַסילי פעדאָר איז אַוועק פון אים מיט אַ באַק גרעסערע זאָרג אין האַרץ. דער אויסוואורף האָט גוט געוווסט וועגן דער

פאַראָרדנונג אין ניזשני, לויט וועלכער ס׳זענען ג׳ שלאָ ן
וואָרן די גרענעצן פון סיביר. ער וואָלט דאָך געקענט דאָס דערציילן
דעם פאַרזאָרגטן פאָטער און מיט דעם אים באַרויקן.
האָט ער אָבער געהאַט אַ פאַרגעניגן צוצוזעען פעדאָרס פּיין
...ס האָט דעם פאַרעטער שטאַרק געקרענקט, וואָס ער קאָן
רעכענען אויף קיין מיטהילף אין אויספירן זיין פאַרעטערישן
פּלאַן ביי די פּאָליטישע פאַרשיקטע.

ער האָט זיך איצט געמוזט פאַרלאָזן בלויז אויף זיין
אייגענער געשיקטקייט. ער האָט באַשלאָסן אָפּצושוואַכן די וואַכ־
זאַמקייט פון די פאַרטיידיקער, דערמיט וואָס ער האָט די באַ־
לאַגערער צעווארפן געטון אין געהיים, אַז זיי זאָלן כּלומרשט
אָביסל לויזער מאַכן דעם מיליטערישן אַרום דער שטאָט, זיי
זאָלן אויף אַ געוויסע צייט אָפּלאָזן דאָס שיסעריי, — דערנאָך
זאָלן זיי פּלוצלינג נעמען שטורמען פון צוויי זייטן: פון צפון־
זייט און פון דרום־זייט, כּדי אַהינצוציען אין יענע פּונקטן די
קרעפטן פון די פאַרטיידיקער. און ווידער האָט ער גערעכנט
אָפּצוגעבן די שטאָט פון דער זייט, ווו ס׳געפינט זיך דער פאָרס
באָלשאַיאַ, פונוואַנען די באַלאַגערטע האָבן זיך גאָרנישט גע־
ריכט אויפן שונא, דערפאַר וואָס דער טייך איז נאָך נישט גע־
ווען פאַרפרוירן און די אייזבערג האָבן פאַרשטעלט דעם וועג
פאַר שיפלעך. אָגאַרעוו האָט דאָך געוווסט, אַז איבער די גרוי־
סע אייזבערג קאָן זיך אַ באַהאַלטענע מיליטער־אָפּטיילונג ביינאַכט
אַריינרייסן אין שטאָט אַריין. מען דאַרף נאָר דעם שונא געבן
אַ צייכן, אַז די פאַרטיידיקער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַנדע־
רע, כּלומרשט מער איינגעשטעלטע, פּונקטן פון שטאָט.

כּדי אויסצופירן דעמדאזיקן פּלאַן פלעגט ער אין געהיים
אַרויסגיין אויסער די פאָרטן; אדער ער פלעגט גאָר אַרויסגיין
עפנטלעך, ווערנדיק באַוווּנדערט פון די וואַכן פאַר זיין דרייסטקייט

און העלדישקייט. ער האט כלומרשט אונטערגענומען זיך אויסצו־ פארשן דעם צושטאנד פון די אייזבערג אויפן טייך, איינשטעלנ־ דיק זיך ס׳לעבן פארן נוצן פון דער פארטיידיקונג...

אינדערעמתן אבער איז ער זיך געגאנגען טרעפן אויף די אייזבערג, מיט עמעצן וואס האט זיך אונטערגעגנבעט צו אים, ווי א שאטן, מיט פלינקע שפרייזן אונטער דער מויער פון אנגעזאמלטן אייז. דעמדאזיקן שאטן — דאס איז געווען סאנגארא — פלעגט אגארעוו אראפוואַרפן בריוו מיט אנווייזונגען פארן שונא.

אגארעוו האט דעם כאן צוויסן געטון, אז ער וועט אים אפגעבן די שטאָט אין דער נאכט פון 5־טן אויפן 6־טן אָקטאָ־ בער.

די קריטישע נאכט

אָגארעוו האט זיין פּלאן אויסגעארבעט מיט א אויסערגע־ווייגלעכער געשיקטקייט. ערשטנס, האט ער ארויסבאקומען ביי־טיקע ידיעות וועגן גרויספירשטס פּלענער וויאזוי ס׳זאל פאנאנ־דערגעשטעלט ווערן דער גארניזאן; צווייטנס, האט ער ארויפגעפירט דעם גרויספירשט אויף א פאלשן וועג, דורך געבן אים צוויסן וועגן כלומרשטע צוגן פון שונא, פארהוילנדיק פון אים גלייכצייטיק די אמתע צוגן, וועלכע ער האט אליין אנגעוויזן זיינע שותפים. אויך די צופעליקע באדינגונגען האבן דעם בוגד צוגעהאלפן אויסצופירן זיין פארעטערישן פּלאן. אין דער קריטישער נאכט האט די אייזמויער גערירט אויפן טייך. ס׳אייז איז צעגאנגען און אוועקגעשווימען. דער צוטריט צו דער שטאָט פון דער זייט פון טייך איז שוין איצט לייכטער געווען.

אָגאַרעוו האָט אין אַ פינסטערן זאל פון פּאַלאַץ אכטונג געגעבן אין געהיים ביי אַ פענסטער, אונטער וועלכן אַ ברייטע טעראַסע האָט זיך געצויגן אראָפּ צום טייך.

ער איז געשטאַנען אַזוי אין דער פינסטער און האָט אָבּ־סערווירט די פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס אין די פּאָרטן, און די

יכט-סיגנאַלן וועגן די צוגן פון כאַנס מיליטער. דאָרט אויף יענער זייט האט מען געוואַרט אויף דעם אפגערעדטן סיגנאל, וואס סטראגאוו דארף געבן אין דער באשטימטער שעה פון שטאָט ארויס.

פלוצלינג האט עמעצער אנגעקלאפט אין דער טיר פון זאל, ווו אגארעוו איז געשטאנען ביים פענסטער. ס'האט אים א שטים גערופן: „מיכאיל סטראגאוו!" דאס האט מען אים גערופן צום גרויספירשט אויף א באראטונג. דען דער גרויספירשט האט געהאט צו אים א געוואלטיקן צוטרוי. דערצו איז ער נאך געוועזן אנטציקט פון זיינע, דעם „קוריערס", קלוגע באמערקונגען וועגן די פארטיידיקונגס-מיטלען און וועגן די טאטארנס מלחמה-טאקטיק, וואָס ער האָט כלומרשט קענען-געלערנט אין דער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט ביי זיי.

„זיין פויערישער שכל — פלעגט דער גרויספירשט זאָגן צו זיינע שטאַבס-אָפיצירן — איז ווערט וויפל אונדזער סטראַטעגישע וויסנשאַפט. איך באַראַט זיך מיט אים אין אַלע וויכטיקע פראַגן".

אָגאַרעוו האָט זיך אויפן אָנקלאַפּן אין דער טיר נישט אָנגערופן. האָט ער דען נאָך געהאַט וואָס צו זאָגן דעם גרויס-פירשט, ווייבאַלד אַז אַלץ האָט זיך איינגעגעבן אינגאַנצן לויט זיין פּלאַן? די גרעסטע פּאַרטיידיקונגס-קרעפטן זענען דאָך שוין געווען איבערגעפירט ווייט פון פּאָרט באָלשאַיאַ — אין אַנדערע פּונקטן, ווו דער כאַן האָט כלומרשט שטאַרק אַטאַקירט מיט דער גאַנצער קראַפט. נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, איז דער אַדיוטאַנט אַוועק פון דער טיר און געגאַנגען מודיע זיין דעם גרויספירשט, אַז „סטראָגאָוו" געפינט זיך נישט אין פּאַלאַץ.

ס'איז שוין געווען אַ זייגער צוויי ביינאַכט. אָגאַרעוו האָט זיך דורכן פענסטער ארויסגעשארט אויף דער טעראסע און זיך

שטיל אראָפּגעלאָזט צום טייך. שטייענדיק שוין ביים ברעג, האָט ער ארויסגענומען אַ פייערשטיינדל. ער האָט אָנגעצונדן פייער — און אַ שליידער געטון עס אויפן טייך. ס'האָבן זיך געטון אַ הייב אויף פלאמען. דען לויט זיין באפעל האָבן די טאטארן שוין זינט צוויי טעג ארויסגעפּאָמפּעט פון די רעזערוואַרן, וואָס האָבן זיך געפונען הינטערן שטאָט, דעם גאנצן נאפט און גע־לאָזט אים פליסן איבערן טייך.

„ענדלעך!" האָט מיט ניצחון אויסגערופן אָגארעוו.

די שרפה איז געווען א סיגנאל. פון צפון־זייט און פון דרום־זייט פון אירקוצק האָבן געזעצט די טאטארישע הארמאטן, די פארטיידיקער האָבן פארעקשנט געענטפערט אויפן שטורעם, וואָס איז געווען אויסגעצייכנט רעזשיסירט, אז ער זאָל זיך אויסווייזן שרעקלעך און געפערלעך, כדי אויף אזא אופן צו פארמאַסקירן די אנדערע מיליטערישע צוגן. אין פינסטערניש געהילט, פאַרזיכטיק און שטיל, האָבן זיך צוויי אָפּטיילונגען מיליטער אויף ביידע ברעגן פון דער אנגארא צוגערוקט אלץ נענטער און נענטער צו דער שטאָט.

באלד האָבן אָנגעהויבן קלינגען אלע קלויסטער־גלאָקן, אָנזאָגנדיק די איבערגעשראָקענע באפעלקערונג, אז א שרפה איז אויסגעבראָכן ביים ברעג טייך...

אָגארעוו האָט זיך שטיל צוריקגעשארט איבער דער טע־ראסע ארויף צום פאלאַץ. ער איז צו צו זיין צימער, האָט שטיל געעפנט די טיר און איז אריינגעגאנגען. ער האָט איצט בלויז געקלערט וועגן דער מינוט, ווען זיינע פארבינדעטע וועלן אריין אין שטאָט — און דעמאָלט וועט ער מיט זיי צוזאמען באפאלן דעם גרויספירשט און וועט זיך נוקם זיין אָן אים! אָט באלד קומט אָן די געהאָפטע מינוט פון ניצחון און נקמה!

אָבער ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט זיך נאָך אים אריינגעשארט אין דער פינסטער אַ פרויענגעשטאלט.

„א, סאנגארא!“ האָט ער פרייליך אויסגערופן.

נאָר דאָס איז נישט געווען סאנגארא. דאָס איז געווען נ אַ ד י אַ!!...

מיר געדענקען נאָך דעם געשריי, וואס האט זיך ארויסגעריסן פון סטראגאווס ברוסט ווען ער איז אַזוי געשטאנען באלויכטן מיט אַ גלאָלען פייער אויפן אייזשטיק, מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט צו דער שטאָט. איין רגע פריער האָט נאַדיאַ ארויסגעלאָזט אַ געשריי...

דאָס האָט געברענט פון אָגאַרעווס פונק דער טייך אנגארא...

אין פלוצלינגדיקן שיין פון די פלאַמען האָט נאדיאַ פונדערווייטנס דערזען דאָס אבזוריוּתדיקע און מיאוסע געזיכט פון אָגאַרעוון...

סטראָגאָוו האָט זי פלינק געכאַפּט אין זייגע אָרעמס. ער האָט דערפילט ארום זיך אַ הייסע לופט און דעם כאראקטעריסטישן ריח פון ברענענדיקן נאפט. ער האָט געוווסט, אַז פייער ציט זיך צו דער לופט, און אַז דאָס דערווארעמען זיך פונם וואסער אין טייך דערגייט נישט טיף. ער האָט מיט זיינע פעסטע אָרעמס ארומגעהאלטן נאדיאן — האָט זיך פלינק ארונטערגעלאָזט אונטערן וואסער און אזוי אָנגעהויבן מיט איר שווימען. ווייטער זענען די קריעס שוין געהאט צעגאנגען און אוועקגעשווימען, דער טייך איז דאָרט געווען אָפּגערייניקט. האָט ער זיך מיטן מיידל אויפגעהויבן איבערן אויבערפלעך. אזוי זענען זיי נאָך געשווימען אביסל — און זענען ארויס אויפן ברעג.

ס׳איז געשען דער נס. סטראָגאָוו איז געשטאנען ביי

זיין ציל. זיין פוס האָט באטרעטן די געגארטע ערד פון אירקוצק.

„צום גובערנאטאָרס פּאַלאַץ!" האָט אויסגעשריגן נאַדיא, דערזעענדיק ווי אָגארעוו גייט אריין אין זיין צימער אריין.

זי האָט אָנגעהויבן לויפן נאָך אים, פאַרגעסנדיק אין איר צאָרן, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַליין איר בלינדן חבר...

פאַרן פּאַלאַץ איז געווען ליידיק. די אָפיצירן, די באַדינער — אַלע זענען געלאָפן אַהין צו דער שׂרפה, וווּ מען האָט גערופן הילף.

„איוואַן אָגאַרעוו!" האָט אויסגעשריגן נאַדיא.

דער פאַרעטער האָט אַ ציטער געטון. ווער האָט עס אים דאָ אָנגערופן ביים אמתן נאָמען? ווער האָט עס אים דאָ דערקענט? וועמענס פרעמדע שטים איז עס?

ער האָט איצט געהאַט פאַר זיך איין רעטונג: צו דערהרגענען דידאָזיקע געשטאַלט, וואָס האָט אים אַ צווייט און אַ דריט מאָל געוואָרפן אין פּנים אַריין בלויז: „איוואַן אָגאַרעוו", וואָס דאָס האָט באַדייט: „בוגד!"

ער האָט אַרויסגעצויגן זיין שטילעט. אָבער זי האָט שוין אויך געהאַלטן אַ מעסער אין האַנט. האָט ער פלינק פון איר האַנט אַרויסגעשטויסן ס'מעסער. ער האָט זי שוין געהאַט צוגעדריקט צו דער וואַנט, ער האָט דערזעען איר איבערגעשראָקן געזיכט אין רויטן שיין, וואָס האָט דאָ אָפּגעשלאָגן פון די שׂרפה פלאַמען.

איין אויגנבליק — און ער וועט זי דערשטעכן אויף טויט...

„גיבאַיל!" האָט זי געטון אַ געשריי.

און סטראָגאָוו האָט דערהערט דעמדאָזיקן געשריי. ער איז שוין

געוועזן אין צימער — און איז שוין געשטאַנען צווישן מערדער און דעם קרבן — פונקט ווי ער איז דעמאָלט אריינגעשפּרונגען צווישן איר און דעם בער דאָרט אויף די בערג פון אוראַל!

„שרעק זיך נישט!" האָט ער צו איר געזאָגט.

„היט זיך, ער האָט געווער! ער זעט. דו זעסט דאָך נישט!" האָט זי געשריגן דערשראָקן.

נאָר דער בלינדער האָט שוין אַנידערגעוואָרפן דעם זע־עוודיקן אויף דער ערד.

ער האָט אויך געהאַלטן אין האַנט אַ מעסער.

„וואָס הייסט דאָס?!" אָגאַרעוו האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ חוזק־שמייכל. ער האָט דערקענט סטראָגאָוון — מיטן בלינדן וועט ער זיך אַליין אַן עצה געבן אין איין רגע.

„פאַרמאַך די טיר, נאַדיאַ! איך דאַרף נישט קיין הילף. קום אַהער, אויסוואָרף, אויב דו וואַגסט!..."

אָגאַרעוו האָט זיך ווי אַ טיגער אונטערגעגלעבט צו זיין קעגנער. ער האָט געשטעלט שטילע טריט, כדי דער בלינדער זאָל נישט דערהערן אויף וועלכן אָרט ער געפינט זיך; און אַזוי גאַנץ שטיל וועט ער אים אונטערגיין פון הינטן. ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אַ לאַנגן, אויסגעבויגענעם שטילעט.

סטראָגאָוו האָט געהאַט בלויז אַ סיבירער יעגער־מעסער.

נאַדיאַ איז געשטאַנען דערנעבן און אינגאַנצן געציטערט פון שרעק: איז דען נישט פאַראויסצוזען ווער ס'וועט זיגן ביי אַזעלכע נישט גלייכע קרעפטן?

אָבער צוקוקנדיק זיך מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צום קאַמף, האָט נאַדיאַ צו איר גרויס באַוווּנדערונג באַמערקט, אַז דער בלינדער איז שטאַרקער פון זעעוודיקן, דער ערגער באַוואָפנטער — איבער דעם גוט באַוואָפנטן; דאָ האָבן געקעמפט אַ לייב מיט אַ טיגער. דער לייב איז געווען רויק, דער טי־

גער צערייצט. אומזיסט האָט דער זעוודיקער געצילט צווישן די אויגן פון בלינדן. דאָס יעגער־מעסער האָט אָפּגעשלאָגן דעם שטילעט.

אָגארעוו האָט בליצלינג א ציטער געטון. א קאַלטער שווייס איז אים אַראָפּגערינען פון שטערן אין קאָפּ האָט אים א זעץ געטון א מוראדיקער געדאַנק.

„ער זעט דאָך!" האָט ער א געשריי געטון און האָט זיך פון שרעק צוזאַמענגעקאָרטשעט און אַנידערגעפאַלן. און אזוי איינגעקאָרטשעטערהייט האָט ער זיך אַוועקגעקאָלערט אין א ווייטן ווינקל פון צימער. פאַר אים איז געשטאַנען סטראָגאָוו א אויסגעגלייכטער, ווי א סטאַטוע.

סטראָגאָוו האָט זיך צוגערוקט גלייך צו אים:

„יאָ, איך זע! איך זע דעם שראַם פון דער נאַהייקע, מיט וועלכער כ'האָב דיך געצייכנט ביז אין טויט אַריין. פאַרכיידיק דיין לעבן, דו געמיינע בריאה. א אָפיציר רופט דיך אַרויס אויף א דועל, דערפאַר וואָס דו ביסט א געוועזענער רוסישער אָפיציר. מיין מעסער אַנטקעגן דיין שטילעט".

„מיין גאָט! ער זעט? איז עס מעגלעך?" האָט נאַדיאַ אויסגערופן.

פאַר אירע אויגן האָבן זיך געקרייצט דער שטילעט מיטן מעסער. אָגאַרעוו איז געקומען צו זיך. ער האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד — אַ שווערד מוז באַזיגן אַ מעסער. אָבער דאָס מעסער האָט אַ זעץ געטון אין דער שאַרף פון שווערד. די שווערד האָט געטון אַ פלי איבערלופטן — און איז מיט אַ שטאָלענעם קלאַנג אַראָפּגעפאַלן אויפן פאַרקעט. דאָס סיבירער יעגער־מעסער האָט זיך טיף אַריינגעשטאָכן אין האַרץ פון פאַררעטער

אָגאַרעוו איז בעלעגן טויט.

אין דערזעלבער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר. אין דער שפיץ פון זיין סוויטע איז אַריינגעקומען דער גרויספירשט.

„ווער האָט עס דערהרגעט דעמדאָזיקן מענטש?״ האָט ער בעפרעגט צאָרנדיק.

„איך!״ האָט נעענטפערט סטראָגאָוו.

אַ אָפיציר האָט צוגעלייגט אַ רעוואָלווער צו דער שלייף פון רוצח, גרייט אויסצושיסן אויפן באַפעל פון גרויספירשט.

„דיין נאָמען?״ האָט געפרעגט דער גרויספירשט.

„זאָל בעסער אייער פירשטלעכע הויכקייט פרעגן אויפן נאָמען פון דערהרגעטן״.

„כ׳ווייס אים! דאָס איז דער געטרייער דינער פון מיין ברודער. דאָס איז דער צארישער קוריער״.

„ניין! דאָס איז איוואַן אָגאַרעוו! דאָס איז דער פאַרעטער!״

„איוואַן אָגאַרעוו — ער?!! און דו ווער ביסטו?״

„מיכאַיל סטראָגאָוו!״

עפּילאָג

ווי קאָן מען זיך דערקלערן דאָס, וואָס עס איז אומגע־ריכט געשען מיט סטראַגאָוון? אַ נס? ניין. פֿאַנטאַזיע? ווידער־אַמאָל — ניין! גאָר פּשוט: סטראַגאָוו איז קיינמאָל נישט בלינד געווען!...

הייסט דאָך עס ווידער — אַ נס! וואָרום מען האָט דאָך אים בלינד געמאַכט.

ניין. ס'איז דאָ קיין שום נס נישט געשען נאָר אַ פענאָ־מענאַלע נאַטור־דערשיינונג—אַ פיזישע צוגלייך מיט אַ מאָראַלישע—וואָס ווערט אויך באַשטעטיקט פון דער וויסנשאַפט.

מיר געדענקען, אַז מאַרטאַ סטראַגאָוו איז געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט פּונקט אַנטקעגן איר זון, וואָס איז גע־ווען פאַרמשפּט בלינד צו ווערן, און אַז ער האָט אויף איר אָנ־געשטעלט זיין לעצטן בליק. דער גאַנצער קוואַל טרערן איז אים אריינגעפלאָסן אין די אויגן. ער האָט, נישט קוקנדיק אויף

זיין מענלעכן שטאלץ, געוויינט איבער זיין צעווייטיקטע מוטער
איבער זיין צעשטערטע שליחות, איבער זיין אומגליקלעך פאָטער-
לאַנד. און דערפאר וואס ער האט צוליב זיין שטאָלץ איינגע-
האלטן פיל טרערן אונטער די אויגנלעדנדלעך, האָט זיך פון
דער היץ פון אָנגעגליטן שטאָל געשאפן א שיכטע פארע, וואָס
האָט ווי א פאַנצער פארשטעלט די אַפּלען... דידאָזיקע פארע
האָט דאָ געהאט דיזעלבע פארהיטונגס-ווירקונג, וואָס עס האָט
דאָס וואַסער, אין וועלכן דער גיסער טינקט איין זיינע הענט,
איידער ער טינקט זיי איין אין צעלאָזטן מעטאַל.

האָט עמעצער געוווסט פון דאָזיקן גליקלעכן צופאַל? יאָ!
עס האט וועגן דעם געוווסט זיין מוטער. נאָד איר אליין, ווען
וי איז אזוי געלעגן אין אירע גרויסע יסורים, האָט ער אנט-
דעקט דעם טייערן סוד, וואס האט אים דערפרייט נישט נאָר
מיט די אָפגעראטעוועטע אויגן, נאָר אויך מיט דעם, וואס פון
איצט אָן וועט ער קענען, אין דער ראָל פון א בלינדן, לייכטער,
מיט ווייניקער געפאַר, אַדורכפירן זיין שליחות, ווייל זיינע
פאַרפאָלגער האָבן אים שוין געהאַלטן פאר אומפעיק צו דעם
פאַרוואָס אָבער האָט ער דעמדאָזיקן סוד נישט אַנטדעקט
גאַדיאַן? פאַרוואָס האָט ער זי עפּעס אָפגענארט?
ער האט געמוזט קעגן איר אזוי האנדלען, ווייל ער האט
מורא געהאט, אז זי קאן זיך אמאל פארגעסן בשעת א סכנה,
און מיט אווארט, אדער אפילו בלויז מיט אַ זשעסט, מיט וועלכ
מען וועגדעט זיך געוויינלעך צו א זעעוודיקן, אויסגעבן זיין גע-
היימניש. דערפאר האט ער געמוזט נעמען אויף זיך אָט דידאָ-
זיקע שווערע משא שפילן די ראָל פון א בלינדן.
און נאָך א גליקלעכער פאקט איז אין יענער רגע גע-
שען: דער פארעטער האט אין זיין שרעקלעכער געמיינהייט
אונטערגערוקט דעם צאַרס בריוו צו די אויגן פון כלומרשטן

בלינדן, וועלנדיק מיט דעם חוזק מאַכן פון אים. אבער די אינדעראמתן זעעוודיקע אויגן האָבן זיך ענערגיש אַריינגעלייגט אין טעקסט פון דעם קייזערלעכן שריפט, און די ווערטער זע־נען פאַרבליבן סטראָגאָוון גוט אין זכרון. און אַזוי האָט ער אָן בריוו געוואנדערט, פאַרעקשנט אין זיין גלויבן, אַז עס וועט זיך אים נאָך איינגעבן צו קומען קיין אירקוצק און צו ברענגען די וויכטיקע ידיעה צום גרויספירשט, איידער אָגאַרעוו וועט דאָרטן אהינקומען.

צי האט סטראגאוו פאַרשפעטיקט? ניין! ער איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט, כדי אומשעדלעך צו מאַכן דעם פאַ־רעטער און אַזוי אַרום מציל צו זיין דעם גרויספירשט פון טויט סטראָגאָוו האָט איינגיכן אויך געהאַט דאס גליק צו הערן, אַז אָגאַרעווס פלאַן צו לאָזן אויף הפקר דעם פאָרט באָלשאַיאַ, איז צונישט געוואָרן אַ דאַנק דער פאָרזיכטיקייט פון וואַסילי פעדאָר, וואָס איז פאַרבליבן מיט זיין קאָרפוס אויפן דאזיקן אָרט, פון וועלכן דער גרויספירשט האָט דורך זיין צוטרוי צום פאַרעטער אין גאַנצן אָפגעצויגן די וואַכן. ער האָט אויך געהאַט דאָס גליק איבערצוגעבן נאַדיאַן אין די הענט פון איר פאָטער, וואס איז שוין נישט מער קיין פאַרשיקטער, נאָר א באשאָנקענער מיט אַ אויס־צייכנונגס־קרייץ.

אין צוויי טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ גרויסע רוסישע אַרמיי אונטער דער אַנפירונג פון גענעראַל קיסעלעוו. הינטער די מויערן פון אירקוצק האָט זיך צעשפילט אַ ריזיקע שלאַכט, אין וועלכער די טאַטאַרן האָבן געליטן אַ פולשטענדיקע מפלה. די רעשט פרטים פון דערדאָזיקער מלחמה קענען די לעזער גע־פינען אין די באַשרייבונגען פון זשאָליווע און בלאָונט. וואָרום

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די ביידע קאָרעספּאָנדענטן האָבן דעמאָלט, ביים אַראָפּשפּרינגען אין דער ריכטיקער רגע פון דער טראַטווע, אַרויפבאַקומען זיך איבער די אייזשטיקער אויפן ברעג און זענען אַרויס מיט גאַנצע ביינער. נאָכן באַשרייבן די לעצטע שלאַכט הינטער אירקוטסק, זענען זיי אַוועק קיין כינע, כדי צוצוקוקן זיך צום בירגער־קריג, וואָס האָט זיך אין יענער צייט דאָרט אָפּגעשפּילט.

סטראָגאָוו איז געוואָרן זייער חשוב ביים גרויספירש. אין קורצן דערנאָך האָט ער געפייערט זיין חתונה מיט נאַדיאַן. אויפן חתונה־באַל האָבן זיך געפונען דער גרויספירשט מיט זיין גאַנצער סוויטע און אויך חשובע געסט פון די שטאָטישע איינוואוינער.

נאָך דער חתונה איז דאָס יונגע פּאָר אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע צוזאַמען מיטן באַפרייטן וואַסילי פעדאָר. אויפן וועג האָבן זיי אָפּגעטרעטן אין אָמסק, כדי צו באַגריסן די העלדישע אַלטע מאַרפא סטראָגאָוו און איר אָנצוזאָגן די גוטע בשורה וועגן ניצחון פון איר זון.

זיי האָבן זיך אויך פאַרהאַלטן נישט ווייט פון טייך דינקא און האָבן אַוועקגעשטעלט אַ מצבה אויפן קבר פון גוטן און אומשולדיק אומגעקומענעם מיכאיל פּיגאַסאָוון.